STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09243

GEVEN IZ A GETO

Moshe Pulaver

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פולאַווער

געווען איז אַ געטאָ

בילדער — געצייכנט פון וואָלף אַדלער

הויפּט־פאַרקויף: י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק
תל־אביב 1963

M. PULAWER
GEWEN IS A GETO

מ. פולאַווער / געווען איז אַ געטאָ

הויפּט־פאַרקויף: י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי", ת"א, רח' יסוד המעלה 27, טלפון 32062

דעם אָנדענק
פון מיין מאַמע **גיטל**,
שוועסטער **שיינדל**,
ברודער **וואָלף־בער**,
פרוי **רייזל**,
טאָכטער **רחלע**,
וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן
דורך די מערדער — דייטשן

משה פולאַווער

געווען איז אַ געטאָ

רחלע און גיטעלע

רחלע און גיטעלע זיינען געווען שכנים, טיר ביי טיר, אין לאָדזשער געטאָ. רחלע — פינף יאָר אַלט און גיטעלע — פיר יאָר.

רחלע איז געווען אַ בלאָנדע, אַ שלאַנק מיידעלע מיט בלויע גרויסע אויגן.

גיטעלע האָט געהאַט רויטע הערעלעך, אַ שיין רונד קעפּעלע, אַ פּיס־קאַטע מיידעלע.

ביידע חברטעס האָבן געהאַט צעפּעלעך. זיי האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב געהאַט. גיטעלעס פאָטער איז געווען אַ בעקער פון פאַך. ער האָט געאַרבעט אין געטאָ אין אַ בעקעריי, איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען אַ זאַטער.

רחלעס פאָטער איז געווען אַן אַקטיאָר און אָנגעפירט מיטן געטאָ־טעאַטער. איז ער נישט געווען פון די געבענטשטע, פון די זאַטע. אָבער גיטעלעס פאָטער האָט נישט פאַרגעסן צו ברענגען צו רחלעס עלטערן פון צייט צו צייט אַ מתנה — אַ שטיקל ברויט.

אַז גיטעלע איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי און מ'האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן זי אָנצוטאָן, איז זי שוין געשטאַנען ביי דער אויפגע־מאַכטער טיר און געשריען: „רחלע, קום אַריין!" און רחלע האָט גע־ענטפערט פון איר טיר: „קום אַריין צו מיר".

און אַז רחלע איז געווען ביי גיטעלען, האָט שוין רחלע אויך באַקומען אַ שטיקעלע ברויט, מער ווי ביי זיך אין דער היים. גיטעלע האָט זיך שטענדיק געטיילט מיט רחלען.

די ברויט־צוטיילונג אין געטאָ איז באַשטאַנען פון 2 קילאָ זאַמדיק ברויט אויף איין וואָך פאַר אַ פּערזאָן.

די לעצטע טעג פון דער וואָך איז ביי קיינעם נישט געווען קיין קרישקעלע ברויט אין שטוב. גיטעלע האָט שוין געוווּסט צו ברענגען אַ שטיקעלע ברויט פאַר רחלען.

פאַרשטייט זיך, אַז די פריינדשאַפט איז ביי די קינדער געווען זייער שטאַרק.

דאָס לאַדזשער געטאָ האָט אָפט דורכגעמאַכט זייער אַ סך „שפּערעס" און מען האָט די קינדער שטענדיק געמוזט אויסבאַהאַלטן. נאָך יעדן מאָל אויסבאַהאַלטן זיך איז די פריינדשאַפט צווישן גיטעלען און רחלען געוואָרן נאָך שטאַרקער.

רחלע האָט אָפט גערעדט מיט איר טאַטער וועגן ברויט, זעמל, קאַרטאָפל, פלייש. זי האָט שטענדיק זיך געפרעגט:

— טאַטעשי, אַז ס'וועט זיין נאָך דער מלחמה, וועסטו מיר קויפן אַ סך צו עסן?

און דער פאָטער האָט געענטפערט:

— כ'וועל דיר קויפן אַ סך, אַלץ.

ביי רחלען איז געווען אַ יום טוב, ווען מ'האָט געבראַכט אַ היים דאָס ברויט און די פּראָדוקטן־צוטיילונג. ווען אַלץ איז שוין געווען אין שטוב, איז רחלע געשטאַנען ביים טיש אויף אַ קליין בענקעלע און מיט אַ לעפעלע אין האַנט געלעקט פון דעם מאַרמעלאַדע־צוקער.

דאָס זיינען געווען די שענסטע טעג רחלעס אין געטאָ, די געציילטע טעג אין וואָך פון זיין אַ ביסל זאַטער. האָט זיך רחלע גאָר אַנדערש געשפּילט. זי האָט געהאַט אַ סך שפּילצייג נאָך פון דער שטאָט, האָט זי זיך געקאָנט לאַנג שפּילן. די צוויי חברטעס מיט די רויטע און בלאָנדע צעפּלעך זיינען געווען פאַרשפּילט דעם גאַנצן טאָג.

אַזוי איז עס געווען ביז מ'האָט אין יאָר 1943 אויסגעזידלט די עלטערן מיט גיטעלען צוזאַמען. פאַרן אַוועקשיקן זיי, זיינען זיי געקומען זיך געזעגענען. גיטעלע איז געווען אויסגעפּוצט, מיט צוויי קליינע טאַר־בעלעך אָנגעהאָנגען אויף ביידע זייטן.

איז גיטעלע צוגעגאַנגען צו רחלען:

— זיי געזונט, רחלע. דו ווייסט, רחלע, איך פאָר אַוועק מיט מיין מאַמעשי און מיין טאַטעשי.

זי האָט אַרומגענומען רחלען און ביידע האָבן זיך שטאַרק געדריקט און געקושט. די עלטערן האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעקוקט צום דעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

רחלע איז געוועזן זייער טרויעריק און געפרעגט מיט אויסגעגלאָצטע אייגעלעך:

— גיטעלע, ווען וועסטו קומען צוריק?

די עלטערן האָבן זיך שוין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און אויס־געבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. זיי האָבן זיך געזעגנט און זיינען אַוועק. רחלע מיט אירע עלטערן האָבן זיי אַרויסבאַגלייט, און זיי, מיט די פּעק, האָבן אָנגעהויבן פאַרשווינדן, ביז מ׳האָט זיי שוין מער נישט געזען...

דער טאָג איז פאַר רחלען געוועזן זייער אַ שווערער. זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען; זיך אָנגעהויבן שפּילן — און אַוועק־געוואָרפן די שפּילצייג; זיך געדרייט און נישט געוווסט וואָס זי זאָל מיט זיך טאָן.

רחלען האָט געפעלט גיטעלע, געפעלט אין שפּילן זיך, געפעלט אין טעג ווען ס׳האָט אויסגעפעלט ברויט אין שטוב.

אין געטאָ איז ווייטער אָנגעגאַנגען דאָס אַרויסשיקן טראַנספּאָרטן. ביז ס׳איז געקומען די ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ אין אויגוסט 1944.

רחלע איז מיט אירע עלטערן אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אוישוויץ.

רחלע איז מיט איר מאַמען געגאַנגען דעם וועג, וווהין אַלע גיטעלעך זיינען געגאַנגען...

קוילנגרעבער אין לאָדזשער געטאָ

אונדזערע קוילנגרעבער אין געטאָ זיינען מייסטנס באַשטאַנען פון ניין־צעניאָריקע קינדער.

יעדעס יינגל אָדער מיידל האָט מיט זיך געטראָגן אַ זעקל, אַ גראַביע, אַ לעפל, אָדער אַ האַמער. דאָס זיינען געוועזן די כלים, וואָס די קינדער האָבן באַנוצט ביים זוכן אָדער גראָבן קוילן. די הויפּט־פּלעצער פון גראָבן אָדער זוכן זיינען געוועזן די חורבות פון צעשטערטע הייזער און אויך קאַמערס, ווו מען האָט אַמאָל געהאַלטן קוילן אויף ווינטער.

צווישן די קוילנגרעבער זיינען געוועזן אַ סך, וואָס האָבן אַ טייל אויסגעגראָבענע קוילן פאַרקויפט, כדי צו קריגן דערפאַר אַ ביסל זופּ.

די קינדער זיינען געוועזן אויסגעמאָגערט, נישט דערעסן, נישט

דערוואַרעמט. דאָס זוכן, גראָבן און געפינען שטיקלעך קוילן איז פאַר די קינדער געווען אַ לעבנספראַגע.

די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ, אַז יעדן טאָג זיינען צוגעקומען נייע קוילנגרעבער.

די קינדער, וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם טאָג פון זוכן און גראָבן, האָבן אַ טייל קוילן אַהיימגעבראַכט צו זייערע נאָענטע. אַנדערע קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַנדלט מיט די קוילן, האָבן אַלץ וואָס זיי האָבן דורך דעם טאָג געפונען אַהיימגעבראַכט, כדי צו דערוואַרעמען זייערע פאַר־פרוירענע גופים. זאָט איז מען נישט געווען — האָט מען זיך געקוויקט מיט דעם ביסל וואַרעמקייט.

דאָס גראָבן קוילן אין געטאָ איז די קינדער נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. די פּאָליציי האָט דאָס נישט דערלויבט. די קינדער האָבן אָבער געוואָלט עסן אַ זופּ און אַהיימברענגען אַ ביסל קוילן צו דערוואַרעמען זייערע היימען. האָבן די קינדער זיך נישט גערעכנט מיט די פּאָליציי־פאַראָרדענונגען און זיי זיינען געגאַנגען זוכן און גראָבן צו געפינען די טייערע שטיקלעך קוילן.

די פּאָליציי האָט געלויערט אויף די שוואַכינקע קינדערלעך און אַז מען האָט געכאַפּט אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל ביים זוכן קוילן, האָט מען זיי גענומען אין דער פּאָליציי און דאָרט אויפן אָרט איז פאָרגעקומען דער משפּט.

די קינדער האָבן באַקומען שמיץ אויפן הוילן לייב. און געשמיסן האָט זיי אַן עלטסטער, נישט קיין פּראָסטער פּאָליציאַנט. די געשרייען און געוואָלדן פון די קינדער זיינען געווען גרויס, נישט צום אויסהאַלטן. די געשמיסענע קינדער זיינען מיט אַלע כוחות בליץ־שנעל אַרויסגעלאָפן פון פּאָליציי־באַצירק, מיט די הענטלעך אויפן הינטן און טרערן אין די אויגן. זיי זיינען נישט געלאָפן אַהיים צו זייערע נאָענטע, נאָר זיי זיינען געלאָפן זוכן נייע ערטער פון גראָבן קוילן.

די געשמיסענע קינדער איז זייער שווער געווען זיך איינצובייגן ביים זוכן אָדער גראָבן קוילן, אָבער זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַלע כוחות און ווייטער געגראָבן.

דאָס כאַפּן קינדער אויף דער פּאָליציי איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. די קינדער האָבן זיך שטאַרק געהיטן. זיי זיינען געגאַנגען זוכן

קוילן דורך פאַרשיידענע וועגן און זייטיקע געסלעך — מ׳זאָל זיי נישט האָבן אויפן אויג.

אַזוי האָבן די שוואַכע, געשמיסענע קינדער־קוילנזוכער געקעמפט מיט דעם הונגער אין לאָדזשער געטאָ.

זיי זיינען געווען גליקלעך, ווען זיי האָבן געקאָנט אַהיימברענגען אַ ביסל קוילן צו דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע משפּחה־מיטגלידער.

שלמה מיט די זומערשפּרענקעלעך

שלמה די „קלאַפּסעדרע״, אַזוי האָט מען אים גערופן אין לאָדזשער געטאָ. אַ בחור, פערצן יאָר אַלט, אַן אויסגעמאָגערטער — הויט און ביין, רויטע, שטייפע האָר, אַ פּנים פול מיט זומערשפּרענקלעך. גערופן האָט מען אים „קלאַפּסעדרע״, ווייל ער איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף יענער וועלט.

קיינער האָט נישט געוווסט, צי ער האָט אַ היים, ווו ער וווינט. מ׳האָט אים שטענדיק געזען אין גאַס מיט אַ גרופּע פון פינף יינגלעך, אויך אַזעלכע ווי ער, האַלב טויטע. די חברים זיינע האָבן זיך שטענדיק געביטן. די זיינען אַוועק, אַנדערע זיינען געקומען, אָבער שלמהן האָט מען שטענדיק געזען.

די באַשעפטיקונג זיינע איז געווען צו פאַרקויפן זיין ראַציע (צוטיילונג). יעדע צווייטע וואָך האָט מען אין געטאָ באַקומען אַ צוטיילונג פון פּראָדוקטן. די צוטיילונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דאָס געקאָנט אויפעסן אין איין מאָל.

אין דעם טאָג ווען שלמה האָט באַקומען די פּראָדוקטן, האָט ער זיך געפילט זיכערער, גאָר אַנדערש, ווי אין די אַנדערע טעג פון די צוויי וואָכן.

ער האָט געהאַנדלט מיט זיין צוטיילונג, דאָס הייסט, ער האָט גע־האַנדלט מיט זיין אייגן לעבן. פאַרקויפן די צוטיילונג אין געטאָ האָט געהייסן אַרויסטראָגן אויף זיך אַליין אַ טויט־אורטייל.

שלמה האָט פאַרקויפט צוביסלעך פון זיינע צוטיילונג־פּראָדוקטן. דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן זיינע חברים. זיינען זיי טאַקע פאַרשוווּנדן

פון די לאָדזשער גאַסן, אָבער שלמהן האָט מען שטענדיק געזען. שלמה האָט זיך געקאָנט אָן עצה געבן.

אין 1943, ווען אַלע האָבן געמוזט גיין אַרבעטן, איז שלמה געוואָרן צוגעטיילט צו דער מעטאַל־אָפּטיילונג. יעדער איינער, וואָס האָט גע־אַרבעט, האָט באַקומען אַ זופּ אַ טאָג. דאָס איז געווען פאַר שלמהן אַ שטיק ניי לעבן.

געאַרבעט האָט ער מיט אַזעלכע יונגע חברה ווי ער. ער האָט זיך שנעל צוגעוווינט צו זיינע חברים און ער האָט אַ סך זאַכן פון זיי געלערנט. ער האָט געזען ווי זיי ברענגען זיך מיט יעדן פרימאָרגן די פּאָרציע ברויט, וואָס די עלטערן האָבן זיי מיטגעגעבן. די פּאָרציע ברויט איז געווען אין דינע פּענעצלעך געשניטן, איינגעוויקלט אין אַ ווייס שמאַט־קעלע, און דערצו זענען נאָך געווען אַ דריי קאָטלעטן, געמאַכט פון צעמאָ־לענער קאַווע.

שלמה האָט געקעמפט מיט זיך אַ לאַנגע צייט, ביז ער האָט אויפ־געהערט צו פאַרקויפן זיין צוטיילונג. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ „נאָרמאַל" לעבן. מען האָט שוין שלמהן אויך געקאָנט זען אין דער פרי מיטברענגען, אין אַ שמאַטקעלע איינגעוויקלט, זיין פּאָרציע ברויט, אויך געשניטן אין דינע פּענעצלעך, פינף שטיקלעך ברויט, וואָס זיינען געווען פאַרוויקלט. שלמה האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויף זיי, און ס'איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן, ווייל ער האָט זיי נאָך נישט געהאַט אויפגעגעסן.

קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער איז. שלמהס פּנים איז געווען פול מיט זומערשפּרענקעלעך, דאָך האָט אַ טיפער צער זיך דורכ־געריסן אויף שלמהס פּנים.

מיטאָגצייט, ווען שלמה איז געשטאַנען אין דער ריי נאָך זיין זופּ, האָט ער צו זיינעם אַ מיטאַרבעטער, אויך אין זיינע יאָרן, געזאָגט:

— דו ווייסט, בערל? איך האָב געהאַט אַ מאַמע...

אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „מאַמע", האָט מען געקאָנט זען, אַז דער צער האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעטאָן פון זיין פּנים.

דערווייל האָט זיך די ריי געררוקט ווייטער פאָרויס, ביז שלמה איז אָנגעקומען צום קעסל. ער האָט געטראַכט, אַז אפשר וועט היינט ער זיין פון די גליקלעכע, און ער וועט האָבן אין דער זופּ אַ פּאָר שטיקלעך

קאַרטאָפל מער. דאָס געשריי און די שטופעניש פון די אַנדערע יונגע קינדער איז געווען גרויס. ווען דער טיילער, וואָס גיט די זופּן, האָט אויסגעשריען: „ווייטער", אין שוין שלמה געשטאַנען אין אַ ווינקל און געציילט וויפל שטיקלעך קאַרטאָפל געפינען זיך אין זיין קענדל. וויפל שטיקלעך ער האָט געפונען — איז געווען זיין סוד. דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט.

אין יאָר 1944, אין אויגוסט, איז געקומען שלמהס ריי. איינער אַליין, אָן עלטערן, איז שלמה אַוועק מיטן טראַנספּאָרט אין אוישוויץ. זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געזוכט אין אַלע זייטן. צו זיך אַליין האָט ער געשעפּטשעט: „מאַמע, מאַמע, מאַמע!"

אַ יידיש קינדער־טעאַטער אין לאָדזשער געטאָ

אין יאַנואַר 1944 בין איך געוואָרן איינגעלאַדן אין דער גרויסער שוכפאַבריק פון גוטריימאַנען, וואָס האָט זיך געפונען אין לאָדזשער געטאָ, אַנצופירן מיט אַ דראַמקרייז.

קומענדיק אויף דער זיצונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ דראַמקרייז, נאָר וועגן אַ געהיימער יידישער קינדער־שול פון פיר הונדערט שילער. אַזוי ווי די קינדער פון געטאָ האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן, זיינען זיי געווען צוגעטיילט צו דער אַרבעט אין דער שוכפאַבריק.

אויף אַ בוידעם האָט מען אויסגעבויט די שול, די געהיימע שול, וואָס האָט פאַר זיך געהאַט די אויפגאַבע צו געבן די קינדער עלעמענ־טאַרע לימודים — אַ ביסל יידיש, אַריטמעטיק. נאָך די צוויי לעקציעס איז געקומען מיין שעה מיט די קינדער. כ'האָב מיט זיי געהאַט פאַר־שיידענע שמועסן, דערציילט זיי שיינע מעשהלעך — אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט טעאַטער.

אַזוי האָב איך ביסלעכוויז צוגעגרייט די קינדער, ביז כ'האָב אָנגע־הויבן מיט זיי די פּראָבעס. דער מאַטעריאַל איז באַשטאַנען פון קינדער־לידלעך, רעציטאַציעס און פאַרשיידענע אינסצעניזירטע סצענקעס פון אונדזערע קלאַסיקער, ווי שלום עליכם, פּרץ און אַנד. די קינדער האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר די פּראָבעס. און כאָטש אַ סך קינדער

האָבן געמוזט צוהאַנדלען, צוליב דער גרויסער נויט וואָס האָט געהערשט אין געטאָ, דאָך זיינען זיי געקומען פינקטלעך אויף די פּראָבעס.

ס'איז אויך געווען אַ גרופּע פון דערוואַקסענע ביי דער קינדער־גרופּע. די גרויסע זיינען באַשטאַנען פון אינסטרוקטאָרן ביי דער פאַבריק. זיבעציק פּראָצענט זיינען געווען קינדער און דרייסיק פּראָצענט — דערוואַקסענע.

די פּראָבעס זיינען פאַר די קינדער געווען אַ יום טוב; מ'האָט אין אַלץ פאַרגעסן, אַפילו וועגן דעם שטענדיקן באַגלייטער — דעם הונגער...

עס זיינען געווען אַ סך טאַלענטירטע צווישן די קינדער, און מיט דער צייט איז פון די פּראָבעס אויסגעוואַקסן אַ פיין קינדער־טעאַטער.

אין טאָג פון דער פּרעמיערע איז אַלץ געגאַנגען כּאַדראָם. סיי די קינדער, סיי די גרויסע האָבן געפיבערט, פונקט אַזוי ווי אמתע אַקטיאָרן...

די פּרעמיערע איז פאַר זיי געווען אַ גרויס געשעעניש. די פאָר־שטעלונג האָבן געפירט צוויי קאָנפעראַנסיערן, פון די קינדער. יעדער נומער, וואָס זיי האָבן געמאָלדן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

דער דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג איז געווען זייער אַ גרויסער. די קינדער האָבן דעם אָוונט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך אין געטאָ.

אַנדערע קינדער, וואָס האָבן נישט געהערט צו דעם שפּילער־קאָלעקטיוו, האָבן זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט זייערע חברים שפּילער. מ'האָט גערדאַרפט האָבן פאַרשיידענע זאַכן צום רעקוויזיט, האָבן זיי דאָס געבראַכט פאַר זייערע חברים.

דאָס קינדער־טעאַטער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין געטאָ. מ'האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען קיין בילעט. די קינדער האָבן געפילט, אַז זיי פירן אויס עפּעס אַ מיסיע מיט דעם וואָס זיי קומען און שפּילן פאַר די מענטשן, און מאַכן זיי אַ ביסל פאַרגעסן אין די געטאָ־צרות.

יעדע פאָרשטעלונג איז געווען אַ יום־טוב, סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר די דערוואַקסענע; פאַר די אָנטיילנעמער, ווי פאַר די צושויער.

אָבער לאַנג האָבן זיך די קינדער נישט געפרייט. ס'האָט זיך אָנגע־רוקט די טרויעריקע ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. אַלע קינדער

מיט זייערע עלטערן זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ. בלויז געציילטע קינדער זיינען לעבן געבליבן.

אַזוי האָבן קינדער פון לאָדזשער געטאָ געהונגערט, געאַרבעט און געשפּילט יידיש טעאַטער...

„גיב מיר אָפּ מיין ברויט"

יעדער איינער אין געטאָ האָט באַקומען פערציק דעקאָ ברויט אַ טאָג. דאָס איז געוועזן די ערשטע צייט. שפּעטער האָבן מיר באַקומען בלויז דרייסיק דעקאָ אַ טאָג.

אין אַ סך פאַמיליעס זיינען פאָרגעקומען אָפטע קריגערייען. די טענות זיינען געוועזן פון די קינדער צו זייערע עלטערן:

— גיב מיר מיין פאָרציע ברויט וואָס מיר קומט. יעדער איינער קריגט אַ ברויט אַ וואָך, וויל איך דאָס גאַנצע ברויט. איך וועל מיר דאָס איינטיילן אויף דער גאַנצער וואָך.

די געשרייען און געוואַלדן זיינען דערגאַנגען אַזוי וויים, אַז קינדער האָבן זיך געשלאָגן מיט זייערע עלטערן, אַנדערע זיינען אַוועק פון דער היים.

די מאַמעס וואָס האָבן געהאַט זויגלינגען, זיינען געוועזן פון די גליקלעכע. דאָס פּיצל קינד האָט אויך באַקומען אַ גאַנץ ברויט. פאַר די מאַמעס איז דאָס לעבן אין געטאָ געווען אַ ביסל לייכטער.

די קינדער, וואָס זיינען נישט אַנטלאָפן פון דער היים, האָבן גענומען דאָס גאַנצע ברויט און באַהאַלטן, אַז די מאַמע זאָל נישט וויסן וווּ עס געפינט זיך. דאָס ברויט האָבן זיי צעשניטן אין דינע פענעצלעך, כדי זיי זאָלן זיין זיכער, אַז עס וועט זיי נישט פעלן דאָס ברויט.

יעדן אָוונט איז דאָס קינד צוגעגאַנגען צו זיין פּעקל ברויט, האָט איבערגעציילט די שטיקלעך, כדי ער זאָל וויסן דעם חשבון, וויפל עס איז נאָך דאָ ברויט.

אַ סך פון די קינדער האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן און האָבן פריי אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט. זיי זיינען געבליבן די לעצטע צוויי־דריי טעג אין גאַנצן אָן ברויט. דאָס האָט דערפירט, אַז זיי זיינען געוועזן געצוווּנגען צו נעמען פון דער מאַמעס ברויט, ווען ס'איז קיינער נישט

געווען אין שטוב. אַ סך מאַמעס האָבן זיך נישט געמאַכט וויסן, אַז עס פעלט זיי פון ברויט.

דער הונגער אין געטאָ איז געווען זייער גרויס. גאַנצע משפחות זיינען אויסגעשטאָרבן מאַסנווייז פון שווינדזוכט.

עס זיינען געווען פאַלן אַז אַ קינד איז געשטאָרבן מיטוואָך, און ברויט האָט מען אַרויסגעגעבן פרייטיק. האָט די מאַמע געהאַלטן דאָס קינד אין בעט ביז פרייטיק, און ס'האָט געהייסן, אַז דאָס קינד איז קראַנק...

אַזעלכע פאַלן זיינען פאָרגעקומען מיט גרויסע אויך. דער הונגער אין געטאָ איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט. די קיכן, וואָס האָבן געקאָכט פאַר די אַרבעטער האָבן יעדן טאָג אַרויסגעוואָרפן די שאָלן (שובעכץ) פון קאַרטאָפל. די גוטע שאָלן האָבן געקאָנט באַקומען נאָר די, וואָס האָבן געהאַט גרויסע פּראָטעקציע. פאַרשטייט זיך, אַז קיין פּריווילעגירטע האָבן נישט געפעלט אין געטאָ, אַזוי, אַז דעם דורכשניטלעכן מענטשן איז קיינמאָל נישט באַשערט געווען צו באַקומען אַ ביסל גוט שובעכץ.

זיינען מאַסן מענטשן געשטאַנען ביי די מיסטן, ווו די קיכן זיינען געווען און געוואָרט, אַז מען זאָל אויסשיטן די פאַרגליווערטע שאָלן פון קאַרטאָפל. דער, וואָס האָט באַוויזן עפּעס צו כאַפּן, איז אַהיימגעלאָפן מיט דעם גרויסן גליק.

דאָס שובעכץ איז אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. דאָס כאַפּעניש און שטופעניש ביי דעם באַרג מיסט איז געווען גרויס.

מען האָט נישט געזען צי דאָס זיינען מענטשן — מען האָט נאָר געזען אַ באַרג פון פאַרגליווערט שובעכץ.

גאַנץ פרי האָבן שוין מענטשן — דערוואַקסענע, קינדער און אַלטע לייט — געשפּאַנט צו דעם אָרט, ווו מען דאַרף אויסשיטן די געשמאַקע, ברוינע, לאַטקעס-קאָטלעטן און אַנדערע שפּייזן, וואָס די געטאָ-מענטשן האָבן פון דעם מיסט-שובעכץ געמאַכט ביי זיך אין דער היים.

מען האָט געמאַכט פון ווערעמדיקע קרויט-בלעטלעך פאַרשיידענע געשמאַקע זאַכן צום עסן, ווי פיש, הערינג, קלאָפּס און אַנדערע ווונדער-לעכע פּאַטראַוועס...

ווען שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט מען געקאָנט הערן:
— האָבן איך היינט געמאַכט פיש, קאָן מען דאָס זען ביים קייסער.

— ביי מיר זיינען היינט געוועזן קאָטלעטן — גוטע מיילער זאָלן דאָס עסן.

אַזעלכע שמועסן האָט מען געפירט צווישן זיך. מען האָט אַ סך גערעדט וועגן עסן. אַפילו ביי דער אַרבעט האָט מען אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן „וואָס איך וואָלט געגעסן" און „וואָס איך האָב געגעסן".

די אַלע פיש, קאָטלעטן, קאַלאַפּיאָרן, הערינג און אַנדערע געשמאַקע זאַכן, האָט מען געמאַכט פון די ווערעמדיקע בלעטלעך קרויט און פון די בוריק־בלעטלעך.

באַהאַלטענע קינדער

די קינדער־אַקציע אין לאָדזשער געטאָ איז געוועזן די שרעקלעכסטע פון אַלע אַקציעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען. די דייטשע מערדער האָבן באַשטימט, אַז די פּאָליציי זאָל דאָס אַדורכפירן. די פּאָליציי האָט דאָס אָנגעהויבן, אָבער נישט געקאָנט פאָרענדיקן. נישט אַלע געטאָ־איינוואוינער האָבן געוואָלט געבן זייערע קינדער און ס'איז געקומען צו גרויסע גע־שלעגן. אַפילו די קינדער, וואָס די פּאָליציי האָט געפּרוווט נעמען מיט געוואַלד, זיינען שפּעטער געוואָרן צוריק אַראָפּגעכאַפּט פון די וועגענער.

אין די גאַסן, ווו מען האָט אָנגעהויבן נעמען די קינדער, האָט מען געזען שרעקלעכע בילדער. אַ מאַמע איז משוגע געוואָרן און געלאָפן איבער די געטאָ־גאַסן און געשריען: „ווו איז מיין אויג אין קאָפּ? ווו איז מיין טרייסט?"

אַ צווייטע מאַמע איז געלעגן אויף דער ערד און געקלאַפּט מיטן קאָפּ אין די שטיינער. די געשרייען האָט מען געהערט פון איין עק געטאָ ביזן צווייטן. איינער, אַ יונגערמאַן, איז געלאָפן מיט אַ האַק אין דער האַנט און געשריען: „גיט מיר אָפּ מיין קינד, איך הרגע אייך אַלע אַוועק".

דער סוף איז געוועזן, אַז די דייטשן אַליין האָבן איבערגענומען דאָס אויספירן די אַקציע. מען האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אין געטאָ אויף אַכט טעג און די מערדער האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די רוצחים זיינען געגאַנגען פון הויף צו הויף, פון שטוב צו שטוב

און גענומען אונדזערע טייערע קינדערלעך. די עלטערן האָבן געטאָן וואָס איז געווען מעגלעך און אוממעגלעך.

אַ סך עלטערן האָבן איינגעגעבן שלאָפגעטראַנק די קינדער און זיי באַהאַלטן אין פעסער אויף די בוידעמער; אין גריבער אויפן פעלד, פאַר־דעקטע מיט בלעטער און צווייגן.

די צוגענומענע קינדער האָט מען געפירט אויף וועגענער צום שפיטאָל. דאָרט האָט מען צונויפגעזאַמלט אַלע קינדער, וואָס מען האָט צוגענומען אין געטאָ. ווען דער שפיטאָל איז שוין פול געווען, זיינען געקומען אויטאָס און אַרויסגעפאָרט די קינדערלעך.

די קינדער האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסן זאַל, פון וועלכן עס האָט אַראָפגעפירט אַ האַלבער שטאָק ברייטע טרעפּ. די קינדער האָבן זיך נישט געלאָזט אַראָפפירן. די געשרייען: „מאַמעשי! טאַטעשי!" האָט מען געקאָנט הערן אין דער צווייטער גאַס. ווען די מערדער האָבן די קינדער געשלעפּט, האָבן די קינדער זיך געוועהרט מיט זייערע הענטלעך און געשריען מיט זייערע לעצטע כוחות.

שפּעטער האָט מען געזען די צייכנס פון זייערע נעגעלעך פון די פינגער אויף די ווענט אין שפיטאָל....

דאָס איז געווען דער שרעקלעכסטער טאָג, וואָס די געטאָ־מענטשן האָבן איבערגעלעבט.

אַ סך עלטערע מענטשן זיינען מיטגעגאַנגען מיט די קינדער. זיי האָבן נישט געלאָזט די קינדער גיין אַליין.

ביי אָט דער שרעקלעכער אַקציע האָט מען צוגענומען צוועלף טויזנט קינדער אַחוץ די אַכט טויזנט דערוואַקסענע.

די אַקציע האָט געדויערט אַכט טעג. שפּעטער האָבן די דייטשע מערדער פאַראָרדנט, אַז די געטאָ־איינוווינער זאָלן זיך שטעלן צוריק צו דער אַרבעט. די וואָס וועלן זיך נישט שטעלן, וועלן באַשטראָפט ווערן. און זיין באַשטראָפט האָט אין געטאָ געהייסן אַ זיכערער טויט.

אויפן ניינטן טאָג האָבן אַלע רעסאָרטן אָנגעהויבן אַרבעטן.

יעדן איינעם האָט עמעצער געפעלט, דעם — אַ קינד, אַ צווייטן — אַ פאָטער. יעדער איינער איז געווען אַ געליטענער.

און שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, האָט מען אויף די בוידעמער און קעלערס געפונען טויטע די באַהאַלטענע קינדער אין די פעסער.

אַלע די, וואָס האָבן באַהאַלטן די קינדער, האָט מען אַרויסגעשיקט מיטן טראַנספּאָרט, און קיינער האָט נישט געוווּסט אַז קינדער זיינען באַהאַלטן אין די פּעסער...

די אומרויִקייט אין געטאָ האָט גענומען שטייגן פון טאָג צו טאָג. די דייטשע אויסוואורפן האָבן פּלאַנמעסיק אויסגעפירט זייער אויסראָטונג־פּלאַן. צוערשט האָבן זיי צוגענומען די קינדער, און שפּעטער — אַוועק־גענומען די מענער פון פרויען, און פרויען פון מענער.

די געטאָ־מענטשן זיינען געווען פּסיכיש אַזוי צוזאַמענגעבראָכן, אַז אַ סך האָבן געוואָלט אַליין פאָרן. צו אַזאַ מצב האָבן די פאַרברעכער דער־פירט. יעדער איינער איז געווען פאַרביטערט. עס האָט אים וויי געפעלט פון זיינע נאָענטע.

און דערצו האָט מען געהונגערט און געמוזט שווער אַרבעטן. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אין געטאָ, אַז די וואָס מען שיקט אַוועק, פאָרן אין דערפער, ווו פּאַליאַקן האָבן געוווינט, און דאָרט געפינט זיך פּראָוויאַנט, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. דאָרט וועט מען אַרבעטן.

קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז מען שיקט אונדזערע מענטשן אין קאַלכאָויִון אַריין.

ווען מיר זיינען געקומען אין אוישוויץ, האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז דאָס איז די פּלאַנירטע אויסראָטונג פון אַלע יידן.

צום אַוועקפאָרן האָבן די פאַרברעכער מיטגעגעבן אַ ברויט, אַ טיטל צוקער. ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען אין אוישוויץ, האָט מען דאָס זעלבע ברויט מיטן ביסל צוקער באַלד אַוועקגענומען.

אַ טעלערל מאַלינעס

אין לאָדזשער געטאָ, אויף דער מאַרינאַרסקע־גאַס 77, האָבן גע־וווינט אין אַ קליין הויז זעקס פאַמיליעס. צו דעם הויז האָט געהערט אַ קליינער גאָרטן און דער גאָרטן האָט פאַרמאָגט צוויי עפּלביימער, און אַ ביסל מאַלינעס זיינען געוואַקסן אַרום דעם פּאַרקן.

מאַלינעס אין געטאָ זיינען געווען פון די זעלטענע זאַכן. אַלע איינ־וווינער פון הויז האָבן געציטערט איבער די עפּל און די מאַלינעס.

איין מאָל האָבן די איינוווינער פון הויז זיך אַדורכגערעדט און באַ־

שלאָסן, אַז אַלץ וואָס וועט אַראָפּגענומען ווערן פון די ביימער און די קזשאַקעס זאָל מען צווישן זיך צעטיילן.

דאָס ערשטע איז אויסגעקומען צו פאַרטיילן די מאַלינעס. זיי זיינען נישט געווען אין אַזאַ גרויסער צאָל. אויף איין טעלער זיינען געלעגן די אַראָפּגענומענע מאַלינעס. יעדער איינער האָט באַקומען אַ ביסל אויף אַ קליין טעלערל.

די קינדער פון די פאַמיליעס האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דעם מאָמענט, ווען די פּאָר מאַלינעס אויפן טעלערל וועלן שוין זיין ביי יעדן איינעם אין שטוב.

די פרוי רוטאַ האָט אַריינגעבראַכט דעם מאַלינע־אוצר צו זיך אין שטוב. איר טעכטערל רחלע האָט זיך געדרייט אַרום די מאַלינעס, אירע בלויע אייגעלעך האָבן געגלאַנצט און איר בלאַס פּנימל האָט געשמייכלט פאַר פרייד. זי האָט מיט די דאַרינקע פינגערלעך גענומען אַ מאַלינע און געזאָגט צו דער מאַמען: „שפּעטער וועל איך נעמען נאָך איינע״. דער „שפּעטער״ איז געווען אַ מינוט. די פּאָר מאַלינעס, וואָס זיינען נאָך געלעגן אויפן טעלערל, האָבן געלויכטן, זיינען געוואָרן גרעסער...

די פּאָר מאַלינעס האָבן פשוט גערעדט, געבעטן זיך ביי רחלען: „נעם, מיידעלע, נעם נאָך איינע, דו זעסט, אַז ס׳איז גוט״. און רחלע האָט געגעסן די מאַלינעס, ביז ס׳איז געבליבן בלויז איין מאַלינע אויפן טעלערל.

רחלע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געפרעגט:

— מאַמעשי, און די מאַלינע קאָן איך אויך נעמען?

— עס, מיין קינד, זאָל דיר זיין צו געזונט — ענטפערט די מוטער.

רחלע האָט אויפגעגעסן די לעצטע מאַלינע און האָט אַ לאַנג צייט געקוקט אויפן ליידיקן טעלערל.

דערנאָך איז געקומען די ריי אַראָפּצונעמען די עפּל. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צו די צוויי ביימער, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן די עפּל. יעדער איינער האָט ביי זיך געטראַכט: ווי דערלעבט מען שוין אַראָפּצונעמען די טייערע, זאַפטיקע עפּל...

אַ יום־טוב איז געווען דאָס אַראָפּנעמען די עפּל און דאָס צעטיילן זיך. אַלע שכנים זיינען געווען צופרידן מיט דער פאַרטיילונג.

— מיר ווען היינט האָבן עפּל — זאָגט איין קינד — מיר וועלן די עפּל עסן און קאָכן אויך.

די קליינע רחלע האָט אין איין פרעגן איר מוטער:

— מאַמעשי, דו וועסט מיר געבן אַ סך עפּל? יאָ, מאַמעשי?

— איך וועל דיר געבן וויפל דו ווילסט — ענטפערט די מוטער.

— און דעם טאַטעשי וועסטו אויך געבן?

— זיכער וועל איך געבן, קינד מיינס — עטפערט די מוטער.

רחלע האָט געפרעגט אַזוי לאַנג, ווי די פּאָר עפּל האָבן זיך געפונען אין שטוב.

רחלע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. די צוויי עפּלביימער, וואָס האָבן פאַרשאַפט אַזויפיל פאַרגעניגן, זיינען שוין געווען ליידיק...

רחלע קוקט מיט אירע בלויע אייגעלעך.

— מאַמעשי, ווען וועט ווידער זיין עפּל? — פרעגט זי.

— איבער אַ יאָר זומער, אַז מען וועט דערלעבן — ענטפערט די מוטער.

נאָר דעם איבער אַ יאָר זומער האָבן זיי נישט דערלעבט.

געשוואָלענע מענטשן

דער הונגער האָט דערגרייכט דעם קולימינאַציע־פונקט. די גרעסטע טייל מענטשן זיינען געשוואָלן געוואָרן. איר האָט געזען אַ שטאָט פון געשוואָלענע מענטשן. דאָס איז געווען די צייט ווען מען האָט באַקומען זייער וויניק קאַרטאָפל.

ביי אָט די באַדינגונגען האָבן זיך דאָך יידן געוויצלט, און ס׳איז אין געטאָ אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: גייט עס, גייט עס אַליין. אַזוי האָבן אונדזערע מאַמעס אַמאָל געזאָגט צו זייערע קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט.

אַז מען האָט געזען פון דער ווייטנס אַ געשוואָלענעם, זיינען די ערשטע ווערטער געווען: גייט עס, גייט עס אַליין. אַזוי האָט זיך באַגריסט איין געשוואָלענער מיט אַ צווייטן, וואָס איז אויך געווען געשוואָלן.

אַ צייט שפּעטער האָט זיך ווידער באַוויזן קאַרטאָפל, וואָס מען האָט

באַקומען צוגעטיילט אין געטאָ. און ווי מיט אַ כישוף איז פאַרשוווּנדן דאָס געשווילעכץ.

געשיטע קאַווע האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט ביים געטאָ־מענטשן. אין דער פּרי האָט דער געטאָ־אַרבעטער זיך מיטגענומען אין פאַבריק אַריין אַ פּעקל עסן, וואָס אַ טייל פון דעם איז געווען געשיטע קאַווע. פון דער קאַווע האָט מען געמאַכט פאַרשיידענע געשמאַקע צובייסן. מען האָט געטרונקען קאַווע, און צוגעגעסן קאָטלעטן פון קאַווע, קאַווע־קוכן, טרוקענע געשיטע קאַווע מיט אַ ביסל צוקער, אַ קוגעלע פון קאַווע.

דער הונגער איז געווען זייער גרויס, האָט מען געזוכט וואָס מער אָנצופּילן דעם ליידיקן מאָגן. די געשיטע קאַווע האָט אַוועקגעשיקט אַ סך מענטשן אויף יענער וועלט.

צוויי אַרטיקלען זיינען געווען גענוג און אפשר צופּיל. דאָס איז געווען וואַשסאָדע און כלאָרעק. ריזיקע פּעסער מיט כלאָרעק און סאָדע האָט מען אַריינגעשיקט אין געטאָ. די דייטשע פאַרברעכער האָבן מורא געהאַט, אַז עס זאָלן זיך נישט פאַרשפּרייטן עפּידעמיעס. אָבער טראָץ אַלע באַמיִונגען און שנעלע ליקווידאַציעס פון פאַרשיידענע עפּידעמיעס, איז די שטאַרבלעכקייט געווען זייער אַ גרויסע.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער וואָגן, וואָס האָט געפירט די מתים, האָט נאָר געקאָנט נעמען דריי, פיר — מער נישט. און געשטאָרבן זיינען אין געטאָ איבער דרייסיק מענטשן אַ טאָג. האָט מען אָנגעהויבן פירן די מתים אויף אַ ראָל־וואָגן, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט פון ביידע זייטן מיט ברעטער. פון אויבן איז געווען אַ דעק.

דער ראָל־וואָגן האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף יעדן געטאָ־איינוווינער. איר האָט געקאָנט הערן אַזעלכע ווערטער, ווי: אוי, אוי, וואָס מיר האָבן דערלעבט, מען זאָל אונדז פירן אין ראָל־וואָגנס... אַך און וויי, אַמאָל האָט מען אונדז געפירט מיט לייטן גלייך.

יעדן טאָג זיינען אין געטאָ צוגעקומען מאַסן קראַנקע. יעדער קראַנקער האָט געמוזט גיין אין שפּיטאָל אַריין. און ווי נאָר די שפּיטאָלן זיינען געוואָרן פול, אַזוי שנעל זיינען געקומען די פאַרברעכער און אַרויסגע־פירט די קראַנקע פון געטאָ...

אַ סך האָבן נישט געוואָלט גיין אין שפּיטאָל אַריין, אָבער די שווערע

אַרבעט און דער שטענדיקער הונגער האָבן דערפירט, אַז די מענטשן האָבן זיך געבעטן צו גיין אין שפּיטאָל.

ס׳איז געוועזן שרעקלעך צו זען דאָס אַרויסנעמען די קראַנקע מענטשן און דאָס אַוועקפירן זיי אויף די וועגענער; צו הערן דאָס קרעכצן, שרייען און וויינען.

די וועגענער מיט די קראַנקע מענטשן האָט מען געפירט דורכן געטאָ.

ציגיינער אין געטאָ

אין לאָדזשער געטאָ האָבן יונגע קינדער געמוזט אַרבעטן. מיידלעך זיינען געווען צוגעטיילט צו שטרוי־שיך, פּאַפּיר, דיוואַנעס, שניידעריי. יינגלעך האָבן געאַרבעט ביי מעטאַל, האַלץ־גאַלאַנטעריע, היטלמאַכעריי און שיך.

אָבער אַרבעטן בלויז איז נאָך נישט געווען אַלץ. מען האָט געמוזט אַרויסגעבן די אָנגעוויזענע פּראָדוקציע, און די קינדער, אויסגעמאַ־טערטע, שוואַכע, האָבן אַרויסגעגעבן די געהעריקע פּראָדוקציע...

זיבן אַ זייגער אין דער פרי האָט מען שוין געזען מאַסן קינדער מיט דערוואַקסענע איילן זיך צו דער אַרבעט. יעדער איז געווען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, שאַלן.

שרעקלעך האָט דאָס אויסגעזען ווינטערצייט. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט באַשיצן פון דער קעלט — האָט מען גענומען וואָס מען האָט געהאַט און פאַרוויקלט דערמיט דעם קערפּער.

קליידער אין געטאָ איז געווען פון די גרויסע זעלטנקייטן, הגם מען האָט באַקומען פון צייט צו צייט אַ צוטיילונג, האָט עס דאָך נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון באַקליידן אַלע אין געטאָ.

קילאָמעטערווייז האָט זיך געצויגן דער צוג אין דער פרי. מענער, פרויען, קינדער, באַהאָנגען מיט טעלער, שיסלען און אַנדערע כלים. די פרויען האָבן געטראָגן פאַרשידנפאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ. דער צוג פון די שקלאַפן־אַרבעטער האָט זיך געצויגן אַ שעה צייט, דאָס הייסט פון זיבן ביז אַכט.

אַכט אַ זייגער זיינען די גאַסן געווען ליידיק, נישט נאָר פון מענטשן,

נאָר אויך פון אַ קאַץ, אַ הונט. געזען האָט מען נאָר די מענטשן־פערד, וואָס שלעפּן די וועגענער מיט פּראָוויאַנט, אויף צום פּאַרטיילן אין די קאָאָפּעראַטיוון.

זעקס מענטשן האָבן באַדינט אַ וואָגן — צווײ האָבן געצויגן דעם דישל און פיר האָבן אונטערגעשטופּט דעם וואָגן.

מ׳האָט אויך געקאָנט זען אַ בריטשקעלע מיט אַ דייטש, אין באַ־גלייטונג פון אַ גרויסן הונט. דער דייטש האָט געטראָגן אַ גרין קאַפּע־ליושל. מען האָט אים גערופן אין געטאָ „דאָס גרינע קאַפּעליושל״. דער דייטש איז געווען לייטער פון דעם ציגײַנער־לאַגער.

מען האָט געבראַכט אין לאָדזשער געטאָ אַ פּאָר טויזנט ציגײַנער און מיר האָבן געמוזט מיט זיי טיילן אונדזער עסן. דאָס איז געווען אַ געטאָלע אין אַ געטאָ.

דער ציגײַנער־לאַגער איז געווען אַ פאַרנעפּלטער ענין. מען האָט נישט געוווּסט פון וואַנען זיי קומען, אָבער קלאַנגען זײַנען אַרומגעגאַנגען, אַז דאָרט, אין ציגײַנער־לאַגער, געפינען זיך פּאָליטישע אויך...

דאָס „גרינע קאַפּעליושל״ איז געווען דער, וואָס איז יעדן טאָג געקומען אויף אינספּעקציע אין ציגײַנער־לאַגער. ווען ער איז געקומען, האָבן די עלטסטע פון לאַגער געגעבן אַ פייף און אַלע האָבן געמוזט שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ צום ציילן. אַז דעם לייטער איז ווער נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער אים געהייסן אַרויסטרעטן פון דער ריי, און שפּעטער האָט מען דעם אומגליקלעכן אַרײַנגעפירט אין דער פּייניקונגס־קאַמער.

דאָרט, אין דער קאַמער, זײַנען געווען פאַרשיידענע אײַזערנע צוואַנגען און כלים, וועלכע מען האָט אָנגעגליט און געברענט מיט זיי די נאַקעטע לייבער, ביז מען האָט די מענטשן פאַרפּייניקט צו טויט.

יעדן טאָג זײַנען געווען פון אַכט ביז צען אַזעלכע קרבנות. אַרויס־פירן אַ טויטן האָט געמוזט אונדזערס אַ מענטש, וואָס האָט געפירט אונדזערע טויטע אויפן בית־עולם. דער ייד וואָס האָט געפירט די מתים האָט געהייסן משה חיים.

ס׳זײַנען געווען פאַלן, אַז דער דייטש מיטן גרינעם קאַפּעליושל איז גראָד דאָרט געווען ווען דער שוואַרצער חיים איז געקומען נעמען די מתים, האָט ער געפרעגט חיימען: וויפל האָסטו היינט? און חיים האָט געענטפערט: זיבן. דער דייטש געזאָגט: וואַרט צו. און ער איז אַוועק

צום ערשטן בעסטן ציגיינער און אים דערשאָסן. דער דייטש האָט גערופֿן פֿון דער ווייטן: חיים, נעם אים, וועסטו האָבן אַכט.

אַזוי האָט רעגירט דער דייטש מיטן גרינעם קאַפּעליושל, ביז ער האָט זיך אָנגעשטעקט פֿון זיין הונט מיט טיפֿוס און ער איז אַוועקגעפּגרט.

דאָס „גרינע קאַפּעליושל" איז געוועזן די גרויל־געשטאַלט ביי די ציגיינער. ער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכע סאַדיסטישע איינפֿאַלן. אַזוי, למשל, האָט ער באַפֿוילן, אַז די ציגיינער זאָלן אַלע אַרויס פֿון די שטיבער און מאַכן אַ קאָנצערט. נאָכן קאָנצערט האָט ער גלאַט אַזוי עטלעכע פֿון זיי דערשאָסן.

אין אַ צייט אַרום איז דאָס ציגיינער־געטאָ געוואָרן ליקווידירט צוליב דער טיפֿוס־עפּידעמיע. אין ציגיינער־לאַגער איז אויך געוועזן אַ שפּיטאָל און דאָרט זיינען געוועזן פֿון אונדזערע יידן אַ דאָקטאָר און אַ קראַנקנשוועסטער. אַ טאָג פֿאַר דער ליקווידאַציע האָט מען זיי געמאָלדן, אַז היינט זאָלן זיי אַהיימגיין אַ ביסל פֿריער. אין דער זעלבער נאַכט האָט מען אַוועקגעפּירט דעם ציגיינער־לאַגער, און אויך דעם שפּיטאָל, אויפֿן זעלבן וועג, ווו אַלע אונדזערע טייערע זיינען אַוועק.

חנה די שמוגלערין

געהייסן האָט זי חנה, און גערופֿן האָט מען זי חנה די שמוגלערין. דער נאָמען איז איר נאָך פֿאַרבליבן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי פֿלעגט דאַן שמוגלען פּראָדוקטן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער. אַז חנה איז אַהיימגעקומען פֿון וועג, איז זי אַלעמאָל געוועזן אויסגעפּאַשעט... זי איז געוועזן אָנגעשטאָפּט מיט מעל, אַרבעס, נאָפּט, אייל, ציבל און קאַרטאָפֿל. אויסגעפּאַשעט איז חנה געוועזן אַזוי לאַנג, ביז זי איז אַריין אין שטוב און אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די בגדים. דעמאָלט איז חנה ווידער געוואָרן די אויסגעדאַרטע פֿרוי.

דאָס איז געוועזן אַמאָל. איר איז באַשערט געוועזן מיטצומאַכן אַלע צרות און פּיין אין דער לאָדזשער געטאָ. אין געטאָ האָט חנה נישט געקאָנט שמוגלען. „געוועזן צייטן אַמאָל אין ערשטן וועלט־קריג", האָט

זי געזאָגט, „איך האָב וועלטן איבערגעקערט. איך האָב דייטשן די קעפּ פּאַרדרייט. היינט זיינען דאָ אַנדערע דייטשן, אַז ברענגען זאָלן זיי״.

חנה די שמוגלערין איז געווען זייער אַן ענערגישע פרוי. זי איז אין געטאָ אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. זי האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט פאַרשיידענע פּראָדוקטן און אויך מיט פלייש.

נישט איין מאָל האָט מען געהערט שרייען:

„אַזאַ פלייש פאַרקויפט אַ ייד? איר פאַרקויפט קעלבעריינס און דאָס איז פלייש פון אַ הונט״.

די געשרייען און געוואַלדן זיינען געווען אין די ערשטע צייטן. שפּעטער אַ ביסל האָט מען שוין געזוכט דאָס הינטיש פלייש — און אויך נישט באַקומען.

חנהס ענטפער איז געווען:

— וואָס ווייס איך? איך פאַרקויף דאָס וואָס איך קויף. וואָס זיינען די געשרייען? איך עס דאָך אַליין אויך.

מיט דער צייט איז דאָס פלייש אין געטאָ פאַרשווונדן, און חנה האָט געזוכט פאַרשיידענע פּרנסות. איז אונטערגעקומען פאַרשטונקענע קאַרטאָפל אין געטאָ. אַז ס׳איז געקומען צו פאַרטיילן קאַרטאָפל, און ס׳איז געווען צען קילאָ אויף אַ קאָפּ, האָט מען נישט צעטיילט די צען קילאָ, נאָר מען האָט באַהאַלטן אויף שפּעטער פינף קילאָ, און די קאַרטאָפל זיינען קאַליע געוואָרן. מען האָט געמוזט פאַרכלאָרקען די קאַרטאָפל און באַגראָבן.

אַז דער הונגער אין געטאָ איז געוואָרן גרעסער, האָבן געוויסע מענטשן דורכגעגראָבן אַ קאַנאַל צו דעם אָרט מיט די פאַרשטונקענע קאַרטאָפל. זיי האָבן אַרויסגענומען און געוואַשן די קאַרטאָפל, מען זאָל זיי קאָנען פאַרקויפן. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן דאָס וואַשן — די קאַרטאָפל האָבן געשטונקען און די געטאָ־מענטשן האָבן דאָס גערן געקויפט און זיך געווונטשן אָפטער עס צו באַקומען.

ביי חנהן האָט מען אַלץ געקאָנט באַקומען — סאַכאַרינקעס, רעטעך, אַ שטיקל ציבל, אַ שטיקעלע קילעריב. דאָס זיינען געווען גאָר וויכטיקע אַרטיקלען אין געטאָ. ווען חנה איז געקומען פון גאַס, איז זי שטענדיק געווען אויפגערעגט און אַליין גערעדט צו זיך.

— זע נאָר די שטאָטישע חיות! האָב איך קילעריב, ווילן זיי קאַווע. זיי מיינען, אַז ס'איז אַמאָל... איך האָב היינט נישט געקאָנט פאַרקויפן די קאַווע, ווייל מען גיט היינט די צוטיילונג. זיי וועלן קומען אין צוויי־דריי טעג שפּעטער.

חנה האָט גערופן אירע קונים „די שטאָטישע חיות״, ווייל די מענטשן האָבן פאַרן געטאָ געוווינט אין שטאָט. חנה איז געווען זייער אָנגעוויטיקט. די גאַנצע צייט פון איר לעבן האָט זי געוווינט אויפן באַלוט, די פּעריפעריע פון דער שטאָט. אינערלעך איז חנה געווען צופרידן, וואָס זי געפינט זיך איצט מיט די „שטאָטישע חיות״ צוזאַמען אין באַלוט...

חנה די שמוגלערין איז געווען אַ גוטע נשמה. זי האָט שטענדיק זיך אינטערעסירט וואָס ביי אַנדערע מענטשן טוט זיך — אפשר פעלט וועמען עפּעס.

חנה איז געווען פון די זאַטערע אין געטאָ. זי האָט דאָך געהאַנדלט, און אַז מען האַנדלט — בלייבט עפּעס. האָט זי שטענדיק געדענקט, אַז מען דאַרף עפּעס אַריינגעבן רעד קראַנקער פרוי, אָדער דעם שוואַכן קינד. זי האָט תמיד מיט עפּעס געהאָלפן אונטערלענען דאָס האַרץ פון אַ קראַנקן אָדער אַ שוואַכן.

חנה איז געווען אַ בריה אַ פרוי. אויף אַלץ האָט זי געהאַט צייט. זי האָט געהאַנדלט און געמוזט זיין רעגיסטרירט אין אַ פאַבריק, אַז זי אַרבעט. אַנישט איז געווען שלעכט, ווייל אין געטאָ האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן.

חנה האָט נישט געאַרבעט. זי האָט זיך אַן עצה געגעבן אין דער פאַבריק, אַז זי זאָל נישט אַרבעטן.

חנה איז לעצטנס געוואָרן זייער אומרויק. אַז זי האָט וועמען גע־טראָפן, האָט מען געקאָנט הערן פון איר די ווערטער:

— אויסגעסאַרפּעט זאָלן די דייטשן ווערן... וואָס האָבן מיר זיי געטאָן? פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?

חנה איז געווען אויף דער ליסטע אַוועקצופירן. דאָ האָט חנה שוין נישט געקאָנט אַרויסדרייען זיך. די ענערגישע חנה האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— וואָס האָבן מיר זיי געטאָן? פאַר וואָס?

עס האָט נישט געהאָלפן קיין „פאַר וואָס". חנה האָט פאַרפּאַקט איר ביסל בעבעכעס און גענומען די פּעק אויף זיך.

חנה איז געווינט צו שלעפּן. איר גאַנץ לעבן האָט זי געשלעפּט, כדי צו דערנערן אירע קינדער, ווייל חנה איז געווען אָן אַ מאַן — ער איז נאָך געשטאָרבן פאַרן קריג.

מיט טרערן אין די אויגן האָט חנה געשריען צו אירע באַקאַנטע, ווען זי איז דורכגעגאַנגען מיט די פּעק:

— זייט געזונט, מיינע ליבע.

דאָס איז געווען איר באַליבט ווערטל, מיט וועלכן זי האָט יעדן באַגריסט.

באַלאָדן מיט פּעק איז חנה די שמוגלערין פאַרשוווּנדן מיטן טראַנס־פּאָרט, וואָס איז געגאַנגען קיין אוישוויץ.

רומקאָווסקי און זיין מלוכה

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען לאָדזש און אַריין אין דער לאָדזשער יידישער גמינע, האָט זיך דאָרט צופעליק געפונען מרדכי חיים רומקאָווסקי. זייער בליק איז געפאַלן אויף דעם שיינעם גרייז־גרויען קאָפּ, וואָס רומקאָווסקי האָט געהאַט — און די דייטשן האָבן גלייך באַשלאָסן, אַז ער זאָל זיין דער עלטסטער פון די יידן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאַריערע פון דעם הערשער מרדכי חיים רומקאָווסקי.

די לאָדזשער יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינציען אין געטאָ אָנהייב מאַי. דעם 11טן מאַי, 1940, איז געוואָרן געשלאָסן דאָס געטאָ. רומקאָווסקי האָט פאַקטיש אַריינגעפירט די לאָדזשער יידן אין געטאָ. נאָך אַ קורצער צייט איז רומקאָווסקי אַריין אין דער ריכטיקער ראָלע און די געטאָ־איינוווינער האָבן אים אָנגעהויבן רופן „קייסער".

טויזנטער האָבן זיך געבוקט פאַר אים, טויזנטער האָבן געבעטן זיין הילף און טויזנטער האָבן באַקומען זיין פּראָטעקציע.

אַז דעם „קייסער" איז ווער נישט געפעלן געוואָרן, האָט מען אים אַרויסגעשיקט פון געטאָ. און אַרויסשיקן פון געטאָ האָט געהייסן — אוישוויץ, מאַידאַנעק...

דער „קייסער" האָט אַרויפגעלייגט זיין שטאַרקע האַנט אויף אַלעם. ער האָט געשאַפן אַרום זיך אַ גאַנצן קאַבינעט מיט געטאָ־פירער, אָבער ער איז געוועזן דער קייסער.

מען האָט אַרום אים געטאַנצט, געשמייכלט, און די אַלע האָבן שפּעטער געהאַט אַ חלק אין דעם חורבן פון לאָדזשער געטאָ.

פון די מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט אַרום דעם „קייסער" זיינען געוועזן פאַרשידענע „מיניסטאָרן". מיניסטער פון אַרבעט, אָדער בעסער געזאָגט, מיניסטער פון טויט. דער מיניסטער האָט אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט, און מען איז מער נישט צוריקגעקומען...

מיניסטער פון לעבן. אין זיינע הענט איז געלעגן די אַפּראָוויזאַציע. ער האָט געקאָנט געבן וועמען ער האָט געוואָלט אַ צוטיילונג פון שפּייז, וואָס איז טאַקע געווען צום לעבן.

עס זענען אויך געווען אַנדערע „מיניסטאָרן".

עס איז אויך אַרויסגעגאַנגען אַ יידישע צייטונג, אַ קליין בלעטל, אָבער אָן אייגנס, מיט אַן אייגענעם רעדאַקטאָר. אַ קליין פיגורל איז געווען דער רעדאַקטאָר, מיט אַ שלאַנק פּנימל — אויך אַן אייגענער פון „קייסער".

עס איז אויך געווען אייגן געלט אין געטאָ. אויפן געלט איז געווען אָפּגעדרוקט דעם „קייסערס" קאָפּ, מיטן נאָמען — מרדכי חיים רומ־קאָווסקי.

האָט מען טאַקע אָנגעהויבן פירן ווי אַ מלוכה פירט זיך. מען האָט אַרויסגעשיקט מענטשן פון געטאָ, מען האָט אַריינגעבראַכט מענטשן אין געטאָ. מען האָט איינגעאָרדנט געריכטן, תפיסות, שווערע שטראָפן, לייכטע שטראָפן.

דער אַלטער רומקאָווסקי איז געוואָרן הערשער איבער אַלעם. אַפילו

חופה וקדושין האָט ער געגעבן. אָן דעם „קייסער" האָט מען זיך אין געטאָ נישט גערירט.

די ערשטע צייטן האָט ער זיך נאָך אַ ביסל גערעכנט מיט די פאַר־שיידענע עקזיסטירנדיקע פאַרטייען. שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט די דראָזשקע מיטן ווייסן פערד, און ער איז שוין מער נישט געגאַנגען צופוס, האָט ער זיך שוין מיט קיינעם נישט גערעכנט.

דער „קייסער" איז געוואָרן יינגער פון טאָג צו טאָג. זיין לייבדאָקטאָר, ד"ר מילער, איז אָפּט מיט אים געפאָרן.

צו רומקאָווסקין איז געקומען אַ פריזירער יעדן טאָג און אַכטונג געגעבן, אַז דער שיינער גרויער קאָפּ זאָל זיין אין אָרדענונג.

ער האָט געטראָגן גרויסע ענגלישע שטיוול, מיט גאָלף־הויזן און אַ בורקע. אַזאַ מאָדע איז געווען אין געטאָ. אַלע שישקעס זיינען געווען אַזוי אָנגעטאָן.

דער „קייסער" האָט גערעדט אַ ביסל שנעל און ער איז געווען הייזעריק. ער איז אומעטום געווען, אין יעדן ווינקעלע אין געטאָ; דעם גאַנצן טאָג איז ער געווען אויף די פיס. מען האָט אים געשיקט פּרעכטיקע מתּנות.

אַ מאָל האָט זיך דער „קייסער" אַזוי צעקייסערט, אַז ער האָט געגעבן אַ פּאָר קלעפּ אויך. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע מקורבים האָבן זיך אויך אַ ביסל פאַרגעסן און זיי זיינען געגאַנגען אין „קייסערס" דרכים. געליטן האָבן פון דעם נאָר די געטאָ־מענטשן.

דער „קייסער" האָט נישט נאָר געגעבן חופה וקדושין אין געטאָ, ער האָט אויך געגעבן דרשה־געשאַנק.

די חתונות אין געטאָ זיינען פאָרגעקומען אין טעאַטער־זאַל אויף קראַווי־עצקאַ דריי. עס פלעגן פאָרקומען פון צען ביז פופצן חתונות אויף אַ מאָל. דאָס דרשה־געשאַנק איז באַשטאַנען פון דריי נאָזטיכלעך, צוויי ציכלעך און אויך צוויי ברויטן מיט אַ ביסל פּראָוויאַנט.

די פּאָרלעך זיינען געווען אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און אַז דער אַלטער רומקאָווסקי האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון אַ פּאָרל און גע־פרעגט, צי זיי האָבן זיך ליב, און דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער — זיינען זיי איבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטער זייט.

ביי די חתונות איז שטענדיק אַנוועזנדיק געווען אַ גרויסער עולם. דאָס „פאַרליבן זיך" אין געטאָ איז אויך געווען זייער מאָדנע.

אַ טשעכישער עלטערער מאַן האָט געגומען אַ יונג, שיין מיידל; אַ יונג־גערמאַן האָט גענומען אַן עלטערע פרוי. דער חשבון איז געווען — ברויט. דער עלטערער מאַן איז געווען אַן אינסטרוקטאָר און די עלטערע פרוי איז געווען אַן אינסטרוקטאָרקע.

דער סוף איז געווען, אַז ביידע האָבן זיך אָפּגענאַרט. דער שלום־בית האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

אין געטאָ זיינען געווען פאַרשיידענע צייטן: צייטן פון שטרייקן, צייטן, ווען מען איז געגאַנגען מיט אַ דעמאָנסטראַציע און געטאָ־מענטשן האָבן געשריען: „מיר ווילן ברויט און אַרבעט".

ווען עס האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס, איז דעם „קייסער" געוואָרן אַ ביסל קאַלט. אָבער באַלד האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר דייטשע אויטאָס צוזאַמען מיטן „קייסער". עס זיינען געפאַלן עטלעכע שאָסן און עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּאָר טויטע.

דער „קייסער" האָט אויך געהאַט אַ פּאַרטרעטער די ערשטע צייט. דאָס איז געווען ד"ר שיקער. ביים פאַרמאַכן דאָס לאָדזשער געטאָ, האָט ד"ר שיקער פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט. ד"ר שיקער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַקטיאָרן און זייער ליב געהאַט טעאַטער. ער האָט מיר שפּעטער דערקלערט, אַז אין דער יוגנט האָט ער געשטרעבט צו שפּילן טעאַטער.

*

ווען דאָס געטאָ האָט זיך גענומען איינשטעלן, און אַלץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, האָט ד"ר שיקער זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. ער האָט באַצייטנס פאַרשטאַנען זיך צוריקצוציען פון געטאָ־אַפּאַראַט און זיך בעסער פאַרנעמען מיט מעדיצין.

ער האָט פאָרויסגעזען, אַז עס וועט קומען אין געטאָ צו זייער ערנסטע געשעענישן. און אַזוי איז טאַקע שפּעטער געשען.

אַלע שישקעס אין געטאָ האָבן באַקומען אַ בייראַט־צוטיילונג, אַ פּאַיאָק, הייסט עס. ד"ר שיקער האָט די צוטיילונג נישט צוגענומען. עס איז אויך געווען אַ צוטיילונג פאַר דאָקטוירים און אָט די צוטיילונג האָט ער אויך נישט אָנגענומען. די צוטיילונג איז באַשטאַנען פון: פלייש, פּוטער, קעז, צוקער, ווורשט, און אויך זיסוואַרג.

אַזאַ צוטיילונג איז געווען אַ שטיק לעבן. דאָס האָבן נאָר באַקומען די שפּיצן פון געטאָ.

ווען ס'איז אויסגעקומען צו רעדן מיט ד״ר שיקער, האָט תמיד זיך באַוויזן אַ האַלב שמייכעלע אויף זיין פּנים, אָבער אינערלעך איז ער געווען זייער טרויעריק.

אין לאָדזשער געטאָ האָט מען געקאָנט דעם ליבהאַרציקן ד״ר ווייסקאָפּ, מיט זיין דאָקטאָר־רענצל פלעגט ער שפּרייזן איבערן געטאָ און איילן זיך צו די קראַנקע.

ד״ר ווייסקאָפּן האָט מען געקאָנט רופן ביינאַכט און ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט קיין מאָל נישט גענומען פאַרן וויזיט. עס איז אים אמיינסטנס אויסגעקומען צו זיין ביי די געטאָ־מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּראָטעקציע... ער האָט געטאָן וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך פאַר די קראַנקע, וואָס האָבן זיך געגייטיקט אין זיין הילף.

אויך ד״ר ווייסקאָפּ האָט נישט אָנגענומען די בייראַט־צוטיילונג.

די ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ איז געקומען. און ד״ר ווייסקאָפּ האָט זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער. דורך אַ צופאַל האָט מען אַנטדעקט דעם בונקער, און גלייך אויפן אָרט פון דעם אַנטדעקטן בונקער איז געקומען די מערדער־האַנט פון ביבאָוו, דעם אַמטלייטער פון לאָדזשער געטאָ. ביבאָוו האָט געזאָגט צו ד״ר ווייסקאָפּ: „גיי אַרויס פון בונקער״. ד״ר ווייסקאָפּ האָט נאָך באַוויזן צו כאַפּן אַ ציגל און שפּאַלטן ביבאָוון דעם קאָפּ.

ביבאָווס מיטהעלפער האָבן זיך געוואָרפן אויף ד״ר ווייסקאָפּן, וועל־כער האָט אגב געהאַט אַ צעבראָכענעם פוס און עס איז אים שווער געווען צו גיין. מען האָט ד״ר ווייסקאָפּן אַרויסגעצויגן פון בונקער און אים שרעקלעך געשלאָגן. אַ באַגאָסענער מיט בלוט, האָט ער נאָך געהאַט דעם מוט צו זאָגן צו ביבאָוון: „דו מערדער, פאַרברעכער, וואָס דו ביסט, דו וועסט פאַר אַלעם באַצאָלן״.

מען האָט אים געמאַטערט אַ פּאָר שעה און שפּעטער אים דערשאָסן.

אַזוי טראַגיש איז אומגעקומען איינער פון די איידלסטע מענטשן, וואָס האָט מיט לייב און לעבן געדינט די קראַנקע, צעבראָכענע געטאָ־מענטשן.

*

דאָס געטאָ האָט דורכגעמאַכט טראַגישע פּעריאָדן אין פאַרלויף פון זיינע פיר יאָר, פון 1940 ביז 1944.

אין מיטן פון אַלע געשעענישן האָט איר געקאָנט הערן, אַז אויפן בית עולם גייט מען אויף יאַגד. און ווער? ביבאָוו, ימח שמו. דער לאָדזשער בית עולם איז זייער גרויס און באַזעצט מיט אַלטע ביימער. דאָרט האָבן זיך געפונען האָזן, ווילדע קאַטשקעס און אַנדערע פייגל.

איז געקומען פון שטאָט אויפן בית־עולם אַ פאַרמאַכטער וואָגן און פון דאָרט זיינען אַרויס אַ זעקס פערזאָן, אָנגעטאָן אין דייטשע אוני־פאָרמען, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ. מיט זיי איז אויך מיטגעקומען דער שטאָט־פּרעזידענט פון לאָדזש. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם אורטייל, אַז זיי זיינען באַשטראָפט צום טויט דורך שיסן. מען האָט זיי אויסגעשטעלט ביי פריער אויסגעגראָבענע גריבער, געשאָסן אויף זיי, און זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די גריבער.

אין די טעג, ווען די דייטשן זיינען געווען באַשעפטיקט אויפן בית עולם, האָט קיינער אַהין נישט געקאָנט אַריינגיין. דאָס איז פאָרגעקומען צוויי, דריי מאָל אַ וואָך. קיינער האָט נישט געוווסט ווער די דערשאָסענע דייטשע זעלנער זיינען.

דאָס גרעסטע און לעצטע פאַרברעכן איז דער פּרעזעס מרדכי חיים רומקאָווסקי מיט זיין סוויטע באַגאַנגען מיט דעם, וואָס מען האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט, ווהין מען פירט אונדז. די פירער פון געטאָ האָבן גוט געוווסט, ווהין מען פירט אונדז, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט פאַר זייער הויט.

ווען מען וואָלט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ אונדז געזאָגט, אַז מען פירט אונדז קיין אוישוויץ, וואָלט זיך זיכער געווען געשאַפן אַ קאַמפס־גרופּע, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן. די פירער האָבן אָבער אָנגענומען אַ מויל מיט שווייגעניש.

און די זיבעציק טויזנט איינוווינער פון געטאָ האָט מען וואַגאָנירט און אָפּגעשיקט קיין אוישוויץ...

„דער קייסער פאָרט"

מרדכי חיים רומקאָווסקי האָט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַ דראָזשקע מיט אַ ווייס פערד. אַ ווערטל איז אַרומגעגאַנגען אין געטאָ: דער „קייסער" פאָרט, דער „קייסער" וועט זיין אויף קאָנטראָל. ער האָט אויך געהאַט אַ היטער. דער היטער איז מיט אים אומעטום מיטגעפאָרן. ער האָט געדאַרפט האָבן עמעצן, וואָס זאָל אַוועקטרייבן די מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם „קייסער".

דער „קייסער" איז יעדן טאָג געקומען אויף קאָנטראָל אין פאַרשיידענע פאַבריקן — האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד צו די פּראָסטע מענטשן. אויף דעם איז געווען דער היטער, וואָס זאָל זיך מיט זיי דערליידיקן. עס איז דאָך עפּעס אַ „קייסער".

אין געטאָ זיינען געווען איבער הונדערט רעסאָרטן (פאַבריקן). דייטשע קאָמיסיעס זיינען אָפט געקומען, האָט דער „קייסער" פריער קאָנטראָלירט, און שפּעטער איז ער געקומען צוזאַמען מיט די קאָמיסיעס אויף אינספּעקציע. אַ צייט שפּעטער האָט מען איינגעאָרדנט אַ קליינע אויסשטעלונג פון אַלע זאַכן וואָס מען האָט אויסגעאַרבעט אין געטאָ.

ווען די אויסשטעלונג איז פאַרטיק געוואָרן, זיינען די קאָמיסיעס פריער צוגעפאָרן צו דער אויסשטעלונג און זיך איינגעקוקט, וואָס פאַראַ אַרטיקלען דאָס געטאָ אַרבעט אויס. די פאַרברעכער האָבן געהאַלטן אין איין קאָנטראָלירן דאָס געטאָ. מען איז נישט בלויז געקומען זען די אַרבעט, נאָר מען האָט באַטראַכט וויפל מענטשן מען וועט אַרויסשיקן אין דעם נאָענטסטן טראַנספּאָרט.

זיי האָבן פון די געטאָ־מענטשן אַרויסגעצויגן די לעצטע כוחות און שפּעטער זיי געשיקט אין די שפּיטאָלן. דאָרט איז געווען דער זאַמל־פּונקט, פון וואַנען מען האָט די אומגליקלעכע געשיקט אין די קרעמאַטאָריעס.

דער „קייסער" האָט פון דעם אַלעם געוווּסט, אָבער ווי פּאַסט עס, אַז דער „קייסער" זאָל דערציילן די פּראָסטע מענטשן וואָס עס קומט פאָר?

דער „קייסער" האָט גערעדט דעמאָלט ווען דאָס געטאָ האָט געפילט, אַז עס קומט אָן אומגליק. דער „קייסער" האָט נישט דערמאָנט, אַז עס קומען שלעכטע טעג פאַר די געטאָ־מענטשן. ער האָט נאָר דערציילט,

אַז מען האָט געמוזט מאַכן אַ ספּעציעלע שטול אויף צו שמייסן די יעניקע וואָס פאַרזינדיקן זיך. פון די פאַרזינדיקטע האָט מען אַ סך אויך אַרויס־געשיקט פון געטאָ.

דער חטא פון די פאַרזינדיקטע איז באַשטאַנען אין אַוועקרייסן אַ ברעטל פון אַ פּאַרקאַן, כדי צו קאָנען דערוואַרעמען די שטוב, אָדער אויפקאָכן אַ ביסל וואַסער; כאַפּן אַ פּאָר קאַרטאָפל; אַהיימנעמען אַ שטיקל ברויט פון דער בעקעריי, ווו מען האָט געאַרבעט.

דער „קייסער" איז געווען אַ גוטער אַקטיאָר. ער האָט גוט געשפּילט טעאַטער. אַז מען האָט געדאַרפט, האָט ער זיך אַ ביסל צעוויינט. ער האָט שטאַרק פּאַזירט מיט זיין גרויען קאָפּ האָר. ער איז געווען אין די זיבעציקער יאָרן. פאַרן קריג איז ער אויך געווען אַ שטיקל „קייסער". דאָס הייסט, ער איז געווען פּרעזעס פון אַ יתומים־הויז. ווערנדיק „קייסער" אין געטאָ, האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט קינדער יתומים. ער האָט זיי איינגעאָרדנט אויף מאַרעשין, אַ פאָרשטאָט אין לאָדזש. ער איז אָפט געקומען צו זיי.

אויף די אָרעמע קינדער האָט געלויערט ביבאָוו, דער פאַרוואַלטער פון לאָדזשער געטאָ. אים האָט מען געהאָנגען אין לאָדזש נאָכן קריג. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געזאָגט:

— וואָס דאַרפט איר קינדער? גיט די קינדער, וועט איר האָבן מער ברויט.

דער „קייסער" האָט אונטערגעהאַנדלט מיט דעם מערדער ביבאָוו. ווער ווייס מיט וואָס דער „קייסער" האָט באַצאָלט, אַז מען זאָל דערווייל נישט נעמען די קינדער. די צייט איז אָבער נישט געשטאַנען און די דייטשע מערדער האָבן אַלץ געטאָן, כדי אַרויסצובאַקומען די קינדער.

אין אַ צייט אַרום האָט רומקאָווסקי פאַראָרדנט, אַז מען זאָל די קינדער אָנטאָן נייע קליידער און זיי צוגרייטן צום אַוועקפאָרן...

די לערער האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן די קינדער. דעם צער פון די לערער איז נישט מעגלעך איבערצוגעבן אין ווערטער. די קינדער האָבן פאַרנומען אַ פּאָר הייזלעך און דאָרט, פאַר די הייזלעך, האָבן די קינדער זיך פאַרזאַמלט. די קינדער האָט מען געזאָגט, אַז זיי פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, ווו עס געפינען זיך אויך קינדער.

עס זיינען צוגעפאָרן וועגענער און די קינדער זיינען אויף זיי אַרויף.

טראַגיש איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון די לערער מיט די קינדער.

די וועגענער מיט די אויסגעפּוצטע קינדער זיינען געפאָרן איבערן גאַנצן געטאָ. די קינדער האָבן געזונגען פאַרשיידענע לידער. מוראַדיק האָבן אויסגעזען די וועגענער, געפּאַקטע מיט קינדער, אין זייערע נייע מלבושים.

זינגענדיק זיינען די קינדער אַרויסגעפאָרן פון געטאָ. דער „קייסער״ האָט זיי באַגלייט ביזן טויער...

אין אויגוסט 1944 איז געוואָרן ליקווידירט דאָס לאָדזשער געטאָ און דער „קייסער״ רומקאָווסקי מיט זיין פאַמיליע איז אויך אַרויסגע־שיקט געוואָרן. דער „קייסער״ איז געקומען אין אוישוויץ און געמיינט, אַז מיטן אייזערנעם בריוו פון דער געסטאַפּאָ וועט ער בלייבן לעבן. אין אוישוויץ האָט אים באַגעגנט אַ געוויסער מאַקס, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעשיקט מיט אַ צייט פריער. ער האָט זיך „פאַרזינדיקט״, האָט אים דער „קייסער״ אַרויסגעשיקט פון געטאָ. מאַקס איז געוואָרן אַ קאַפּאָ אין אוישוויץ.

מאַקס האָט זיך דאַן דורכגערעדט מיטן „קייסער״:

— דו האָסט געמיינט, אַז דו וועסט בלייבן לעבן, חיים. דו האָסט אַ סך מענטשן אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, און איצט — זעסט דאָס קרעמאַטאָריום? — ער האָט אים מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף די קוימענס — דו וועסט ברענען אין דעם אויוון. ס׳וועט לאַנג נישט דויערן... געדענקסט דאָס ווערטל אין געטאָ? „ביי דעם קייסער רומ־קאָווסקי וועסטו נישט זאַט ווערן און ביי היטלערן וועסטו נישט קליגער ווערן״... זע דיין סוף, געגאַנגען!...

אַלטשו־לאַגער

אין סוף יאָר 1943 האָט מען מיך צוגעטיילט צו דעם אַלט־שו־לאַגער. דאָס איז געווען אַ רעסאָרט, וווהין מען האָט געבראַכט הונדערטער טויזנטער שיך פון די אומגעקומענע געטאָ־מענטשן.

עס זיינען דאָרט געווען צוויי גרויסע שוסטער־וואַרשטאַטן, ווו עס זיינען געזעסן שוסטערס און האָבן צעטרענט די שיך. אין די וואַרשטאַטן איז שטענדיק געווען אַ סך פּאָליציי, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געקוקט

אויף די הענט פון די אַרבעטער. נאָך די אַלע דורכלויכטונגען, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט איבער די שיך, איז אין דעם רעסאָרט פאָרגעקומען די לעצטע קאָנטראָל: מען האָט געזוכט אין די שיך באַהאַלטענע אוצ־רות — בריליאַנטן, גאָלדענע זייגערס, קייטן.

די געפונענע חפצים זיינען געוואָרן צוגענומען דורך דער פאָליציי. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל, דער לייטער פון רעסאָרט האָט זיך אונטערגעשריבן און די אַלע ווערטזאַכן זיינען אַוועקגעגאַנגען אין דער זאָנדער־קאָמאַנדע. דאָרט האָט זיך געפונען אַ קאַסע, ווו מען האָט אַלץ אַריינגעלייגט און פאַרמאַכט.

צוויי מאָל אין חודש איז געקומען דער לייטער פון געטאָ, דער מאַסן־מערדער האַנס ביבאָוו און האָט דאָס צוגענומען.

די אַלע געפונענע גאָלדענע קייטן, בראָשן, פינגערלעך, אוירינגלעך, וואָס זיינען געווען אַ ירושה פון דור־דורות, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די מערדער.

אין אַלטשו־לאַגער זיינען געווען אַ סך פרויען־אָנגעשטעלטע. זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין סאָרטירן די איינצלנע שיך, מאַכן פון זיי פּאָרן. אין דעם מאַגאַזין איז אָפט געקומען אין די צענדליקער וואַגאָנען שיך.

עס זיינען געלעגן הויכע בערג מיט שיך. פאַרשיידענע שיך האָט מען געזען: טשעכישע, איטאַליענישע, דייטשע, גריכישע, אַ סך הויכע שטיוול און זייער פיל קינדער־שיכלעך.

אַחוץ שיך האָט מען אויך געבראַכט וואַליזעס, פרויען־טאַשן, מענער־פּאַסקעס, קעם, שפּיגלען, פודערניטשקעס, ברילן, בייטלעך, פּאָרטפעלן, ברוך־גאַרטלען און פּראָטעזן.

עס איז געלעגן אַ באַרג מיט פּראָטעזן, צוזאַמענגעמישט מיט די ברוך־גאַרטלען. פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי מענטשלעכע גופים וואָלטן געלעגן מיט די פיס אין דער הויך, פאַרוויקלט אין אַ קנויל. דאָס אַלץ איז געבליבן פון די, וואָס מען האָט שוין אַרויסגעשיקט פון פאַרשיידענע געטאָס.

אין דעם אַלטשו־לאַגער האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט מאַן. אַחוץ דעם וואָס מען האָט סאָרטירט שיך, האָט מען נאָך אויסגעאַרבעט שיך, געשיקט לעדער אין אַנדערע רעסאָרטן. אַז מען האָט געבראַכט אַ צעטל

פון פּרעזעס, האָט מען באַקומען אַ פּאָר פּאַרטיקע שיך, אָדער אַרויסגעגעבן מאַטעריאַל אויף אַ פּאָר שיך.

עס איז מיר אָפט אויסגעקומען צו זיין אַליין ביי אַזאַ באַרג שיך און איך האָב געפילט ווי די שיך רעדן צו מיר. אין יעדן שוך האָב איך געזען דאָס פּנים פון אַ קינד, אַ זיידע, אַ באָבע, אַ מאַמע, אַ טאַטע. דעם גאַנצן טאָג האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון די שיך, און זייענדיק אין דער היים, האָב איך נאָך געטראַכט פון די שיך.

אין געטאָ איז אויך געווען דער באַקאַנטער מאָלער י. לייזעראָוויטש. איך בין מיט אים געווען זייער באַפריינדעט. ער איז צו מיר געקומען אין שטוב. כ'האָב אים נאָך געקענט פון פאַרן קריג. טראַכטנדיק וועגן די שיך, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרבעטן לייזעראָוויטשן, אַז ער זאָל קומען און מאַכן אַ פּאָר צייכענונגען.

לייזעראָוויטש איז געווען זייער צופרידן ווען איך האָב אים דאָס פאָר־געשלאָגן. אין אַ וואָך אַרום איז ער געקומען אין אַלטשו־לאַגער. איך האָב אים אַרומגעפירט, געוויזן אים פאַרשיידענע בערג מיט שיך. ער האָט זיך גענומען מאָלן. ער האָט געבעטן אַן אַרבעטער, אַז ער זאָל זיך אַרויפ־זעצן אויף אַ באַרג שיך.

לייזעראָוויטש איז געקומען אַ פּאָר מאָל. ער איז געווען אי באַגייס־טערט, אי שטאַרק נידערגעשלאָגן פון די שיך. שפּעטער איז ער מער נישט געקומען. איך האָב אים געטראָפן. פאַר וואָס קומט ער נישט? ער פילט זיך נישט גוט — האָט ער געענטפערט.

— איך מוז מאַכן אַ קו, כ'זאָל האָבן אַ שטיקל פּוטער...

לייזעראָוויטש איז געווען אַ קראַנקער מענטש נאָך פאַרן קריג. געאַרבעט האָט ער פאַר די דייטשן. ער האָט געמאָלן חיות, פּאָרטרעטן און לאַנד־שאַפטן, כדי צו קאָנען דערכאַפּן דאָס שוואַכע לעבן. לייזעראָוויטש איז אויך געווען אַ פיינער דיכטער. איין מאָל איז לייזעראָוויטש געקומען צו מיר און מיר פאָרגעלייענט אַ פּאָעמע. עס האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן דעם לעצטן ייד, וואָס טרעפט זיך מיט אַ דייטש אין וואַרשע אויף די נאַלעווקעס.

מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן אונדזער גורל אין געטאָ. ער האָט מיר געזאָגט:

— איר זעט דאָך, פּולאַווער, מיר זיינען פאַרלוירן, ער וועט אונדז אומברענגען.

דאָס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ. ער האָט מיר דאַן געזאָגט:

— איר ווייסט, פּולאַווער, כ'וועל אייך זאָגן אַ סוד, איך האָב די וואָך געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד.

אין אַזאַ שטימונג איז געווען לייזעראָוויטש אין די שרעקלעכע טעג, איידער מען האָט ליקווידירט דאָס געטאָ. זיין פאָטער איז אויך געווען מיט אים. לייזעראָוויטש האָט אַ סך געמאָלן אויף פאַרשיידענע געטאָ־טעמעס, מערסטנטייל איילבילדער.

לייזעראָוויטש איז אומגעקומען אין אוישוויץ, אין אויגוסט 1944.

טעאַטער אין געטאָ

דעם 11טן מאַי 1940 איז פאַרמאַכט געוואָרן דאָס לאָדזשער געטאָ. עס זיינען פאַרבליבן אין געטאָ אַ סך קינסטלער, דיכטער, מאָלער, אַקטיאָרן, טענצער, מוזיקער, דיריגענטן, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צו די פאָר־שטעלונגען, קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאָרגע־קומען שפּעטער אין געטאָ. אין דער זעלבער צייט האָבן פאַרשיידענע פאַרטייען באַשלאָסן צו שיקן זייערע מיטגלידער (יוגנטלעכע) אויף מאַרע־שין. דאָס איז געווען אַ פּלאַץ אין דער זייט פון יידישן בית־עולם. דער פּלאַץ האָט געהערט צום לאָדזשער געטאָ.

עס האָבן זיך געשאַפן אַ סך אַזעלכע קאָלעקטיוון. יעדער האָט געהאַט צוגעטיילט זיין שטיקל ערד, וואָס מ'האָט געדאַרפט באַאַרבעטן, און דערצו האָט יעדער איינער באַקומען זיין לעבנסמיטל־צוטיילונג.

אין מאַרעשין האָבן זיך געפונען ביז פופצן הונדערט מאַן, פרויען און מענער. די גרופן האָבן לויט זייערע מעגלעכקייטן געפירט אַ קולטור־אַרבעט — איינגעאָרדנט אָוונטן, לעקציעס, דיסקוסיעס וועגן יידישע קלאַ־סיקער א. אַ. וו.

זיי האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט אָט דער אַרבעט. זיי האָבן אויך גע־וואָלט שאַפן אַ טעאַטער־סטודיע. און זייענדיק אין געטאָ האָב אויך איך

געטראַכט פון שאַפן אַ טעאַטער־סטודיע. איז צו מיר געקומען אַ דעלע־גאַציע פון פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פאַרטייען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל שאַפן אַ טעאַטער־סטודיע אין מאַרעשין.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געקומען קיין מאַרעשין און צוזאַ־מענגענומען די גרופּע וואָס וויל מיטאַרבעטן אין דער סטודיע. איך האָב די מענטשן עקזאַמינירט און אויסגעקליבן די פעיקע פון זיי. איך האָב אָנגעהויבן פּרובירן מיט די סטודיאַנטן. די חברה איז געווען באַגייסטערט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין געטאָ און אַז דער געלער פּאָסטן, וואָס שטייט אויף דער וואַך, האָט שוין ווידער געשאָסן אַ פּאָר יידן וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט. מ׳האָט אויך פאַרגעסן, אַז מען גיט שמיץ קינדער און דערוואַקסענע, וואָס שמוגלען זיך דורך די דראָטן כדי צו קאָנען קויפן אַ שטיקל ברויט אין אַ פּויליש געוועלב. מ׳האָט אויך פאַרגעסן, אַז ביים שפּיטאָל האָט מען דערשאָסן אַ ייד. דער וועכטער, וואָס האָט געשאָסן פון דער ווייטנס, איז צוגעגאַנגען זען, צי דער דערשאָסענער איז טויט, און ווען ער האָט געזען, אַז ער לעבט, האָט ער אים נאָך אַ מאָל געשאָסן און... געהייסן אַריינגעמען אין שפּיטאָל.

דער עולם איז געווען פאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין די פּראָבעס. מיר איז געווען זייער שווער צו קומען קיין מאַרעשין — מען איז ממש געווען באַדראָט. טראָץ אַלע שוועריקייטן בין איך געגאַנגען קיין מאַרעשין און געפירט די פּראָבעס. מיט אַ סך מי און אַרבעט האָב איך צוגעגרייט אַ פּראָגראַם. דאָס פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון מאַטעריאַלן פון די דיכ־טער: מ. בראָדערזאָן, א. מאַנגער, א. לוצקי, מ. געבירטיק. מוזיק פון הענעך קאָן, דוד בייגעלמאַן, הערץ רובין.

דאָס פּראָגראַם איז געווען פאַרטיק צום שפּילן. אָבער ווו שפּילט מען? קיין טעאַטער איז ניטאָ. איך האָב נישט גערוט, ביז איך האָב אויסגעפונען דעם זאַל פון דער גימנאַזיע אויף דער פּראַנטשישקאַנער גאַס, נומער זעקס און זיבעציק. דאָרט איז פריער געווען אַ פּוילישע גימנאַזיע. אין געטאָ האָט ער געהערט צו דער יידישער שול. דעמאָלט האָט דאָס געטאָ נאָך געהאַט אַ יידישע שול.

איך בין געגאַנגען צום דירעקטאָר פון דער שול און אים דערציילט דעם גאַנצן ענין, אַז איך האָב אַ פיינע טעאַטער־סטודיע און אַז איך האָב צוגעגרייט אַ גוט פּראָגראַם — וויל איך מען זאָל מיר געבן דעם ספּאָרט־

זאַל פאַר אַ פאָרשטעלונג. דער דירעקטאָר האָט מיר געענטפערט: „אין פרינציפ בין איך איינשטימיק, אָבער איך וויל זען די אַקטיאָרן".

איך האָב צוזאַמענגענומען מיינע סטודיאַנטן און אַוועק מיט זיי אין שול אויף עקזאַמען...

די פּראָבע איז געפעלן געוואָרן. עס איז געוועזן אויסגעצייכנט, האָט מיר דערקלערט דער דירעקטאָר פון שול. מיר באַקומען דעם זאַל אויף איין פאָרשטעלונג.

איך מיט מיינע חברה האָבן אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער פאָרשטעלונג. מיר האָבן געמוזט מאַכן דעם ספּאָרט־זאַל שפּילפעיק. מען האָט גענומען אַלטע טירן, ברעטער, שטיקלעך קאַטאַרן, און געמאַכט אַ בינע מיט אַ פאָרהאַנג. געבראַכט אַ פּאָר שטיקלעך קאָלירט פּאַפּיר און פאַרדעקט די עלעקטרישע לעמפּלעך — האָבן מיר שוין אויך געהאַט ליכט מיט עפעקטן.

אַלץ איז געוועזן צוגעגרייט. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שבת נאָכמיטאָג. אַ סך מענטשן זיינען געקומען צו דער פאָרשטעלונג. דער זאַל איז געוועזן איבערגעפולט מיט מענטשן. אין ספּאָרט־זאַל זיינען געוועזן לייטערלעך אויף די ווענט, ווו די קינדער האָבן געמאַכט איבונגען — זיינען די מענטשן אַרויפגעקראָכן אויף די לייטערס. ס'האָט אויסגעזען, ווי די מענטשן וואָלטן געוועזן אין דער לופט.

דער עולם האָט ענטוזיאַסטיש אויפגענומען די פאָרשטעלונג. אַ סך מענטשן זיינען אַוועקגעגאַנגען אָן בילעטן.

דער פּרעזעס פון געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, איז אויף דער פאָרשטעלונג נישט געווען, אָבער זיינע מענטשן זיינען געקומען צו דער פאָרשטעלונג און עס איז זיי געפעלן. זיי האָבן איבערגעגעבן רומקאָווסקין, אַז עס איז געוועזן אַ פיינע פאָרשטעלונג.

מער ווי איין פאָרשטעלונג האָב איך נישט געקאָנט מאַכן אין שול, האָב איך זיך ווייטער אינטערעסירט וועגן אַ לאָקאַל. אין אַ צייט אַרום האָט מען אויפגעטאָן אַ לאָקאַל וואָס האָט געהערט צו די ענדעקעס, די אַנטיסעמיטן, וואָס זיינען געוועזן גוט באַקאַנט אויף די לאָדזשער גאַסן. און דאָרט, אין דעם לאָקאַל, האָט מען געפונען אַ פּאַרטיק טעאַטער, מיט אַ בינע און מיט פיר הונדערט זיץ־פּלעצער. מען האָט אויך געפונען

פאַרשיידענע בלאָז־אינסטרומענטן, וואָס זיינען שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען די מוזיקער.

איך האָב אָנגעהויבן גרייטן די פאָרשטעלונג פון דאָס ניי — נישט אויף די טישן און בענק, ווי מיר האָבן געשפּילט אין ספּאָרט־זאַל, נאָר ווי מען דאַרף שפּילן אין אַ נאָרמאַל טעאַטער.

די פאָרשטעלונג גייט; דער זאַל איז געפּאַקט; די סטודיאַנטן האָבן טרעמע; אַלץ איז ווי אין אַן אמתדיק טעאַטער... דער פּרעזעס, מרדכי חיים רומקאָווסקי, זיצט אין זאַל, אַרום אים — זיין געטאָ־שטאַב. ער זיצט אין דער ערשטער ריי. דאָס פּראָגראַם געפעלט דעם עולם, אָבער נישט דעם פּרעזעס.

עס גייט „פּאַציפיסטן״ פון משה נאַדיר. אין טעקסט רעדט זיך וועגן מיין קייסער און דיין קייסער. דאָס געפעלט אים נישט, ווייל אין געטאָ האָט מען דעם פּרעזעס גערופן „קייסער״. דער פינאַל פון פּראָגראַם איז געווען „יידן שמידן״ פון משה בראָדערזאָן. דער „קייסער״ האָט דערזען ביי דעם נומער רויטע ליכט און יונגע מענטשן מיט האַמערס אין די הענט. אַפּנים, ער האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן... האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיין פאַרטרעטער, ד״ר שיקער:

— ווו האָסטו מיך אַריינגעפירט? צו רעוואָלוציאָנערן?

ד״ר שיקער האָט אים געלאָסן געענטפערט:

— אויב דאָס איז רעוואָלוציאָנערן, בין איך דער גרעסטער פון זיי...

דער אַלטער פּרעזעס האָט אַ געשריי געטאָן:

— פאַרמאַכן!

מען האָט פאַרמאַכט דאָס טעאַטער.

נאָך גרויסע אינטערווענצן ביים ד״ר שיקער און דעם לייבדאָקטאָר פון פּרעזעס ד״ר מילער, איז געלונגען ווידער אויפצומאַכן דאָס טעאַטער. מען האָט דערלויבט צו שפּילן איין מאָל אַ וואָך צוויי פאָרשטעלונגען. יעדן דינסטיק האָבן מיר געשפּילט פון זעקס ביז אַכט און פון אַכט ביז צען.

דאָס איז געווען דער אָנהייב. שפּעטער איז צוגעקומען דער פיינער מאָדערנער מאָלער פּנחס שוואַרץ. דאָס טעאַטער איז געוואָרן אַ פאַקט אין געטאָ.

מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן יעדן טאָג. דער אַנסאַמבל איז באַשטאַנען פון אַכצן מענטשן, אַ כאָר, אַ טאַנץ־גרופּע, אָנגעפירט פון דער באַקאַנטער

טאַנץ־לערערין קראָקאָווסקאַ. אַ געוויסע צייט איז אויך אויפגעטראָטן די טענצערין זינאַ קרוש. די מוזיקאַלישע לייטונג איז געווען אין די הענט פון דוד בייגלמאַן, דער רעזשיסער פון טעאַטער איז געווען משה פולאַווער, דער מאָלער איז געווען פנחס שוואַרץ.

דאָס טעאַטער אויף קראַוויעצקאַ דריי איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטור־הויז. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביים קולטור־הויז אַ סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון צוויי באַקאַנטע דיריגענטן: דער דיריגענט פון דער לאָדזשער פילהאַרמאָניע, פּראָפעסאָר טעאָדאָר רידער און דוד בייגלמאַן, לאַנגיאָריקער דיריגענט פון יידישן טעאַטער.

צום סימפאָנישן אָרקעסטער האָבן געהערט פיר און פערציק מאַן, זייער גוטע מוזיקער. יידישע פאָלקסטימלעכע מוזיק האָט דיריגירט דוד בייגעלמאַן. ער איז געווען זייער פּאָפּולער מיט זיינע פאָלקסטימלעכע שאַפונגען. ער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין „אַראַראַט“־טעאַטער און אין אַנדערע רעווי־טעאַטערס. זיינע קאָמפּאָזיציעס ווערן געזונגען אין דער ברייטער וועלט. דוד בייגעלמאַן איז אומגעקומען אין אושוויץ, אין אויגוסט 1944.

דאָס קולטור־הויז קראַוויעצקאַ דריי אין אַ רייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון לאָדזשער געטאָ. דאָרט זיינען פאָרגעקומען סימפאָנישע קאָנצערטן, קאָנצערטן פון סאָלאָ־געזאַנג, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אַ סך אַנדערע אימפּרעזן.

ביים טעאַטער און קולטור־הויז זיינען אויך געווען טעטיק אַ ריי דיכטער; דער לאָדזשער הומאָריסט ש. יאַנאָווסקי, וואָס האָט געשריבן פאַרן טעאַטער הומאָרעסקעס, דיאַלאָגן, מאָנאָלאָגן, פיינע דועטן, לידער און גרעסערע סצעניזשע זאַכן האָט געשריבן דער יונגער טאַלאַנטירטער דיכטער א. יאָאַכימאָוויטש, וואָס געפינט זיך היינט צו טאָג אין ניו־יאָרק. יאָאַכימאָוויטש און יאַנאָווסקי זיינען געווען די שטענדיקע מיטאַרבעטער אין טעאַטער פון לאָדזשער געטאָ. אַנדערע דיכטער האָבן אויך געשריבן פון צייט צו צייט פאַרן טעאַטער.

די פּראָגראַמען, וואָס איך האָב אויפגעפירט אין געטאָ, זיינען געווען אומשולדיקע, דאָס הייסט, אַז קיין פּאָליטישע סאַטירע, קיין שלעכט וואָרט אויף די שישקעס, האָט מען נישט געקאָנט דערמאָנען. און דערצו

איז דאָס פּראָגראַם געווען אָן אַ נאָמען. האָב איך זיך געמוזט צופּאַסן, ביים שטעלן דאָס פּראָגראַם, ווייל די גרעסטע טייל פון פּראָגראַם האָב איך געבראַכט. אויב דאָס פּראָגראַם איז געווען אַזוי אומשולדיק, בין איך שוין געשטאַנען אויף דער וואַך ווען ס'איז געקומען אַ געוויסער נומער, אָדער לידל, וואָס האָט געוואָלט חנפענען דעם פּרעזעס. דאָס האָב איך שוין נישט דערלויבט. איך האָב געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף מיט דעם קולטור־לייטער פון קולטור־הויז, שעניצקי.

שעניצקי האָט שפּעטער פאַרנומען דעם אַמט פון „אַרבעטס־מיניסטער".

שעניצקי איז געווען איינער פון די פאַרטרויונגס־מענער פון „קייסער" רומקאָווסקי, און מען האָט צו אים אַזוי לייכט נישט געקאָנט צוקומען. ער איז דאָך געווען אַ מיניסטער...

דאָס איז געווען מיינער אַ געוועזענער חבר. מיר האָבן אַמאָל צוזאַמען געלערנט אין דער דראַמאַטישער סטודיע אין לאָדזש. ער האָט דאָס אַלץ פאַרגעסן, און זיך געפירט ווי אַ געטאָ־שישקע מיט אַלע קלימפּערלעך.

די פּראָגראַמען וואָס איך האָב אויפגעפירט זיינען געווען גוט אויסגע־שטאַט מיט קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, ליכט, אָרקעסטער — אַלץ איז געווען אויף אַ ניוואָ. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען זיינען געמאַכט געוואָרן פון נייער סחורה. דאָס טעאַטער האָט באַדינט אַלע רעסאָרטן. יעדע פאַבריק האָט גענומען אַ פאַרשטעלונג, דערפאַר איז קיינמאָל אין טעאַטער קיין בילעט נישט געווען צו באַקומען. ווער ס'האָט געוואָלט האָבן אַ בילעט, האָט געמוזט זיך פאַרשטענדיקן מיט דעם געהעריקן רעסאָרט, וואָס האָט גענומען די פאַרשטעלונג.

דאָס טעאַטער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. יעדע פאַרשטעלונג איז געווען אַ יום־טוב.

דער עולם איז געקומען אויסגעפּוצט אין טעאַטער. די מענטשן האָבן במשך פון די פּאָר שעה פאַרגעסן אין אַלע געטאָ־צרות. אין די וואַרשטאַטן האָט מען געזונגען די פאַרשידענע לידער, וואָס מען האָט געהערט אין טעאַטער און נאָכדערציילט די וויצן.

אין די שפּעטערדיקע פּראָגראַמען זיינען שוין געווען אינסצענירונגען פון שלום־עליכם, פּרץ, מאַני לייב. איך האָב אויפגעפירט „דאָס וווּנדער־

פערד״ פון מאַני לייב. ס׳איז געװען אַ קאָמישע, קליינע אָפּערע, זייער מאָדערן געמאַכט, און געהאַט גרויס דערפאָלג. אויך „דאָס קראַנקע ייִנגל״ פון פּרץ, קולבאַקס „שענק״, „דער װאַלס״ פון א. לוצקי, אי. מאַנגערס „כ׳האָב מלכהלען אַ ליד פאַרפאַסט״ און „די גילדענע פּאַװע״ זיינען געװען שלאַגערס אין טעאַטער. אין יעדן פּראָגראַם איז מיט אַ העלפט נומערן געװען פאַרטראַטן משה בראָדערזאָן.

„משפחה קעלבער״, „סערענאַדע״, „סאַמבאַטיאַנער״, „אין שאָפּ״, „מצה־בעקער״ פון א. יאַאַכימאָװיטש זענען אויסגעפירט געװאָרן אין פאַרשידענע פּראָגראַמען. אין אָט די סצענקעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט געטאָ־געשעענישן. אָט די נומערן האָבן געהאַט אַ ממשות סיי אין דער שפּראַך, סיי אין דער טעמאַטיק.

„קוימענקערער״ — אַ קאָמישער דיאַלאָג״, „טויבע״ — אַ טריאָ פון ש. יאַנאָװסקי זענען, װי תמיד, געװען פאַרװיילונגס־נומערן.

„װען דער ערשטער װעט לאַכן״ פון מ. געבירטיק איז געװען אַ פּרעכטיקער נומער, און גלייכצייטיק אויך דער בעסטער נומער פון פּראָגראַם — װייל צו דעם נומער האָט מען יעדן טאָג געמוזט האָבן ברויט, און ברויט אין געטאָ איז געװען פון די טייערסטע אַנטיקן. די צװיי אַנטייל־נעמער פון דעם נומער זיינען געװען מאַניע פּעטערמאַן און עסטושאַ בערגער. זיי זיינען געװען פון די גליקלעכע. יעדן טאָג האָבן זיי געהאַט אַ פרישע ברייטעלע, ספּעציעל געמאַכט פאַר דעם נומער. דאָס ברויט איז געװען צוגעטיילט צו דער אַפּראָװיזאַציע. די אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך אָפּט מאָל ביי מיר געבעטן, אַז איך זאָל זיי שטעלן מער אַזעלכע נומערן, אין װעלכע מען דאַרף, אַז ברויט זאָל מיטשפּילן.

די צװיי אָנטיילנעמער האָבן אָבער דאָס ברויט אַליין נישט אויפגע־געסן. זיי האָבן זיך געטיילט מיט די איבעריקע. יעדער האָט באַקומען אַ שטיקעלע.

די אָפּטע אויסזידלונגען פון געטאָ האָבן דערפירט דערצו, אַז צװישן דעם עולם, װאָס האָט זיך געפונען אין טעאַטער, איז שטענדיק געװען אַ געװיסע טייל מענטשן װאָס האָט שוין געהאַט די פאַראָרדענונג אַװעק־צופאָרן. אַ װאָך שפּעטער זיינען שוין די מענטשן נישט געװען צװישן די לעבעדיקע.

זייענדיק אין טעאַטער האָבן די אומגליקלעכע פאַרגעסן אין אַלעם, זיי האָבן געלאַכט און געהאַט פאַרגעניגן. פאַר אַט די מענטשן האָבן מיר געשפּילט טעאַטער.

אַזוי האָבן מיר געשפּילט טעאַטער ביז סוף 1943. דער גאַנצער טעאַטער־אַנסאַמבל, מוזיקער און אַנדערע אָנגעשטעלטע, זיינען געוואָרן צוגעטיילט צו פאַרשיידענע אַרבעטן. עס זיינען פאָרגעקומען נאָך פאָר־שטעלונגען, אָבער נישט אין טעאַטער. יעדער רעסאָרט האָט ביי זיך געמאַכט אַ פאָרשטעלונג. אָפיציעל איז נישט געווען דערלויבט צו שפּילן טעאַטער אין געטאָ, אָבער מען האָט געשפּילט טעאַטער, געמאַכט סימפאָ־נישע קאָנצערטן — אין יענע בלוטיקע, שטורעמדיקע טעג פון לאָדזשער געטאָ.

די היים

ווען איבער הונדערט רעסאָרטן האָבן שוין געקלאַפּט אין לאָדזשער געטאָ און די אַרבעטער זיינען שוין געווען זייער דערשעפּט, האָט זיך די יידישע לייטונג פון געטאָ פאַרטראַכט, אַז מען דאַרף איינפירן אַן אָפּרו פון צען טעג פאַר אַן אַרבעטער. דאָס הייסט, פון צייט צו צייט וועט מען אַרויסשיקן אַ גרופּע אַרבעטער אויף אָפּרו. האָט מען איינגעפירט אַזעלכע אָפּרו־היימען.

דריי היימען האָט מען געמאַכט אין פאַרשיידענע פּונקטן פון געטאָ. עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע רייבונגען. יעדער איינער האָט געוואָלט פאָרן פריער, און דערצו זיינען געווען פּריווילעגירטע. זיינען פריער געפאָרן די, וואָס האָבן געהאַט גרויסע פּראָטעקציע, און שפּעטער זיינען געפאָרן די פּראָסטע אַרבעטער.

אין דער היים, ווו מען איז געוואָרן צוגעטיילט, זיינען געשלאָפן פיר פערזאָן אין אַ צימער און מען האָט באַקומען דריי מאָל אַ טאָג צו עסן. לויט די געטאָ־באַדינגונגען איז דאָס געווען אַ קוראָרט...

אין דער פרי האָט מען געגעבן דריי שטיקלעך ברויט מיט מאַרמע־לאַדע און קאַווע. אויף מיטאָג האָט מען באַקומען אַ זופּ מיט גרינס און קאַרטאָפל. דריי מאָל אַ וואָך איז געווען פלייש.

געטאָ־אַרבעטער האָבן געחלומט וועגן דער היים: ווען קומט שוין מיין ריי?

יעדע היים האָט געהאַט אַ פּאַרוואַלטערין, וואָס האָט די היים געפירט. די זיינען אויך געווען פּראָטעקציע־מענטשן... די אַרבעטער וואָס זיינען געקומען אויף די צען טעג, האָבן זיך פיין אָפּגערוט.

איך בין געווען דער אַקטיאָר און רעזשיסער פון לאָדזשער געטאָ־טעאַטער, און עס איז געקומען מיין ריי, מען זאָל מיך אויך שיקן אָפּרוען אויף אַ פּאָר טעג.

איך בין געוואָרן צוגעטיילט צו היים איינס. די היים איז געווען אין מאַרישין, נעבן לאָדזשער בית עולם. ווען איך בין געקומען אין דער היים, איז צופעליק געווען דאָרט דער מאָלער י. לייזעראָוויטש. איך האָב זיך דערפרייט און געזאָגט:

— מיר וועלן קאָנען פאַרברענגען צוזאַמען.

זייענדיק אין דער היים האָט לייזעראָוויטש אַ סך געצייכנט. איך האָב פאַר אים אויך פּאָזירט אַ פּאָר מאָל און ער האָט מיר געמאַכט אַ מתנה אַ פּרעכטיקן פּאָרטרעט.

מיט אונדז צוזאמען איז אויך געווען דער באַרימטער ראַק־פאָרשער, פּראָפעסאָר קעניגסבערג פון ווין. דעם פּראָפעסאָר האָט לייזעראָוויטש געצייכנט צענדליקער מאָל. ער האָט אים געצייכנט ביים אויפשטיין, ביים עסן, ווען ער איז געשלאָפן, זיצנדיק אויף דער וועראַנדע.

לייזעראָוויטש האָט מיר אָפט געזאָגט, אַז דער פּראָפעסאָר איז פאַר אים אַ וווּנדערלעכער אָביעקט צום צייכענען.

— איך וועל נישט מיד ווערן צו צייכענען אים אַ גאַנצן טאָג.

אין יעדער היים איז געווען איינגעאָרדנט, אַז ווען אַ גרופּע האָט געדאַרפט אַהיימפאָרן, האָט מען געמאַכט אַ געזעגענונגס־אָוונט און געבראַכט פון געטאָ אַ מוזיקער, וואָס האָט געשפּילט אויף אַקאָרדעאָן. ער האָט געשפּילט און דער עולם האָט געטאַנצט און געזונגען — אַזוי ווי עס וואָלט קיינמאָל קיין געטאָ נישט געווען.

מען האָט אין אַלץ פאַרגעסן. אויף דעם אָוונט האָבן אַלע געמוזט זיין און כאַפּן אַ טענצל.

איך בין לאַנג אויף דעם אָוונט נישט געווען. עפּעס אַ מאָדנער טרויער האָט מיך אַרומגענומען, ווען איך האָב דערזען דעם עולם טאַנצן... איך

בין אומבאַמערקט אַרויס און געגאַנגען אין מיין צימער. צען מינוט שפּעטער איז צו מיר אַריינגעקומען לייזעראָוויטש. ער האָט אויסגעזען בלאַס און זייער גערירט.

— עס איז דאָך אַ משוגעת — האָט ער געזאָגט צו מיר.

לייזעראָוויטש איז געווען זייער אַ פילנדיקער און צאַרטער מענטש.

— מתים טאַנצן אויף זייערע קברים. הערט, פּולאַווער, דאָס איז נישט נאָרמאַל... מיר זיינען דאָך האַלבע מתים. ווי אַזוי קאָנען מענטשן טאַנצן אין אַזאַ צייט?

— מען פאַרגעסט אין אַלעם, פריינד לייזעראָוויטש. איר זעט דאָך, מען האָט שוין פאַרגעסן אין די פלאָמבירטע וואַגאָנען, וואָס זיינען געקומען פון זדונסקע־וואָליע (אַ קליין שטעטל ביי לאָדזש)...

דריי טעג האָט מען געהאַלטן די מענטשן אין די פלאָמבירטע וואַגאָנען אָן עסן, אָן אַ ביסל וואסער, ביי גרויסע היצן. ווען מען האָט אויפגעפלאָמבירט די וואַגאָנען, זיינען צענדליקער מענטשן געווען משוגע, און אַנדערע — טויט. אין די וואַגאָנען זיינען פאַרגעקומען שרעקלעכע סצענעס. איבער זעכציק מענטשן זיינען געווען צוזאַמענגעקוועטשט אין איין וואַגאָן.

מיר האָבן דעמאָלט גערעדט אַ גאַנצע נאַכט וועגן אונדזער גורל אין געטאָ. מיר זיינען געזעסן ביים פענצטער פון קליינעם צימער און אָבסערווירט, ווי די מענטשן האָבן געטאַנצט אויף מתים, וואָס ליגן שוין אין זייער רו אַ לאַנגע, לאַנגע צייט...

בייטשן

אין לאָדזשער געטאָ האָבן נישט געפעלט קיין איינזאַמע קינדער. האָבן זיך די קינדער געשלעפּט איבער די געטאָ־גאַסן און געזוכט וווּ עפּעס צו געפינען.

די אויסגעהונגערטע קינדער האָבן פאַרלייגט פאַרשיידענע נעצן אויף דיביימער, כדי צו כאַפּן פייגל. די פייגל, וואָס זיי האָבן געכאַפּט, האָבן זיי געשאָכטן און געבראָטן צום עסן. די קינדער האָבן זיך מחיה געווען מיט די געבראָטענע פייגל.

די איינזאַמע קינדער האָבן געוווּסט ווען עס דאַרפן דורכפאָרן די וועגן מיט קאַרטאָפל, וואָס ווערן פאַרטיילט פאַר די קאָאָפּעראַטיוון אין

געטאָ. זיינען די קינדער געשטאַנען באַהאַלטענע אין די גאַסן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף די וועגענער. און ווען די וועגענער זיינען אָנגעקומען, האָבן זיך די קינדער אַרויפגעכאַפּט, איינגעגראָבן זיך אין דעם באַרג קאַרטאָפל אָדער מייערן, און געשטופּט אין די דורכגעלעכערטע הויזן־טאַשן. אונטן זיינען די הויזן געווען צוגעבונדן. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן דורכצופירן, ווייל די היטערס פון די וועגענער האָבן געהאַט בייטשן, וואָס האָבן זיך בליץ־שנעל איינגעפרעסן אין די קינדערשע לייבער, ביז דאָס בלוט האָט געשפּריצט.

מען האָט פון די קינדער נישט געהערט קיין געשריי. זיי האָבן נאָר געשטופּט די קאַרטאָפל אין די קעשענעס, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס מער...

— זאָלן זיי שלאָגן, איך וועל האָבן אויף אַ פּאָר טעג צו עסן — האָבן די קינדער געזאָגט.

עס זיינען געווען אַזעלכע היטערס, וואָס האָבן מיט די בייטשן געשלאָגן און געשריגן, אָבער דערנעבן... זיי האָבן די בייטשן געוואָרפן נישט אויף די קינדער, נאָר אין דער זייט פון וואָגן.

די היטערס האָבן פאַרשטאַנען די אויסגעהונגערטע קינדערלעך און געפילט זייער גרויסן הונגער.

די קינדער וואָס האָבן געהאַט עלטערן, האָבן זיך געפילט אַ ביסל זאַטער, פון די פאַרשיידענע גרינסן וואָס די עלטערן האָבן צוגעגרייט. פאַר די איינזאַמע קינדער איז נישט געווען ווער עס זאָל זאָרגן.

די קינדער, וואָס האָבן באַקומען די שמיץ, האָט מען געקאָנט זען שפּעטער, אויף אַ זייטיק, אָרט, ביי אַ פייערל פון שפּענדלעך, ווי זיי זיצן און בראָטן פענעצלעך קאַרטאָפל און אַ מאָל אויך — אַ פייגעלע...

דאָס אַלץ איז געווען אין די ערשטע צייטן אין געטאָ. שפּעטער האָבן די קינדער געמוזט גיין צו דער אַרבעט. איר האָט זיי געקאָנט טרעפן אין פאַרשיידענע פאַבריקן, ביי מעטאַל, ביי סטאָלעריי. זיי האָבן שווער געאַרבעט. זיי האָבן געאַרבעט פלייסיק, פונקט ווי גרויסע.

די קינדער האָבן געוווּסט, אַז זיי מוזן שווער אַרבעטן, אַנישט וועט מען זיי אַרויסשיקן פון געטאָ. זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט אַרויסשיקן.

די קינדער האָבן געפיבערט יעדעס מאָל, ווען מען האָט געהערט אין געטאָ, אַז מען גרייט שוין ווידער אַ טראַנספּאָרט. זיינען די קינדער געווען

העלדן ביי דער אַרבעט, זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרויסע פּראָדוקציע.

און ווען די אַקציע איז געקומען און מען האָט געכאַפּט קינדער, זיינען זיי פון די וועגענער געשפּרונגען...

אַנטלאָפענע קינדער האָבן זיך אין די קוימענס באַהאַלטן, אַזוי שטאַרק איז געווען דער ווילן צו בלייבן אין געטאָ. זיי האָבן געוווּסט, אַז בלייבן אין געטאָ הייסט לעבן.

מוטיק זיינען געווען אונדזערע קינדער. זיי האָבן געקעמפט מיט די דייטשע מערדער, זיך געריסן פון זייערע הענט, כאָטש עס איז געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך. זיי האָבן זיך געווערט מיט שרייען, מיט רייסן זיך, מיט נישט לאָזן זיך נעמען...

דייטשע יידן אין געטאָ

אין יאָר 1942 איז אָנגעקומען אין לאָדזשער געטאָ אַ טראַנספּאָרט פון פערציק טויזנט דייטשע יידן. די יידן זיינען געווען פון בערלין, ווין, האַמבורג, דיסעלדאָרף, קעלן און אַנדערע שטעט.

געקומען זיינען זיי מיטן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ; מיט הערלעכע קופערטן, שיינע בגדים, פּרווען אין פוטערס. זיי האָבן מיט זיך געבראַכט וואַליזעס מיט עסנוואַרג און מעדיקאַמענטן.

נאָכן אָפּזיין אין געטאָ אַ קורצע צייט האָט זיך דאָס עסן אויסגעלאָזט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרקויפן די מעדיקאַמענטן און אַנדערע זאַכן, ווי קליידער, אָנצוגן, זייגערלעך, רינגען, כדי צו קאָנען קויפן עפּעס עסן. די פּאָר דעקאָ ברויט וואָס זיי איז געווען צוגעטיילט, איז, פאַרשטייט זיך, פאַר זיי געווען ווייניק. האָבן זיי אָפּגעקויפט יעדן טאָג דעם גאַנצן שוואַרצן מאַרק...

זיי האָבן זיך שנעל איינגעבראָכן. זיי זיינען נישט געווען צוגעוווינט צו די געטאָ־באַדינגונגען און מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן פון הונגער, קעלט און פון די עפּידעמיעס, וואָס האָבן געבושעוועט אין געטאָ.

אויפן לאָדזשער בית עולם איז געווען אַן אָפּטיילונג, ווו מען האָט באַגראָבן ווינער יידן. אויף אַ צווייט אָרט איז געווען אויפגעשריבן, אַז דאָ ליגן בערלינער יידן.

מיטן קומען פון די דייטשע יידן האָבן די געטאָ־איינוווינער אָנגע־

הויבן צו פֿאַרקויפֿן זייערע פּאַרציעס לעבנסמיטל פֿאַר עפּעס אַ שמאַטע פֿון אויסלאַנד.

עס איז ממש געוואָרן אַן עפּידעמיע ביי די געטאָ־איינוווינער צו קויפֿן פֿאַרשיידענע זאַכן פֿון די דייטשע יידן.

אין די פֿאַבריקן, ביי דער אַרבעט, האָט איר געקאָנט הערן:

— אוי, האָב איך נעכטן ביים שולהויף (דאָרט איז געוועזן דער מאַרק), געקויפֿט אַ הערלעך קליידל...

און די קויפֿערין אַליין האָט אויסגעזעען ווי אַ מת.

— און איך האָב געקויפֿט אַ ווונדערבאַרע פּידזשאַמע — האָט די צווייטע געענטפֿערט.

דאָס קויפֿן די שמאַטקעס האָט דערפֿירט דערצו, אַז די, וואָס האָבן אָפּגעשפּאָרט פֿון מויל און געקויפֿט זיך פֿאַרשיידענע שמאַטקעס, זאָלן שנעל קראַנק ווערן און אַוועקשטאַרבן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און פֿון די פֿערציק טויזנט דייטשע יידן איז געבליבן לעבן אַ הייפֿעלע. די דייטשע יידן האָבן אַלץ נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז דייטשע מערדער טוען אַלץ, כּדי אונדז צו פֿאַרניכטן.

אָפֿט האָט איר געקאָנט הערן פֿון די דייטשן יידן:

— וואָס הייסט דאָס? מיר זיינען דאָך דייטשע יידן...

לכתחילה, ווען זיי זיינען געקומען, האָבן זיי געצויגן מיט די נעזער.

— אַלעס איסט דאָך שמוציג היר, ווי קאַן מען זאָ לעבען?

אַ ביסל שפּעטער זיינען זיי אַליין געשטאָרבן אין שרעקלעכן שמוץ.

די פֿרויען וואָס זיינען געקומען, זיינען אויפֿן צווייטן טאָג געגאַנגען זוכן אַ פֿריזירער, ער זאָל זיי אין אָרדענונג מאַכן די האָר... די דייטשע פֿרוי איז געוווינט, אַז די האָר און דאָס פּנים זאָלן שטענדיק זיין אין אָרדענונג. אָבער אין געטאָ, וווּ דער טויט האָט געלויערט אויף יעדן איינעם, איז נישט קיינעם געלעגן אין זין, אַז די האָר זאָלן זיין געמאַכט ביי אַ פֿריזירער.

האָבן די געטאָ־איינוווינער געקוקט מיט מאָדנע אויגן אויף די פֿרויען, וואָס זוכן אַ פֿריזירער.

אַ קליינע צאָל דייטשע יידן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין לאָדזשער געטאָ. דאָס הייסט, זיי האָבן באַקומען אַרבעט אין פֿאַרשיידענע פֿאַבריקן.

זיי האָבן געבלאָזן פון זיך און געהאַלטן זיך פאַר אַ בעסערער ראַסע, ווי די פוילישע יידן. די געטאָ־אַדמיניסטראַציע האָט אָבער אַלץ אויסגע־גלייכט און אַלע געמאַכט פאַר גלייכע יידן.

צווישן די דייטשע יידן האָבן זיך געפונען העכערע מיליטערלייט, וואָס האָבן איבערהויפּט נישט געהערט צו יידן, נאָר זייער עלטער־עלטער־זיידע אָדער באָבע איז אַ מאָל געווען אַ ייד, די אַ דייטשן זיינען גאָר געווען פאַרביטערט און געטענהט: — מיר זיינען דאָך קיינע יודען ניכט...

אָבער דאָס האָט זייער ווייניק געהאָלפן.

עס איז אויך מיטגעקומען אַ בחור פון זעכצן יאָר, וואָס האָט געטראָגן אַ האַקנקרייץ אויפן אָרעם. ער האָט דעם באַנד נישט געוואָלט אויסטאָן, ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— איך בין אַ דייטש. וואָס וויל מען פון מיר?

דעם בחורס פאָטער איז געווען אַ דייטשער אָפיציר און זיין מוטער — אַ יידישע. אָבער כאָטש זיין פאָטער איז געווען אַן אָפיציר, האָט מען אים אויך אין געטאָ אַריינגעוואָרפן.

דאָס שרייען האָט נישט געהאָלפן. אין געטאָ־קעסל איז אַלץ געווען צוזאַמענגעמישט.

די דייטשע מערדער האָבן געוווּסט איין זאַך: „דו ביסט אַ יודע...“ און ווען מען רופט דיך „יודע“, ביסטו אויפן צעטל פאַרברענט צו ווערן אין די קאַלכאויוונס, אָדער אין די קרעמאַטאָריעס.

דאָס רויטע הויז

אין לאָדזשער געטאָ זיינען געווען דריי בריקן, וואָס האָבן געדינט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך קאָנען באַוועגן פון איין טייל געטאָ אין צווייטן. זייער פרי האָט מען געהערט די הוילע טריט פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געאיילט צו דער אַרבעט, מיט זייערע שטייפע, געשוואָלענע פיס.

דאָס גיין צו דער אַרבעט איז געווען לייכטער, ווי דאָס אַהיימגיין פון דער אַרבעט. די געטאָ־שקלאַפן זיינען מיד געווען פון טאָג אַרבעט און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם סוף פון טאָג. יעדער איינער האָט גע־טראַכט: ווי איז מען שוין אין דער היים, מען זאָל קאָנען אַוועקלייגן די צווי געשוואָלענע פיס, זיי זאָלן זיך קאָנען אויסרוען.

זומערצייט איז געוועזן אַ סך לייכטער אַריבערצוגיין די בריק. ווינטערצייט איז געוועזן זייער שווער דורכצומאַכן די קעלט און אַדורכ־צוגיין די בריק. און ווען ס׳איז געפאַלן אַ שניי, אָדער אַ רעגן, און אַלץ איז געוועזן פאַרפרוירן, איז געוועזן אוממעגלעך צו גיין דורך דער בריק. דעמאָלט זיינען די געטאָ־איינוווינער נישט געגאַנגען, נאָר געפאַלן, און זיך ווידער אויפגעהויבן, און ווייטער זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות.

ביז דער אַרבעטער איז געקומען אין פאַבריק, איז ער שוין געוועזן אין גאַנצן דערשעפּט. דערצו האָט ער נאָך געמוזט אַרויסגעבן די באַשטימטע מאָס פּראָדוקציע.

איין בריק האָט זיך געגרענעצט מיט דער קירך פון דער אַלטער שטאָט. די קירך האָט געהאַט אַ גרויסן זייגער. די קירך איז געשטאַנען אין געטאָ און געוועזן געשלאָסן, איז אויך דער זייגער געשטאַנען פאַרשעמט. ווען עמעצער איז דורכגעגאַנגען, איז נישט ווילנדיק זיין בליק געפאַלן אויפן זייגער. דער בלאַסער ציפערבלאַט האָט מאָדנע אַראָפּגעקוקט צו די, וואָס וואַרפן זייערע בליקן אַרויף צו אים.

איינער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט נישט לאַנג צוריק פלעגט מען זיך אָפּשמועסן דאָ און כאַפּן אַ קוק אויפן זייגער. איצטער איז דער זייגער טויט און אַלץ אַרום איז טויט.

אַ צווייטער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ האָט ער געפירט זיין קינד אין שול, אָדער ער איז געגאַנגען געמיטלעך צו דער אַרבעט. „דאָ נישט לאַנג האָב איך מיין איינציק יינגעלע געפירט אין חדר״ — טראַכט אַ מאַמע, ביי וועמען מען האָט דאָס קינד צוגענומען און אַוועקגעשיקט.

דאָס טראַכטן האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, ווייל איבער דער בריק האָט מען געמוזט שנעל דורכלויפן און זיך נישט אומקוקן. אונטן, אויף דער גאַס, איז דורכגעגאַנגען דער טראַמווײ, און די פּאָליאַקן, וואָס זיינען געפאָרן צו דער אַרבעט, האָבן געוואָרפן זייערע בליקן צו די אַדורכגייענדיקע געטאָ־איינוווינער. אַ סך פּאָליאַקן זיינען געוועזן צופרידן וואָס די זשידקעס זיינען פאַרשפּאַרט אין געטאָ.

ביי דער זייט פון בריק איז געוועזן אַ געסל, וואָס מען האָט עס גערופן קאַשטשעלנע־גאַס. קעגנאיבער דער קירך איז געוועזן אַ רויט הויז. דאָס

הויז האָט אַמאָל געהערט צום גלח און דאָרט איז געווען דער כאָר פון דער קירך.

אין געטאָ איז דאָס הויז, וואָס איז געווען אָנגעפאַרבט אויף רויט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויז פון טאָרטורן. מען האָט דאָרט מאַסנווייז פאַרפייניקט די מענטשן וואָס האָבן אַמאָל, פאַרן קריג, געהאַט געשעפטן. די מענטשן האָבן געדאַרפט ברענגען זייערע מאַיאָנטקעס אין דעם רויטן הויז. דאָרט, אין דעם רויטן הויז, איז געווען די „קריפאָ" — קרימינאַל־פּאָליציי.

דער הויפט, וועלכער האָט געפייניקט מאַסן־מענטשן, איז געווען אַ דייטש מיטן נאָמען סוטער. ער איז געווען דער, וואָס מען האָט זיך צו אים געמאָלדן.

יעדער איינער, וואָס האָט באַקומען אַ צעטל צו קומען אין „קריפאָ", איז געווען אַ האַלב־טויטער. עס זיינען געווען פאַלן, אַז מענטשן מיט די צעטלען אין האַנט, וואָס זיינען געקומען צום רויטן הויז, זיינען געפאַלן טויט פאַרן אַריינגאַנג.

ביים אויספרעגן זיינען פאָרגעקומען שרעקלעכע זאַכן. פון פאַרשיידענע זייטן זיינען געפאַלן אייזערנע שטעקנס איבער דעם וואָס מען האָט אויסגעפרעגט. דער דייטשער אַגענט, ימח שמו, וואָס האָט גערעדט זייער גוט יידיש, האָט זיך געווענדעט צום קרבן:

— גיב אַהער דאָס פעקל מיט גאָלד, אָדער בריליאַנטן. איך דאַרף דאָס נישט, איך בין נאָר אַ שליח פון היטלערן. ער שיקט מיך און איך מוז אויספילן זיין באַפעל.

דעם, וואָס האָט גלייך געזאָגט, אַז ער האָט אַ פעקל, האָט מען גאָר נישט געטאָן, געהייסן אים אַהיימגיין און עס ברענגען. אויב אָבער עמעצער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט — און עס זענען געווען פאַלן, אַז אַ סך האָבן פאַקטיש נישט געהאַט — דעם האָט מען אָנגעהויבן צו פייניקן און שלאָגן, שטעכן, רייסן. די געוואַלדן זיינען געווען מוראדיקע.

מענטשן האָבן אויסגעמיטן דאָס געסל, ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס רויטע הויז. דאָס רויטע הויז האָט אין דער גאַנצער געטאָ אָנגעוואָרפן אַ טויטשרעק. אַז מען האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „קריפאָ", איז יעדער איינער פאַרציטערט געוואָרן.

לאָדזש, די טעאַטער־שטאָט

לאָדזש איז פון שטענדיק אָן געווען אַ טעאַטער־שטאָט. דער לאָדזשער מענטש האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט טעאַטער. דאָס האָט מען געקאָנט זען פון די צענדליקער דראַמאַטישע קרייזן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין לאָדזש.

פאַר דער מלחמה זיינען אין לאָדזש געווען דריי סטאַבילע יידישע טעאַטערס, וואָס האָבן געשפילט יעדן טאָג. עס זיינען געווען אַזעלכע טעאַטער־באַזוכער, וואָס האָבן געקויפט אויף דריי טעג בילעטן — אויף פרייטאָג, שבת און זונטאָג.

איז טאַקע דער לאָדזשער טעאַטער־באַזוכער געווען אַ מבין. ער האָט געזען אַ סך טעאַטער. די בעסטע אַקטיאָרן פון אַמעריקע זיינען אָפט געקומען קיין לאָדזש. אויך די בעסטע טרופעס פון פוילן זיינען אַהין געקומען, געמאַכט גוטע געשעפטן און געהאַט גרויס דערפאָלג.

דער לאָדזשער באַזוכער האָט אָפּגעשאַצט אַ גוטע טרופּע און אַ גוטן אַקטיאָר. די „ווילנער טרופּע" איז געקומען אין 17טן יאָר אויף גאַסטראָלן קיין לאָדזש און געשפילט אין גרויסן טעאַטער ביי געפּאַקטע זאַלן.

די „הבימה" איז געקומען אין 26סטן יאָר קיין לאָדזש און געשפילט אין „סקאַלאַ"־טעאַטער ביי אויספאַרקויפטע הייזער.

שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, איז געשאַפן געוואָרן דער וואַר־שעווער „וויקט", וואָס האָט אויך געהאַט דערפאָלג אין לאָדזש. אין 1927 איז געשאַפן געוואָרן דאָס קליינקונסט־טעאַטער „אַראַראַט", אונטער דער ליטונג פון באַקאַנטן דיכטער משה בראָדערזאָן.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון: שיינע מרים, לאָלאַ זילבערמאַן, מאַניע פּעטערמאַן, שמעון דזשיגאַן, משה פּולאַווער, ישראל שומאַכער, שמוליק גאָלדשטיין, משה נעלקען, משה קאַסמאַן, זיסעלע גירץ, יענקל רייגלאַס, מאָטל קאָן.

דער ערשטער קאָמפּאָזיטאָר איז געווען הענעך קאָן. די מאָלערס זיינען געווען י. מאַטיס און א. בלום.

דער נאָמען פון ערשטן פּראָגראַם איז געווען „גלאַט כשר". יעדעס פּראָגראַם איז געגאַנגען זעקס ביז אַכט וואָכן.

דאָס „אַראַראַט"־טעאַטער האָט זיך גלייך געשאַפן אַ גרויסן נאָמען.

דאָס טעאַטער האָט געהאַט אַ סך פּאָלקסטימלעכקייט, פּאָליטישע סאַטירע און גראָטעסקן; דער עולם האָט זיך געפילט יום־טובדיק ביי יעדער פאָר־שטעלונג. די מערסטע מאַטעריאַלן האָט צוגעשטעלט משה בראָדערזאָן. הומאָריסטישע סצענקעס און מאָנאָלאָגן האָט געשריבן דער לאָדזשער הומאָריסט י. אָבעזשאַנעק. ער האָט מיטגעאַרבעט אין לאָדזשער „פאָלקס־בלאַט" און איז געווען באַליבט ביים לאָדזשער עולם. זיינע קאָמישע דיאַ־לאָגן אין דער צייטונג האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

דער ערשטער קאָנפעראַנסיער איז געווען משה קאַסמאַן — אַ פיינער, אינטעליגענטער בחור, וואָס האָט געפירט קולטורעל די קאָנפעראַנסיערקע. ער איז שפּעטער אַוועק פון „אַראַראַט" און זיין אַרבעט האָט איבער־גענומען דער אַקטיאָר משה נעלקען.

„אַראַראַט" איז געווען דאָס באַליבטע טעאַטער אין פוילן. אין „אַראַ־ראַט" האָט מיטגעאַרבעט די יונגע, פרישע, מאָדערנע „כאַליאַסטרע" און מ'האָט אויך געהערט דעם פיינעם יידישן פאָלקסטימלעכן וויץ.

דעם גאַנצן ווינטער האָט דאָס טעאַטער געשפּילט אין לאָדזש, אין „ווייסן" זאַל אויף זאַכאָדניע 42. אין זומער איז דאָס טעאַטער אַרויסגעפאָרן אויף גאַסטראָלן איבער פוילן.

אין יאָר 1934 איז „אַראַראַט" אַרויסגעפאָרן קיין ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע און געהאַט דאָרט גרויס דערפאָלג. אין וואַרשע האָט „אַראַראַט" געשפּילט אין די יאָרן 1934—37. אין יאָר 1938 האָט עס אַ קורצע צייט געשפּילט אין לאָדזש, און גלייך צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. אין זומער פון 1939 איז „אַראַראַט" אַרויסגעפאָרן אויף אַ טורנע, און ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן האָט זיך דאָס טעאַטער געפונען אין קראָקע.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָבן מיר נאָך געשפּילט טעאַ־טער, אָבער שפּעטער איז עס שוין געווען אוממעגלעך. די אַקטיאָרן זיינען זיך צעפאָרן קיין לאָדזש, וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק.

אַ טייל מיטגלידער פון טעאַטער „אַראַראַט" האָבן זיך אַריבערגע־שמוגלט די גרענעץ, און געפינענדיק זיך אויף דער רוסישער זייט, האָבן דזשיגאַן און שומאַכער צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע און אָנגעהויבן שפּילן דאָרט מיט גרויס דערפאָלג.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט זיינען אַ טייל מיטגלידער פון „אַראַראַט" צוריקגעקומען קיין פוילן.

יידישע אַקטיאָרן אין לאָדזשער געטאָ

דעם 11טן מאַי 1940, ווען די דייטשן האָבן פאַרמאַכט דאָס לאָדזשער געטאָ, האָבן אין געטאָ־באַצירק זיך געפונען צוועלף יידישע פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער־מענטשן: ראַקאָוו מיט דער פרוי, רייכענבערג מיט דער פרוי, הערשקאָוויטש מיט זיין פאַמיליע, פרוי בעזמאַן מיט איר זון, פרוי פאָדערמאַן און דער קאָמפּאָזיטאָר דוד בייגעלמאַן, וואָס איז געווען איר מאַן, מאַניע פעטערמאַן מיט איר טעכטערל, גאָלדבערג, משה פולאַווער מיט זיין פאַמיליע, ליאָלעק יעלין, דער כאַראַקטעריזאַטאָר, מיט זיין פאַמיליע, צלבה, וואָס האָט געאַרבעט אין דער גאַרדעראָבע, ספּאָקאָיני, דער בינע־אַרבעטער מיט זיין פאַמיליע.

יעדער פון די אויבנדערמאָנטע איז געווען באַשעפטיקט. מען האָט זיך גערעכנט מיט אַ יידישן אַקטיאָר, אָדער אַקטריסע.

אַ טייל האָבן געאַרבעט ביי גרינוואַרג, אַ סך האָבן געאַרבעט אין פאַבריקן.

ווען עס האָט זיך געשאַפן די טעאַטער־סטודיע, אונטער דער לייטונג פון משה פולאַווער, האָט משה פולאַווער צוגעצויגן אַ טייל אַקטיאָרן צו דער אַרבעט.

דאָס געטאָ־טעאַטער איז געווען אַ קליינקונסט־טעאַטער. אין יאָר 1942 האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אַקטיאָרן און מען האָט געזאָלט אויפפירן אַ פּיעסע. נישט אַלע פון די אַקטיאָרן זענען געווען געניגט צו שפּילן קליינקונסט, האָט מען באַשלאָסן, אַז מען זאָל אויפפירן ש. אַנסקיס „דיבוק״. נאָך די ערשטע צוויי פּראָבן האָט דער קולטור־לייטער ק. שעניצקי באַשלאָסן אַז דער „דיבוק״ קאָן נישט גיין, ווייל די דייטשן וועלן נישט דערלויבן.

מען האָט דאַן מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל ווייטער אָנפירן מיט דער סטודיע און שפּילן קליינקונסט־פּראָגראַמען.

רייכענבערג און הערשקאָוויטש האָבן פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ שפּיל. זיי האָבן געאַרבעט ביי די „שישקעס״, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן קאַרטאָפל פאַר די לאָדזשער געטאָ־איינוואוינער. האָבן די פירער איינגע־אָרדנט פון צייט צו צייט אַ פאָרשטעלונג און ביידע אַקטיאָרן האָבן זיך

געקאָנט אַ ביסל אויסלעבן אַקטיאָריש, ווייל לעבן פון דעם האָבן זיי נישט געדאַרפט.

ראַקאָוו איז אין געטאָ קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. געשטאָרבן איז אויך נאָך אַן אָפּעראַציע ליאָלעק יעלין. צוגענומען ביי אַן אַקציע האָט מען צלבהן. עס איז אויך געשטאָרבן אין געטאָ דוד בייגעלמאַנס פרוי, די אַקטריסע י. פּאָדערמאַן. אַזוי זיינען ביסלעכווייז געשטאָרבן אַ טייל פון דער אַקטיאָרן־משפּחה אין לאָדזשער געטאָ.

אין אָנהייב זיינען אין געטאָ געוואַקסן רעווי־טעאַטערלעך ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן — אויף בוידעמער און אין קעלערס האָט מען געשפּילט טעאַטער.

ווען מ׳האָט שוין אָפיציעל נישט דערלויבט צו שפּילן טעאַטער, האָבן די רעסאָרטן (פאַבריקן) געכאַפּט אַ פאַרשטעלונג אויף אייגענער האַנט. עס האָט געהייסן — נישט אָפיציעל.

ווי דער הונגער האָט נישט געשפּרייזט מיט ריזיקע טריט אין געטאָ, האָט מען אין די וואַרשטאַטן געהערט זינגען. בעתן זינגען ביי דער אַרבעט האָט מען אין אַלץ פאַרגעסן, אַפילו אַז מען געפינט זיך אין אַ געטאָ.

דאָס האָט אָבער געדויערט אַזוי לאַנג, ווי מען האָט געזונגען, שפּעטער האָט זיך ווידער דער געטאָ־טרויער אַרויפגעצויגן אויף די פּנימער פון די געטאָ־אַרבעטער.

ווען מען האָט געקאָנט שפּילן טעאַטער אין געטאָ, איז געווען יום־טוב. איר האָט געקאָנט הערן: היינט גייט מען אין טעאַטער אויפן בוידעם; מאָרגן וועט מען זיין אין טעאַטער אין קעלער. מ׳האָט זיך געוויצלט. מ׳האָט נישט געקאָנט אָפּשאַצן ווי ערנסט ס׳איז די לאַגע אין געטאָ.

צו מיר האָט אַמאָל געזאָגט דער יונגער הומאָריסט ש. יאַנאָווסקי:

— הער, פולאָווער, איך וועל די דייטשן אָפּנאַרן. מיט איין פוס וועט מען מיך פאַרברענען.

דאָס איז געווען אַ וויץ, אָבער לײדער איז דאָס אַזוי געשען... ש. יאַנאָווסקי האָט פאַרלוירן אַ פוס, לויפנדיק קיין וואַרשע, דעם 5טן נאָוועמבער 1939 צוזאַמען מיט אַלע מענער. דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע פון די דייטשן. זיי זענען אויסן געווען דערמיט, אַז אַלע מענער זאָלן זיך קאָנצענטרירן אויף די וועגן צו וואַרשע און זיי זאָלן קאָנען באַמ־

באַרדירן די מענטשן. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט מיט די לויפּערס אין וואַרשע.

אַלע אַקטיאָרן פון לאָדזשער געטאָ זיינען אומגעקומען, חוץ איינער — דער שרייבער פון די שורות, משה פּולאַווער.

אַלע האָט מען אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, און דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל שפּילן טעאַטער אין אוישוויץ — נישט ווייט פון די קרעמאַטאָריעס און קאַלכאויוונס, ווו מיינע חברים זיינען געוואָרן פאַרברענט...

היטלערס מאַסקע

אַקטיאָרן קומט אָפט אויס צו שפּילן ראָלן פון פאַרשיידענע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די תקופה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. דעם אַקטיאָר קומט אויס צו שפּילן אַ מאָל אַ טיפּ פון אַן אַכזר, און אַ מאָל פון אַ גוטן.

פאַרשטייט זיך, אַז צו שפּילן די ראָל פון אַ גוטן איז זייער דאַנקבאַר. עס טרעפט אָבער אויך, אַז די ראָל פון אַ נעגאַטיוון טיפּ איז דאַנקבאַר — פאַרן אַקטיאָר, נישט פאַרן צושויער. דער אַקטיאָר מאַכט פון דער ראָל אַ קרעאַציע, ער פילט, אַז ער האָט עפּעס באַשאַפן, אָבער דער עולם איז נישט צופרידן. עס געשעט אָפט, אַז מען פאַרוואַרפט דעם שוישפּילער מיט פוילע עפּל און אייער. דער אַקטיאָר ווייס, אַז דער עולם האָט נישט ליב די געשטאַלט וואָס ער שפּילט.

אין יאָר 1938 איז מיר אויסגעקומען אין לאָדזש, אין טעאַטער „אַראַראַט", צו שפּילן היטלערן, ימח שמו — נישט קיין ראָל פון דער פאַרגאַנגענהייט. דעם אמת געזאָגט, איז מיר נישט געווען צום האַרצן צו שפּילן די ראָל פון היטלערן, אָבער די דירעקציע האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל דאָס שפּילן, ווייל מיין פּנים איז געווען זייער גוט פאַר דער מאַסקע — היטלער.

דאָס איז געווען אַ פּאָליטישע סאַטירע, אָנגעשריבן פון משה בראָדערזאָן. אין דער פּאָליטישער סאַטירע זעט מען היטלערן אַלס שטובן-

מאָלער, אין זיין הולך, דעם עמער אויף די הענט, מיט דעם לייטער אויף דער פלייצע.

ווען איך בין אַרויס אויף דער בינע האָט מען געהערט שטורמישע פייפערייען פון עולם און גלייכצייטיק ספּאָזמאַטישע געלעכטערס.

איך האָב אַוועקגעשטעלט דעם לייטער און געגעבן אַ פּאַר ביל, ווי אַ הונט, און דער שטורעם אין טעאַטער איז געוואָרן מעכטיקער. דער עולם האָט געהאַט אַ גרויסע הנאה פון אויספייפן, אויסזידלען דעם גרעסטן רשע היטלער, ווען מען זיי קאָנען זען פנים אל פנים, כאָטש דורך דער מאַסקע פון אַן אַקטיאָר.

דאָס איז געווען אַ גרויסע באַפרידיקונג פאַר די צושויער אין טעאַטער, און איך אַליין האָב דעמאָלט אינערלעך מיטגעלעבט מיט דעם עולם, הגם איך האָב געשפּילט די ראָל פון היטלערן. איך האָב געמאַכט די באַוועגונג פון ווען אויסמאָלן, וואָס האָט געשאַפן דעם איינדרוק, אַז היטלער וויל אויסמאָלן יעדן שטח און צונעמען פאַר זיך...

איך האָב געשפּילט אין לאָדזש עטלעכע וואָכן און מיר זיינען געפאָרן קיין וואַרשע. אין וואַרשע האָב איך שוין געשפּילט היטלערן נישט אַלס אַ שטובן־מאָלער, נאָר היטלערן אַלס פירער. איך בין געווען אידענטיש הונדערט פּראָצענט ענלעך צו אים — אין דער פיגור, אין קאָסטיום און אין דער מאַסקע.

איך בין אַרויס אויף דער בינע, געבילט ווי אַ הונט און געשריען „לעבנס־ראַום" און ווידער געבילט.

„אַראַראַט" האָט דעמאָלט געשפּילט אין „סקאַלאַ"־טעאַטער אויף דער דזשעלנע־גאַס ביי אויספאַרקויפטע הייזער. מענטשן זיינען געקומען מאַסנ־וויז זען דעם גרעסטן רשע פון אַלע צייטן, און איך האָב געמוזט אים שפּילן און טראָגן זיין מאַסקע אין משך פון צען מינוט.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך געשפּילט היטלערן דער פּרעכטיקער פּוילישער אַקטיאָר י. סעמפּאָלינסקי, אין רעווי־טעאַטער „באַנדאַ".

די צוויי היטלערס זיינען געווען די סענסאַציע און דאָס געשפּרעך פון טאָג אין וואַרשע.

סוף 1938 איז געקומען אַ באַפעל פון דער פּוילישער רעגירונג, אַז מען זאָל מער נישט שפּילן היטלערן...

פינף מינוט פאַר מיין אויפטריט צום נומער ווו איך שפּיל היטלערן,

האָט מיר דער דירעקטאָר ריבאַ געמאָלדן, אַז פון היינט אָן איז נישט דערלויבט שפּילן היטלערן אויף דער בינע. איך האָב אויף דער שנעל אויסגעטאָן דעם היטלער־קאָסטיום און געמאַכט אַ טיפּ פון דער היטלער־יוגנט. איך בין אַרויס אויף דער בינע. כאָטש מען האָט נישט געזען די מאַסקע פון היטלערן, האָט זיך דער עולם גלייך געכאַפּט, אַז איך בין אויסן צו ווייזן היטלערן. און מען האָט ווידער געהערט פייפן און שרייען.

אין געטאָ בין איך געווען זייער אומרויק. ווען איך האָב געשפּילט היטלערן אין דער לאָדזשער פילהאַרמאָניע, זיינען די בינע־אַרבעטער געווען דייטשן. די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט: ווער ווייס, צי זיי וועלן זיך נישט נעמען צו מיר אין איינעם טאָג.

איך האָב מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם. איך האָב עס ממש נישט געוואָלט ברענגען פאַרן מויל.

נאָך דער באַפרייונג האָב איך געהערט, אַז מען האָט משה פולאַווערן — אַזוי האָט מען גערעדט אין ישראל — צעשניטן אויף פיר און געשלעפּט איבער די לאָדזשער גאַסן — דערפאַר ווייל ער האָט געשפּילט היטלערן...

יאַנעק

אויף זגערזשער גאַס, אין דער זייט פון אַלעקסאַנדער־וועג, זיינען געשטאַנען צוויי צווייטשטאָקיקע הייזער, אָפּגעבליאַקעוועטע פון זון און פון רעגן, ווו זעלטן ווען ס׳האָט אַ לעבעדיקער נפש זיך באַוויזן ביי אַ פענצטער. אַ פּאָר מעטער פון די צוויי הייזער האָבן זיך געשלענגלט די געטאָ־דראָטן.

דאָס איז געווען אַ פּונקט, ווו דער הויכער ברייטפּלייציקער פּאָליאַק יאַנעק האָט יעדן אויפדערנאַכט געבראַכט אַ גרויסן פּאַק מיט שפּעק, פּוטער, פלייש, צוקער און אַנדערע גוטע זאַכן.

צו ערשט האָט ער אַריבערגעוואָרפן דעם פּאַק, און שפּעטער איז ער אַליין אַריבער ווי אַ ווינט.

אין פּאַרטער איז געווען אַ שטוב אָן אַ פענצטער און דאָרט האָט ער דאָס פּעקל איבערגעלאָזט. אין דער זייט ביים פענצטער איז געווען אַ באַהעלטעניש, ווו עס איז געלעגן דאָס געלט פאַר דער סחורה.

אַזוי איז אַנגעגאַנגען אַ געווּיסע צייט, ביז מען האָט אָנגעהויבן פאַר־גרעסערן די דייטשע פּאָסטנס ביי די דראָטן, און יאַנעק האָט שוין נישט געקאָנט אַזוי אָפט קומען.

יאַנעק איז געווען אויסגעקאָכט מיט די יידן אין גאָס. ער האָט זיך אויפגעצויגן צוזאַמען מיט די יידישע יינגלעך. ער האָט ממש נישט איין מאָל איינגעשטעלט זיין לעבןביים שמוגלען. אָבער פון צייט צו צייט איז יאַנעקן דאָך געלונגען אַריבערצוּוואַרפן אַ פּאַק מיט גוטע זאַכן אין געטאָ אַריין.

דאָס איז געווען די ערשטע צייטן, פאַרן פאַרמאַכן דאָס געטאָ. יאַנעק האָט אָנגעהויבן אַריבערוואַרפן וואָס אַ מאָל קלענערע פּעקלעך, ווייל די דייטשע פּאָסטנס האָבן אויף אים געלויערט.

די אָפּנעמערס פון געטאָ האָבן ריזיקירט זייער לעבן ביים צונעמען דעם אַריבערגעוואָרפענעם פּאַק. דער הויפּטאָפּנעמער איז געווען יאַנקל דראָזשקאַרזש, אַ פלינקער יאָט. איז דאָס פּעקל געקומען אין זיין האַנט, האָט מען שוין נישט געזען מיטן אויג, ווו און ווען עס איז אַוועק.

יאַנקל איז געווען פאַרבונדן מיט נאָך אַנדערע שמוגלערס, פון אַנדערע זייטן געטאָ. זיין קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון פינף פּערזאָן. אַז יאַנעק האָט אויפגעהערט שיקן פּעק, האָט מען שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן אין אים, אָבער יאַנעק האָט זיך איין מאָל באַוויזן אין אַ רעגן־נאַכט מיט אַ פּעקל.

אין דעם הויז האָט געוווינט יאַנקל דראָזשקאַרזש, אין אַ צימער אָן מעבל, אָן זאַכן. בלויז אַ בעטל איז געשטאַנען אויף איבערצוּוואַרטן די צייט, ווען עס דאַרף עפּעס קומען. דאָס מאָל איז יאַנעק געקומען צו יאַנקלען, און יאַנעק האָט געפרעגט יאַנקלען:

— צאָ סליכאַטש, יאַנקעל? (וואָס הערט זיך, יאַנקל?).

יאַנקל האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מויל, ביז ער האָט זיך באַרויקט.

— ווי אַזוי ביסטו אַריין אין געטאָ, יאַנעק? די וואַכן זיינען געוואָרן שטאַרקער.

— מען מוז ריזיקירן — ענטפערט יאַנעק — וואָס הערט זיך מיט די דייטשן? ווי באַהאַנדלען זיי אייך? — פרעגט יאַנעק.

— וואָס אַמאָל ערגער, יאַנעק — ענטפערט יאַנקל. — ווי אַזוי וועסטו צוריק אַרויס ?

— ניע בוי שע, יאַנקל (האָב נישט קיין מורא) — די נאַכט איז פינצ־טער. איך וועל צוּוואַרטן אַ ביסל און גיין — זאָגט יאַנעק.

יאַנעק האָט זיך אויפגעשטעלט און דערלאַנגט יאַנקלען די האַנט :

— דאָבראַנאָץ (אַ גוטע נאַכט), אפשר וועלן מיר זיך שוין נישט זען — האָט יאַנעק געזאָגט.

— אַ גוטע נאַכט — האָט יאַנקל געענטפערט.

יאַנעק איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש נעבן די דראָטן.

יאַנעק האָט עפּעס געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער איז געוועזן אין געטאָ.

יאַנעק איז געוועזן אַ האַרציקער, אַ גוטער יונג. ער האָט ליב געהאַט מיט האַרץ און נשמה די יאַנקלס און משהס. ער האָט זיך מיט זיי געשלאָגן און גלייך איבערגעבעטן. ער האָט זיך געפילט אַן אייגענער צווישן יידן.

יאַנקל האָט קוים אַרויסגעמורמלט די ווערטער : „ער זאָל נאָר קאָנען אַדורך”, און עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע שאָסן, וואָס האָבן אָפּגעע־הילכט פון איין עק געטאָ ביז דער צווייטער.

אויף צו מאָרגנס האָט מען נישט ווייט פון די דראָטן געפונען אַ קופּע דורכגעווייקטע שמאַטעס. אין די שמאַטעס איז יאַנעק געלעגן אַ טויטער.

אַ שוך

האָט זיך פאַרוואַלגערט איין שוך פון אוישוויץ אָדער מיידאַנעק — אַ געלער לעדערנער טשעכישער שוך. איינער אליין איז ער געלעגן אויפן שפּיץ פון באַרג שיך אין אַלטשו־לאַגער, ווו עס קומען אָן וואַגאָנען שיך פון אַלע פאַרניכטונגס־לאַגערן. ווער ווייסט, ווער עס האָט געטראָגן דעם שוך ?...

מיין ברודער וואָלף־בער איז נישט געוועזן גוט באַשוכט. אַרבעטנדיק אין אַלטשו־לאַגער האָב איך זיך געווענדעט צו מיין קאָמיסאַר, ער זאָל מיר געבן אַ פּאָר שיך פאַר מיין ברודער. דער קאָמיסאַר אין אַלטשו־לאַגער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט און איך האָב באַקומען אַ צעטל אויף אַ פּאָר שיך.

די פרייד פון מיין ברודער איז געווען אין לשער. באַקומען אַ פּאָר שיך איז געווען אַ גרויס גליק אין געטאָ. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ פּאָר פּאַסיקע שיך פאַר מיין ברודער און נישט געקענט געפינען. דער איינער טשעכישער שוך האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. די פרוי באַרנשטיין, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון סאָרטירן שיך, האָט צו מיר געזאָגט: „אַ טייערער שוך, אָבער ווו נעמט מען דעם צווייטן?״

איך האָב געבעטן, אַז מען זאָל דעם שוך אָנוועקשטעלן און צופּאַסן אַ צווייטן, אַן ענלעכן. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו מיר געקומען די פרוי באַרנשטיין און געבראַכט אַן ענלעכן שוך. און פון די צוויי באַזונדערע שיך האָט מען געמאַכט אַ פּאָר שיך פאַר מיין ברודער. מיין ברודער האָט זיך זייער געפרייט מיט די שיך.

דער הונגער איז געווען זייער שטאַרק אין געטאָ. מיין ברודער האָט געאַרבעט אין שניידער־רעסאָרט־פאַבריק. ער איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג. די הויפּטשפּייז, וואָס ער האָט געגעסן, איז געווען צעריבענע קאַווע, און דאָס האָט שנעל אַרויסגערופן זיין קראַנק ווערן.

קראַנקערהייט איז מיין ברודער געגאַנגען אין רעסאָרט־פאַבריק. ער האָט געקעמפט מיט אַלע כוחות, אָבער דער הונגער איז געווען שטאַרקער. ער האָט געמוזט אויפגעבן די אַרבעט און גיין אין שפּיטאָל אַריין. לאַנג האָט זיך מיין ברודער מיט די שיך נישט געפרייט. מיין ברודער האָט באַשלאָסן די שיך צו פאַרקויפן, און איך זאָל אים קענען פאַר דעם עפּעס ברענגען — אַ שטיקל מאַרגאַרין אָדער אַ שטיקל פלייש. אָבער עס האָט זיך קיין קונה אַזוי שנעל אויף די שיך נישט געפונען. דעם ברודער איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג, און ווען איך האָב געפונען אַ קונה און איך האָב פאַרקויפט די שיך פאַר צוועלף הונדערט געטאָ־מאַרק, אין אין אַ שעה שפּעטער דאָס געלט גאָרנישט ווערט געווען. מיין ברודער איז טראַגיש געשטאָרבן אין געטאָ אין אויגוסט 1944. דאָס איז געווען אין די טעג פון דער ליקווידאַציע אין לאָדזשער געטאָ. איך בין ביי זיין לויה נישט געווען, ווייל דער בית־עולם איז געווען אָפּגעשלאָסן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען די דייטשע מערדער אָפּט געגאַנגען אַהין אויף יאַגד — צו שיסן האָזן און ווילדע קאַטשקעס. איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס בית־עולם איז אָפּגעשלאָסן. צוקומענדיק אַהין, האָט מען מיר דערקלערט, אַז היינט קאָן מען נישט גיין אויפן פעלד. מיט אַ געבויגענעם

קאָפּ און טיפן צער בין איך אַהיימגעגאַנגען און געטראָגן מיט זיך אין טאַש די צוועלף הונדערט געטאָ־מאַרק פאַר די פאַרקויפטע שיך.

די שיך און קליידער אין געטאָ זיינען געווען געשטעמפּלט דורכן מלאך־המות. די מלבושים זיינען געווען פון אומגעקומענע, און זיי זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין געטאָ — פאַר די וואָס דאַרפן אומקומען.

דער קוימענקערער

פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט כאַסקל געאַרבעט אין אַ פאַבריק אַלס טראַנספּאָרט־אַרבעטער. ס'איז אים קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אַריינגייענדיק אין לאָדזשער געטאָ וועט דער גורל אים פירן צו ווערן אַ קוימענקערער. ס'איז אים געווען זייער שווער צו קריכן אויף דעכער, לייכטער איז אים געווען צו טראָגן קאַסטנס אין פאַבריק. און נישט אַלע דעכער זיינען גלייכע, און מען איז איינגעשטעלט מיטן לעבן. דערצו מוז מען איינזאַפּן אין זיך ימען מיט רויך יעדן טאָג.

כאַסקלען האָט עס שפּעטער גוט צוגעשפּילט, וואָס ער איז געוואָרן אַ קוימענקערער: ער איז געוואָרן צוגעטיילט צו די גאַסן ווו עס האָבן געוווינט די געטאָ־שישקעס, האָט ער געהאַט נישט קיין שלעכטע טעג ביים רייניקן די קוימענס. ער האָט דערפילט ביי יעדן קוימען, ווו מען קאָכט פלייש, פיש, איז ער ממש זאַט געוואָרן פון ריח. אין אַזאַ טאָג איז ער געווען אויפגעלייגט: „איך האָב פאָרט געהאַט אַ גוטן טאָג", האָט כאַסקל געטראַכט.

מיט דער צייט איז כאַסקלען דאָס קוימענקערעריי געוואָרן זייער ליב. ער האָט זיך גערקאָנט אָוועקזעצן אויפן דאַך, אַ ביסל אָפּרוען, קיינער האָט אים נישט אונטערגעיאָגט, און דערצו איז דאָרט נישט צו זען קיין דייטשן. די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן, האָבן דייטשן געזען טאָג־איין טאָג־אויס, און זייערע בלוטדורשטיקע בליקן האָבן דורכגע־שטאָכן ווי מיט שפּיזן. כאַסקל האָט אַלע אין דער פרי געזען די מאַסן מענטשן, וואָס איילן זיך אין די פאַבריקן. מיט די לעצטע כוחות שלעפּט מען זיך, ווייל מען וויל נישט פאַרלירן די זופּ וואָס מען קריגט. כאַסקל האָט געטראַכט וועגן די טראַנספּאָרטן, וואָס מען שיקט אָפּט אַרויס פון געטאָ, און עפּעס האָט אים אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק: טאָמער דאַרף

מען זיך אַמאָל אויסבאַהאַלטן, איז אַ גוט אָרט אַ קוימען. דער געדאַנק האָט אים נישט געלאָזט רוען, ווייל כאַסקל האָט געהאַט אַ יינגעלע פון זעקס יאָר. כאַסקל האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ פּלאַן, טאָמער קומט חלילה די שלעכטע שעה, וועט ער האָבן דאָס ריכטיקע אָרט צו באַהאַלטן זיין קינד. פון דעם טאָג אָן האָט כאַסקל נישט גערוט. ער האָט גענומען אַ מאָס פון זיין קינד לייבעלע, געשאַפט זיך בלעך, אַוועק צו אַ בלעכער צונויפלייטן עס אַזוי, אַז מען זאָל עס קאָנען אַריינשטעלן אין קוימען און עס זאָל נישט אַרונטערפאַלן. דאָס אַלץ האָט כאַסקל געמאַכט בסוד סודות. אַפילו זיין אייגן ווייב האָט נישט געוווּסט דערפון.

די געטאָ־געשעענישן זיינען געפלויגן בליץ־שנעל. דאָ האָט מען גענומען קראַנקע און זיי אַרויסגעשיקט פון געטאָ, אָן אַנדערש מאָל האָט מען געכאַפּט איינזאַמע מענטשן, ביז ס׳איז געקומען די ריי אויף קינדער. כאַסקל איז געווען אין גאַנצן צערודערט. דוכט זיך — אַלץ צוגעגרייט, און דאָך איז כאַסקל געווען ווי געליימט.

אין געטאָ האָט מען שוין גערעדט אַ פּאָר טעג פריער וועגן אַ קינדער־אַקציע. האָט כאַסקל באַשלאָסן צו דערציילן זיין ווייב וועגן זיין פּלאַן. אין אָוונט, ווען לייבעלע איז געגאַנגען שלאָפן, האָט כאַסקל דערציילט זיין ווייב וואָס ער וויל טאָן ווען די קינדער־אַקציע וועט פּאָרקומען. כאַסקלס ווייב, הערנדיק דעם פּלאַן מיטן קוימען, איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט: „וואָס ווילסטו, כאַסקל, פון מיין לעבן? אַ לעבעדיק קינד ווילסטו מאַכן טויט? ער קאָן דאָך נאָך דערשטיקט ווערן, וואָס איז דיר איינגעפאַלן אַזאַ ווילדער פּלאַן?"

— פּערל — האָט כאַסקל געענטפערט — הער זיך צו מיט קאָפּ. איך האָב אַלץ צוגעגרייט, געמאַכט אַ שטיק בלעך און אויסגעפּרוווט אויף זיך אַליין צי עס וועט האַלטן די וואָג. די בלעך איז אַזוי געמאַכט, אַז זי קען נישט אַראָפּפאַלן אין קוימען.

— כאַסקל, ביסט נישט ביים קלאָרן שכל, און טאָמער, חלילה, קאָכט מען אין דער שטוב?

— וועל איך זיין באַהאַלטן אין אַ צווייטן קוימען און אַכטונג געבן, און צווייטנס וועט מען דעם טאָג נישט קאָכן. יעדער איינער וועט זיין פאַרטאָן מיט זיך אַליין...

— כאַסקל, די גאַנצע זאַך געפעלט מיר נישט, עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז עס טויג נישט.

ביידע זיינען שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. זיי זיינען געזעסן און געקוקט איינער אויפן צווייטן. נאָך אַ לאַנגער צייט שווייגן האָט פּערל אָנגעהויבן רעדן:

— כאַסקל, אפשר ביסטו גערעכט...

— און איצט דאַרף מען לייבעלען צו דעם צוגרייטן, ער איז אַ קלוג קינד, אָבער דאָך אַ קינד. לייבעלע ווייסט, אַז די דייטשן כאַפּן קינדער, אויפן הויף רעדן די קינדער צווישן זיך.

אַן אָוונט שפּעטער האָט כאַסקל זיך געשפּילט מיט זיין קינד אין באַהעלטעניש. כאַסקל האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער שאַנק און לייבעלע אונטערן בעט. עס האָט זיך געהערט לייבעלעס שטימע: „שוין! שוין!״ דער ערשטער איז אַרויס כאַסקל און געמאַכט זיך זוכן לייבעלען.

— ייִנגעלע, ווו ביסטו? ווו האָסטו זיך באַהאַלטן?

אָבער לייבעלע האָט נישט געענטפערט, ביז כאַסקל איז צוגעגאַנגען צום בעט, אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ, און געזוכט אונטערן בעט. „דאָ ביסטו, לייבעלע״. לייבעלע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט, אָפּגעווישט זיך די הענטלעך פון שטויב און שווער אָפּגעאָטעמט. מיט דעם שפּילן אין באַהעלטעניש, האָט כאַסקל געטראַכט, וועט אים זיין לייכטער צו רעדן מיט זיין קינד וועגן באַהאַלטן זיך.

פּערל איז ביים שפּילן אין באַהאַלטן זיך נישט געוועזן אין שטוב. זי האָט דערביי נישט געוואָלט זיין. דער געדאַנק אַליין וועגן באַהאַלטן זייער קינד אין אַ קומען האָט זי געמאַטערט. ווען פּערל איז אַריינגעקומען, איז לייבעלע צוגעלאָפן צו זיין מוטער און דערציילט, אַז ער האָט זיך געשפּילט מיטן טאַטן אין באַהעלטעניש. „און ווו איז דער טאַטעשי געוועזן באַהאַלטן?״ „איך ווייס נישט, דער טאַטעשי האָט מיך געזוכט און געפונען אונטערן בעט, אָבער ער האָט מיך לאַנג געזוכט״. „און איך האָב דיך געפונען״, האָט זיך כאַסקל אַריינגעמישט. און אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט...

„דו ווייסט, מיין קינד, אַז אַ מאָל דאַרף מען זיך באַהאַלטן אויף אַן אמתן״, האָט כאַסקל זיך אָנגערופן. „יאָ, יאָ, טאַטעשי, אַז די דייטשן וועלן כאַפּן קינדער, וועל איך זיך באַהאַלטן״, האָט לייבעלע אויסגעשריגן, און זיינע אויגן זענען געוואָרן זייער ערנסט און פול מיט מורא.

„לייבעלע, האָט פּערל אָנגעהויבן פרעגן, ווו וואָלסטו זיך באַהאַלטן מיין קינד?״ לייבעלע האָט אַ ווילע נאָכגעטראַכט און געענטפערט:

„אויף אַ בוידעם, דאָרט איז פינצטער". „אָדער אויף אַ דאַך", האָט כאַסקל זיך אַריינגעמישט. פערל איז צוגענאַגען צו לייבעלען. „איצטער, מיין קינד, דאַרפסטו שוין גיין שלאָפן. געדענק, לייבעלע, אַז מען טאָר נישט דערציילן קיינעם". „יאָ, מאַמעשי, איך וועל נישט דערציילן", און לייבעלע איז געגאַנגען שלאָפן. כאַסקל און פערל האָבן אַ ביסל פרייער אָפגעאָטעמט, וואָס זיי האָבן זייער קינד אַ ביסל צוגעגרייט.

כאַסקל איז פרי אויפגעשטאַנען, אַראָפּ אין גאַס דערוויסן זיך געטאָ־נייעס. דאָס געטאָ איז געווען איינגעהילט אין אַ טויט־שטילקייט, מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש, מען האָט גלייך דערפילט, אַז אַ גרויס אומגליק איז אויסגעגאָסן אויפן געטאָ. היות כאַסקל איז געווען אַ קוימענקערער האָט ער אויך געהערט צו די פייערלעשער. דערפאַר איז אים געווען דערלויבט צו גיין אין גאַס אַזוי פרי. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער צוגיין צו דער פייערלעשער־קאָמאַנדע, דאָרט ווייסט מען פריער די געטאָ־נייעסן.

די ערשטע נייעס איז געווען: אין צוויי טעג אַרום הייבט זיך אָן אַן אַקציע, און די אַקציע וועט דויערן אַ וואָך צייט. כאַסקלען האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין און ער איז אַ ווײַלע געבליבן ווי צעמישט. קומענדיק צו זיך, האָט ער ווייטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פּלאַן וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר לייבעלען, ווי אַזוי וועט ער זיין אַ וואָך צייט אין אַ קוימען באַהאַלטן? אפשר אים האַלטן בייטאָג אין קוימען, און ביינאַכט — אין שטוב? כאַסקל האָט געפילט, אַז נישט זיינע פיס טראָגן אים, נאָר דער ווינט יאָגט אים. ער האָט שוין געוואָלט זיין אין דער היים און דערציילן די טרויעריקע נייעס. קומענדיק אַהיים האָט ער לייבעלען נישט געזען. „וווּ איז לייבעלע?" זיינען געווען די ערשטע ווערטער. פערל האָט געוויזן מיטן פינגער, אַז לייבעלע האָט זיך באַהאַלטן. כאַסקל איז שנעל צוגעלאָפן און אָפּגענומען לייבעלען. „נאָך נישט היינט, מיין קינד. איך וועל דיר שוין זאָגן ווען דו זאָלסט זיך באַהאַלטן". לייבעלע איז געווען אין פולער שרעק. זיין בלאַס פּנים מיט די קלוגע אייגעלעך האָבן געזעדט: „מען דאַרף זיך פריער באַהאַלטן, פריער"...

„שטעל זיך פאָר, פערל, די לאַגע האָט זיך אין גאַנצן געענדערט. די אַקציע וועט דויערן מער ווי אַ טאָג־צוויי, מען זאָגט — אַ גאַנצע וואָך". פערל האָט גענומען אַ ביסל וואַסער. „און וואָס וועט איצטער זיין, כאַסקל?" „הער, פערל, וואָס איך האָב באַשלאָסן, מיר וועלן לייבעלען

האַלטן בייטאָג אין קוימען און בײנאַכט אין שטוב. „ניין, ניין, כאַסקל, דער גאַנצער פּלאַן טויג שוין נישט. מען מוז קלערן וועגן אַ בוידעם, דאָרט מוז מען מאַכן אַ באַהעלטעניש, דאָרט וועט מען אים אויך קאָנען צוגרייטן עסן". „מען קאָן נישט ריזיקירן אויפן בוידעם. זיי וועלן רייסן די ברעטער פון בוידעם, אָבער אין קוימען וועלן זיי נישט זוכן. און דאָס מוז מען באַלד באַשליסן און זיין גרייט. די אַקציע הייבט זיך אָן אין צוויי טעג אַרום".

פּערל האָט שוין גאָרנישט געענטפערט. זי האָט געפילט, אַז יעדער אבר שטאַרבט איר אָפּ באַזונדער. „געדענק, פּערל, אַז די שכנים וועלן דיך פרעגן ווו לייבעלע איז, זאָלסטו זאָגן, אַז ער איז ביי דיין שוועסטער אויף די פּאָר טעג, אַז זיי וועלן אים באַהאַלטן".

דעם צווייטן טאָג גאַנץ פרי האָבן ביידע אָנגעטאָן לייבעלען. קיין סך אַרבעט האָבן זיי נישט געהאַט מיט אים, ווייל לייבעלעס הערצל האָט געפילט די געפאַר וואָס לויערט אין געטאָ. מיט אַ שטיל שטימעלע האָט לייבעלע אַרויסגערעדט די ווערטער: „טאַטעשי, דו וועסט אויך זיין באַהאַלטן אין קוימען?" „יאָ, לייבעלע, איך וועל זיין אין צווייטן קוימען און אַכטונג געבן אויף דיר". די ווערטער האָבן אַ ביסל באַרויקט לייבעלען. „און ווו וועט זיין די מאַמעשי?" האָט לייבעלע געפרעגט. „די מאַמעשי וועט זיין אין שטוב", האָט כאַסקל געזאָגט און איז אַרויס מיט לייבעלען אויפן דאַך.

ער האָט אַריינגעשטעקט דאָס שטיק בלעך, געפּרוווט און אַריינגעשטעלט אַהין לייבעלען. כאַסקל האָט אין גאַנצן געציטערט ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לייבעלען ווי ער האָט אויסגעזען. ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּעקעלע מיט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט. „הער, לייבעלע, זאָלסט מיך נישט רופן, איך וועל אַליין קומען צו דיר, ווייל די דייטשן קאָנען נאָך הערן, אַז דו וועסט עפּעס דאַרפן, קאָנסטו דאָס טאָן אין קוימען. וועסט נישט מורא האָבן צו זיין אַליין?" „ניין, טאַטעשי, איך וועל נישט מורא האָבן, קענסט זיך שוין אויך באַהאַלטן", האָט לייבעלע געענטפערט. „ווי נאָר עס וועט פינצטער ווערן, וועל איך קומען נאָך דיר", האָט כאַסקל געזאָגט און איז אַוועק.

די אַקציע אין געטאָ איז געגאַנגען פון פאַרשיידענע זייטן. אַלץ האָט געפיבערט. טויזנטער מאַמעס און טאַטעס האָבן געציטערט איבער זייערע באַהאַלטענע קינדער. געשרייען, געוויינען האָבן זיך געהערט פון די

גאַסן ווו די אַקציע איז אָנגעגאַנגען. פערל און כאַסקל האָבן שוין געוואָלט דערלעבן, אַז די נאַכט זאָל צופאַלן און מען זאָל אַרויפנעמען לייבעלען.

ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט איז כאַסקל ווי אַ פייל פון בויגן אַרויף אויפן דאַך און שנעל צו צום קוימען. „לייבעלע! לייבעלע!" האָט כאַסקל גערופן גאַנץ שטיל. קיין ענטפער איז נישט געקומען. כאַסקל האָט מיט שרעק אַריינגעשטעקט די הענט אין קוימען און אַרויסגעצויגן לייבעלען. לייבעלע איז פון פחד און מידקייט איינגעשלאָפן. כאַסקל האָט זיך באַ־רויקט הערנדיק ווי ער אָטעמט. ער איז שנעל מיט אים אַראָפּ אין שטוב. פערל האָט דערזען ווי כאַסקל טראָגט לייבעלען, האָט זי געוואָלט אויס־שרייען. „שריי נישט, לייבעלע שלאָפט". זיי האָבן אים אויסגעטאָן און געלייגט אין בעט אַריין. ביידע האָבן זיך איינגעהערט ווי ער אָטעמט. זיי האָבן אים נישט געוואָלט אויפוועקן.

מיט שרעק האָט מען אַ גאַנצע וואָך לייבעלען געהאַלטן בייטאָג אין קוימען און ביינאַכט אין שטוב, ביז די אַקציע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַלע אין געטאָ האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. פערל מיט כאַסקלען איז נישט געווען צו דערקענען. לייבל האָט זיך אין גאַנצן געענדערט. ער האָט מורא געהאַט אַראָפּצוגיין אויפן הויף זיך שפּילן. אַ טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. ווען לייבעלע איז געשלאָפן, האָבן די עלטערן צווישן זיך גערעדט. „דו ווייסט, כאַסקל, דאָס קינד איז נישט צו דערקענען. מען זעט נישט אויף זיין פּנים קיין שמייכל", האָט פערל געזאָגט. „וואָס מיינסטו, פערל, וויפיל שרעק האָט דאָס קינד איבערגעלעבט? ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט דויערן ביז ער וועט זיך באַפרייען פון דעם".

אין געטאָ איז אַלץ געגאַנגען ווי געווען. אויב עס האָט עמעצער געפעלט אין יעדער משפּחה, איז געווען פאַרפאַלן. עס האָט געהייסן, אַז עס איז ווידער שטיל אין געטאָ. די איבערגעבליבענע מענטשן האָבן מיט דער צייט פרייער אָפּגעאָטעמט. לאַנג איז אָבער נישט שטיל געווען. מען האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ גרויסע אַקציע. קיינער האָט נישט געחלומט, אַז עס גרייט זיך די ליקווידאַציע פון געטאָ. דערווייל האָט מען אונטערגעהונגערט און געאַרבעט זייער שווער, און די געטאָ־מענטשן וואָלטן געווען צופרידן מיט זייער גורל, אַבי מען זאָל נישט אַרויסשיקן פון געטאָ...

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס

1

אויגוסט 1944

אין יאָר 1944, אין חודש אויגוסט, איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון לאָדזשער געטאָ. צום גירוש האָבן זיך געפונען 70.000 נפשות — זעכציק פראָצענט יוגנטלעכע.

מענטשן לויפן אַרום ווי משוגעים. די אָמטן ווערן געשלאָסן פון טאָג צו טאָג. אַלץ ווערט הפקרדיק. מען באַפאַלט בעקערייען און מען ראַבירט דאָס ברויט. איינער שלאָגט דעם צווייטן ביז בלוט. דער אָמטס־לייטער פון לאָדזשער געטאָ, דער קאַלטער מערדער ביבאָוו, פאָרט זיך אַרום מיט זיין בריטשקע, אָבסערווירט די פאַרשיידענע סצענעס, וואָס קומען פאָר אויף די לאָדזשער געטאָ־גאַסן און שמייכלט זיך אונטער...

— מיינע יודען! — האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע פאַר אַ פאַרזאַמלטן עולם, — איר קאָנט פאָרן מיט אייערע פאַמיליעס, איר קאָנט מיטנעמען באַגאַזש, אַפילו געשיר צום קאָכן. איר וועט דאָרט אַרבעטן און זיין צוזאַמען מיט אייערע פאַמיליעס.

דער עולם האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים. צום ערשטן טראַנספּאָרט האָט זיך קיינער נישט געשטעלט, און דער צוג מיט די פלאָמבירטע וואַגאָנען איז אַוועק ליידיק. דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף ביבאָוון.

פאַרשטייט זיך, אַז דאַן האָבן די ראַפינירטע מערדער אָנגעווענדט זייערע מיטלען, אַז יידן זאָלן לויפן מיט די פעק צו די טראַנספּאָרטן.

עס האָבן אָנגעהויבן לויפן די אויטאָס מיט מכשירים פון די שניי־דער, מעטאַל, שוסטער און אַנדערע ווערקשטאַטן. אַלץ האָט געפירט צו איין וועג — צו דער באַן. די פאַרלאָזטע דירות זיינען געוואָרן אויסגע־רויבט דורך דער יידישער פאָליציי. זיי זיינען זיכער געווען, אַז זיי וועלן בלייבן אין געטאָ.

יעדע גאַס וואָרט אין דער ריי. די ריי אויף מיין גאַס מאַרינאַרסקאַ (קעלמאַ) קומט דעם 25־סטן אויגוסט. ביז דעם טאָג בין איך, מיט מיין פרוי און קינד און אויך מיין מאַמע, געווען אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. דאָרט האָט מען נישט געקענט שטיין, זיינען מיר געלעגן, זיך געבאָדן אין טרערן און אין שוויס.

די מאַמע מיינע — אַ פרוי פון זיבעציק יאָר, אַן אַסטמע־קראַנקע — האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אין דער היים איבערגעלאָזן אַ פּאָר שמאַטעס, איז זי געגאַנגען זיי ברענגען. קומענדיק אַהיים, האָט זי גראָד געטראָפן די אַקציע אין הויף. זי האָט נאָך באַוויזן אַרויפצולויפן צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און געלייגט זיך אין בעט, מיינענדיק אויף אַזאַ אופן זיך צו ראַטעווען. ווען עס איז אַרויף דער יידישער מערדער, דער טראַנספּאָרט־אַרבעטער לייבל קריין, האָט זיך די מאַמע אָנגעהויבן ביי אים בעטן: „לאָזט מיך אָפּ, איך בין די מוטער פון משה פולאַווער, דער אַקטיאָר פון „אַראַראַט״־טעאַטער, איר קענט דאָך אים זיכער״. איר בעטן האָט נישט געהאָלפן, ער האָט זי אַוועקגעפירט...

אַלע טראַנספּאָרטן צו דער באַן האָבן געמוזט אַדורכגיין מיין הויז און ליגנדיק אויפן בוידעם האָב איך געהערט די שטים פון מיין מאַמע: „משה! משה!״. איך בין געוואָרן אין גאַנצן משוגע, האָב איך געענטפערט: „גיי דורך אַרום, מאַמע!״ די פרוי מיינע האָט מיט איר האַנט פאַרשטעלט מיין מויל, ווייל ס׳זיינען געווען באַדראָט 18 מענטשן. מיינער אַ שכן, וואָס האָט נישט באַוויזן צו באַהאַלטן זיך אויפן בוידעם, איז געלעגן באַהאַלטן ביי זיך אין צימער, אויף פּאַרטער, און אָבסערווירט די גאַנצע סצענע, וואָס קומט פאָר מיט דעם טראַנספּאָרט. די מאַמע מיינע האָט נישט געקאָנט טראָגן די פּאָר שמאַטעס, נאָך וועלכע זי איז אַהיים־געגאַנגען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דער פּאָסטן איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אָנגעקוקט, האָט צוגערופן אַ יונגן מענטשן פון דער ריי און גע־הייסן אים נעמען דאָס קערבל מיט די זאַכן. אַזוי איז די מאַמע אַוועק מיט דעם טראַנספּאָרט צו דער באַן וואָס האָט געפירט קיין אוישוויץ.

ליגנדיק אויפן בוידעם, האָב איך און מיין פרוי באַשלאָסן אַראָפּצוגיין צו זיך אין צימער. דאָס איז געווען דעם 25־סטן אויגוסט. די אַקציע איז געגאַנגען ווייטער אין גאַס ביז פּאַר איינס אַ זייגער. איינס אַ זייגער האָבן מיר געהערט קלאַפּן אין טיר. דאָס איז געווען דער צייכן, אַז

מען זאָל אַרויסגיין. מיר זיינען געווען אָנגעטאָן גרייט צו גיין. די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און עס קומען אַריין אַן ס.ס.־אָפיציר מיט יידישע פּאָליציי — אַן רעש, אָן געפּילדער. דער אָפיציר רעדט גאָרנישט, קוקט אונדז אָן מיט מאָדנע אויגן, קוקט אָן מיין טעכטערל פון זיבן יאָר. איך נעם די פּעק, און מיט מיין פרוי און קינד גייען מיר אַרויס אויף דער גאַס. דאָרט האָבן זיך שוין געהאַט פאַרזאַמלט נאָך מענטשן. מען האָט אונדז מיטן טראַמוויי אַוועקגעפירט צו דער באַן. מען האָט איינגעטיילט די מענטשן אין וואַגאָנען. אין מיין וואַגאָן האָבן זיך געפונען 58 מענטשן. יעדער איינער האָט באַקומען 2 קילאָ ברויט און אַ פערטל קילאָ צוקער. מען האָט אַריינגעשטעלט אַ שמוציקן קעסל מיט וואַסער צום טרינקען, פאַרפּלאָמבירט די וואַגאָנען — און דער צוג איז אַוועק.

ס׳האָט געדויערט אַ געוויסע צייט ביז יעדער האָט אויסגעפּאַקט דעם עס־באַגאַזש — געקאָכטע קאַרטאָפל, טשאָלנט, קאַרטאָפל־לאַטקעס, ברויט מיט צוקער — און די סעודה איז געגאַנגען אין פולן גאַנג. כ׳האָב גע־קוקט מיט שטוינונג אויף די מענטשן אַרום מיר: ווי קאָן מען זיך אַוועק־זעצן עסן, ווען מיר ווייסן אַפילו נישט וווּהין מיר פאָרן? מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס קומט פאַר עפּעס שלעכטס. כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געבריכערט, האַלטנדיק מיין שלאָפנדיק בלאָנד טעכטערל. די פרוי מיינע האָט אָן אויפהער געוויינט. אונדזערע ביידנס הערצער זיינען געווען פאַרקלעמט פון ווייטיק. נישט רעדנדיק וועגן דעם, האָבן מיר געפילט, אַז עס דערנעענטערט זיך אַ גרויס אומגליק. די לופט אין וואַגאָן איז געווען אַזוי שטיקנדיק, אַז מען האָט זי געקאָנט שניידן מיט אַ מעסער.

דעם 26־סטן אויגוסט, גאַנץ פרי, זיינען מיר אָנגעקומען אין אוישוויץ. אַרויסקוקנדיק דורך די פענצטער פון די וואַגאָנען, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט דאָס בילד: לאַנגע בלאָקן מיט דראָטן אַרום, מענטשן אין געשטרייפטע קליידער. צוקוקנדיק זיך גוט, האָבן מיר דערקענט, אַז די קליידער האָט מען געמאַכט ביי אונדז אין געטאָ. אין געטאָ האָט מען בשעתו גערעדט, אַז די מלבושים ווערן געמאַכט פאַר קראַנקע אין די שפּיטאָלן... מען האָט אָנגעהויבן אַרויסטרייבן פון די וואַגאָנען: „ראַוס! ראַוס!״ — האָבן געשריגן די, וואָס האָבן באַדינט די טראַנספּאָרטן.

2

אוישוויץ

די מענטשן האָבן געוואָלט מיטנעמען פון וואַגאָן די פעקלעך און אויך דאָס ברויט און צוקער וואָס זיי האָבן געקראָגן. אָבער די „קאָנאַדער־חברה" האָבן נישט געלאָזט גאָרנישט נעמען פון די וואַגאָנען. די פרוי מיינע האָט אָנגעהויבן זייער צו וויינען און בעטן ביי איינעם, וואָס האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן, אַז ער זאָל איר לאָזן נעמען אַ שטיקל ברויט פאַרן קינד. ער האָט אַפילו נישט געהערט וואָס מען רעדט צו אים און געטריבן די אַרויסגעוואָרפענע מענטשן פון די וואַגאָנעס ווי די בהמות... כ'האָב אַפילו נישט באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט מיין פרוי און קינד. כ'האָב בלויז בליץ־שנעל אַרונטערגענומען מיין זייגער פון דער האַנט און געזאָגט צו מיין פרוי: „רוטאַ, נעם דעם זייגער, אפשר וועסטו זיך קענען ראַטעווען". די פרוי מיטן קינד האָבן זייער שטאַרק געוויינט. איך בין געווען אין גאַנצן פאַרשטיינערט... אַזוי ווי אין חלום איז אַוועקגעקומען מיין פרוי מיט מיין האַרציק בלאָנד טעכטערל רחלע.

מען האָט אָנגעהויבן סאָרטירן די מענטשן. פרויען אויף איין זייט, מענער אויף דער צווייטער זייט. די פרויען, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָפּגעבן די קינדער, זיינען געגאַנגען מיט די קינדער. פון אַן אַנדער זייט האָבן פרויען אַריבערגעשריגן צו זייערע מענער: „מאָניעק! וולאַדעק!", „מען האָט מיר מיין קינד צוגענומען..." מיין פרוי האָב איך נישט געהערט שרייען. ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז זי וועט דאָס קינד נישט אָפּגעבן.

נישט ווייט פון אונדז איז געשטאַנען דער וועלט־באַרימטער אוישוויצער מערדער ד"ר מענגעלע מיט זיין סוויטע. מענגעלע איז געווען דער הויפּט־דאָקטאָר, וואָס האָט אַדורכגעפירט די סעלעקציעס אין אוישוויץ. מיט זיין שפּיצרוט האָט ער סאָרטירט די מענטשן. איך בין דורך צווישן די, וואָס דאַרפן בלייבן לעבן, דאָס הייסט, אויף אַרבעט. עס זיינען געלעגן קופּעס מיט גאָלדענע רינגען, זייגערס, פאַרשיידענע וואַליוטע. איינער פון דער מאַנשאַפט איז צוגעקומען צו אונדז און געזאָגט: „גיט אַהער אַלץ וואָס איר האָט, איר זעט דאָך, מען מוז אַלץ אָפּגעבן..." איך האָב אים געפרעגט ווו מען גייט? ער האָט מיר געענטפערט: „דאָרט" — און געוויזן מיטן

פינגער אויף דער קרעמאַטאָריע. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן אין מיר אַלע חושים. כ׳האָב שלעכט געהערט, שלעכט געזען, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. מען האָט אונדז אָנגעהויבן פירן אין באָד. גייענדיק האָב איך געפרעגט אַ פּאָסטן, ווו מען פירט אונדז ? „אויף אַרבעט", האָט ער געענטפערט.

— און מיט דער פרוי און קינד וועל איך זיך קאָנען זען ?

— נאַטיר—לעך, יעדן מאָנטאָג.

מען הערט אַ קאָמאַנדע „ זיך זעצן אויף דער ערד". פון פאַרשיידענע זייטן קומען צו לויפן „שדים", מיט געשטרייפטע אָנצוגן און היטלעך אין די הענט. „נו, אַ סוף, אַ סוף, גיט אָפּ וואָס איר האָט נאָך, אז נישט וועט זיין שלעכט". יעדער איינער זוכט אין די טאַשן, און גיט אָפּ זיין לעצט פאַרמעג... מען האָט געהייסן אויפשטעלן זיך, און צו הונדערט מאַן האָט מען געפירט אין באָד אריין. די וואָס זיינען אריין זיך באָדן, האָט מען נישט געזען אַרויסגיין, ווייל זיי זיינען אַרויס אויף דער צווייטער זייט. ס׳האָט געהערשט ביי די איבערגעבליבענע אַ מוראדיקע שטימונג. מען איז זיכער געווען, אַז יענע האָט מען שוין פאַרברענט.

מיר האָבן בכלל נישט געוווּסט אויף וואָס פאַראַ וועלט מיר זיינען, מיר גייען אַריין די לעצטע הונדערט. איינער נאָך דעם אנדערן גייען מיר. מען שערט אונדז, מען ראַזירט אונדז. ס׳איז נישט קיין שערן, ס׳איז נישט קיין ראַזירן, נאָר מען צופּט די האָר פון יעדן איינעם. די געוואַלדן זיינען גרויס. ס׳איז דאָס אמתע גיהנום. ענדלעך פירט מען אונדז שוין אַריין זיך באָדן. מען שמירט אונדז איין אין פאַרשיידענע שטינקעכצער — קוים מען קאָן דעם אָטעם כאַפּן. אין דער זייט שטייט איינער וואָס באַדינט. מיט אַ לאַנגער קישקע שפּריצט ער אויף אונדז קאַלט וואַסער. און דערצו הייסט ער אונדז זינגען. און מיר זינגען. ס׳איז נישט געווען קיין געזאַנג, נאָר גרילצערייען. שטייט אַ גרופּע פאַרצווייפלטע אָפּגעשאָרענע קעפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און די אויגן פרעגן: „פאַר וואָס ?" קיין ענטפער איז נישטאָ.

מיר קומען פון דאָרט אויך אַרויס. מען פירט אונדז צו צו אַ צווייט אָרט און מען טוט אונדז אָן אַ רעקל מיט הויזן. אויף די הויזן מאכט מען צוויי רויטע שטרייפן אין דער זייט. מיר באַקומען שיך — איינער אַ האָלצערנער, דער צווייטער אַ לעדערנער. אַזוי ווערט מען אויסגעפּוצט

אין בגדי מלכות. קיינער רעדט נישט קיין וואָרט; איינער הינטערן צווייטן רוקט מען זיך אַרויס פון באַקלייד־מאַגאַזין. דרויסן פאָרמירט מען אונדז צו פינף, אין אַ פּאַרטיע פון טויזנט מאַן, און מען הייבט אונדז אָן פירן אין בלאָק אַריין. צוקומענדיק צום בלאָק, זאָגט מען אונדז, אַז מיר זאָלן זיך נישט שטופן. דערביי פאַלן שטעקנס אויף אונדזערע קעפּ. דאָס אויג דערזעט אַפילו נישט פון וואַנען עס קומט.

3

דער „מגיד" פון אוישוויץ

אין אַ בלאָק, וואָס קאָן אַריינעמען 400 מענטשן, זיינען מיר אַריין אַ טויזנט. אין דער מיט פון בלאָק ציט זיך פון איין עק ביז צום צווייטן אַן אויוון, אַ מעטער די הויך. פאַרן קריג זיינען דאָרט געווען מיליטערישע שטאַלן. ווען מיר זיינען אַריין אין בלאָק, האָט מען אונדז געהייסן גיין אין דער לינקער זייט. דאָרט האָט מען אונדז צוזאַמענגעקוועטשט ווי הערינג אין אַ פעסל. ביי דער טיר האָט זיך געהערט אַ שטים: „רוע". עס איז אַריינגעקומען אַ שלאַנקער יונגערמאַן און אַרויף אויפן אויוון. אין אוישוויץ האָט מען אים גערופן „דאָס מגידל". ער האָט פאַר אונדז אָנגעהויבן האַלטן אַ דרשה.

„יידעלעך, יידעלעך, איר ווייסט ווו איר געפינט זיך? איר געפינט זיך אין אוישוויץ. אוישוויץ, דאָס איז דער גרעסטער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דער וועלט. פון דאַנען איז נאָך קיין לעבעדיקער מענטש נישט אַרויס".

שפּאַנענדיק אויפן אויוון הין און צוריק מיט די הענט אויף הינטן, האָט ער ווייטער געדרשנט:

„אויב איר רעכנט, אַז מען קאָן נאָך פון דאַנען אַרויס, און עמעצן וועט איינפאַלן צו אַנטלויפן, וועט ער ווערן געהאָנגען; און אַז מען וועט זיך דערוויסן, אַז עמעצער פּרוּווט אַנטלויפן — זעט איר דאָרט די קוימענס? דאָס איז עס... פון אוישוויץ איז נאָך קיינער נישט אַרויס. ווער עס האָט נאָך באַהאַלטן בריליאַנטן, גאָלד, דאָלאַרן און אַנדערע ווערט־זאַכן, האָט נאָך צייט אָפּצוגעבן. דערנאָך וועט שוין זיין צו שפּעט"...

אין גאַנצן בלאָק האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט. מען האָט אַפילו אָטעמען נישט געהערט.

„אַלזאָ, צום לעצטן מאָל: ווער האָט נאָך עפּעס אָפּצוגעבן? קיינער נישט? איך גיב אייך צייט פינף מינוט".

דאָס „מגידל" קוקט זיך איין אויף זיין האַנט־זייגערל און גיט אַ געשריי: „גייט אַריבער אויף דער צווייטער זייט!".

די גאַנצע מאַסע האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט. און דאָס „מגידל" גייט אַליין זוכן אויף דער ערד, צי עס האָט נישט ווער עפּעס אַוועקגעוואָרפן. נישט געפינענדיק גאָרנישט, גיט ער אַ געשריי: „איר פאַרברעכער, איר האָט נישט געוואָלט געבן די דאָלאַרן, נאָר איר האָט זיי צעריסן. דערפאַר וועט איר קריגן גוט באַצאָלט. צען מאַן וועט מען הענגען, און די איבעריקע גייען באַלד אין אויוון אַריין". אַ סך האָבן אָנגעהויבן זאָגן ווידוי, אַנדערע האָט מען געהערט שטיל כליפּען. די שטימונג ווערט איבערגעריסן דורכן „מגידל" מיט די ווערטער:

„איר האָט נאָך צוויי מינוט צייט אָפּצוגעבן וואָס איר האָט נאָך באַהאַלטן. ווער האָט עפּעס אַראָפּגעשלונגען זאָל זיך מעלדן". איינער שטופּט זיך אַדורך פון דער מאַסע און גייט צו צום „מגידל" און זאָגט אים עפּעס אין אויער. „ס'מגידל" דרייט זיך אויס און גיט אַ געשריי: „מאַקס, פיר אים קאַקן".

דערווייל קומט צו נאָך איינער, און נאָך איינער, און זאָגן אים אויך עפּעס אין אויער אַריין. „ס'מגידל" שרייט אויס: „פיר זיי אויך קאַקן".

די גאַנצע מאַסע שטייט אומבאַוועגלעך. דאָס „מגידל" גייט אַוועק אויף אַ פּאָר מינוט און קומט צוריק באַלד.

„הערט, יידעלעך, כ'בין געווען ביים בלאָק־עלטעסטן און איך האָב מיט אים גערעדט מען זאָל אייך גאָרנישט טאָן. כ'האָב געפּועלט מען זאָל אייך געבן צום פרעסן".

ווער האָט דען פון דער מאַסע געקאָנט טראַכטן פון עסן? באַלד האָט מען אַריינגעבראַכט קעסלען מיט עסן, צעבראָכענע שיסלען, נאַכט־געשיר. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין די רייען נעמען זופּ. יעדע פּאָרציע זופּ איז געווען באַגלייט מיט אַ האָגל פון שטעקנס. אַזוי האָב איך געגעסן דאָס ערשטע נאַכטמאָל אין אוישוויץ.

מיר גרייטן זיך צום שלאָפן גיין. מיר זעצן זיך אויף דער ערד, צוזאמענגעפּרעסט איינער צום צווייטן. דער עולם הויבט זיך אָן צו קריגן, צו שרייען. אין מיטן די געשרייען פּליט אַריין דער בלאָק־עלטעסטער, מיט זיינע שטיוול אויף אונדזערע קעפּ. ער שלאָגט פון ביידע זייטן און שרייט: „איצט ווירד איר שוין שטיל זיין". נאָך דער „לעקציע" איז געוואָרן שטיל. אָבער נאָר אויף פינף מינוט.

די נאַכט איז געווען פאַר מיר זייער פיינלעך. כ׳האָב שוין געוואָלט זיין עלטער מיט אַ טאָג. פיר אַ זייגער האָט מען אונדז אויפגעוועקט און אַרויסגעטריבן אין דרויסן. ס׳איז געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגן און כ׳בין געוואָרן דורכגענעצט ביז צום לייב. איינער האָט דעם צווייטן נישט דערקענט. יעדער איינער האָט אויסגעזען ווילד אין אָט דער באַקליידונג און באַשוכונג, און דערצו נאָך — די קלעפּ אויף שריט און טריט. ס׳איז געווען אוממעגלעך וועגן עפּעס צו טראַכטן.

4

אַ טרויער־אַקאַדעמיע אין אוישוויץ

אין חודש אויגוסט ניינצן־הונדערט־פיר־און־פערציק, אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג, האָבן די גרופּעס לאַגער־מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַרן בלאָק, גערעדט צווישן זיך, אַז אין דעם בלאָק 18 קומט פאָר אַ טרויער־אַקאַדעמיע. מיר, אַ גרופּע לאָדזשער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין און באַגרייפן, אַז אין דעם טויטן־הויז, ווו מען פאַרגאַזט און מען פאַרברענט הונדערטער טויזנטער מענטשן, זאָל מען דערלויבן אַ טרויער־אַקאַדעמיע. מיר האָבן זיך אַ ביסל געשראָקן, אפשר ווילן די פאַרברעכער עפּעס פּראָוואָצירן מיטן דערלויבן אַ טרויער־אקאַדעמיע. אָבער היות ווי עס זענען געווען אויסגעקלעפּט אפישן אויף די בלאָקן, האָבן מיר שוין פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן דאָס דערלויבט.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום בלאָק 18. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט: מיט אויסגעבלייכטע, דערשעפּטע פּנימער, אין געשטרייפטע אנצוגער מיט רויטע פּאַסן געשמירט פון ביידע זייטן הויזן,

האָבן זיי זיך געשטופּט אַריינצוגיין אין בלאָק. דער בלאָק איז געווען פול געפּאַקט מיט לאַגער־מענטשן. אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע זענען געשטאַנען, אַנדערע זיינען געזעסן אויף דער ערד. אין מיטן בלאָק איז געווען אויפגע־שטעלט אַ קליינע טריבונע, אין דער זייט אויף אַ לאַנגער באַנק זיינען געזעסן זעקס פּערזאָן — אויך אין געשטרייפטע קאָסטיומען. דער גערויש צווישן די פאַרזאַמלטע איז זייער גרויס. איינער פון די, וואָס זיינען געזעסן אויף דער באַנק, האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויף אויף דער טריבונע און אַ געשריי געגעבן: „אַכטונג!״ דער עולם איז בליץ־שנעל שטיל געוואָרן. דאָס וואָרט „אַכטונג״ האָט אונדז דערמאָנט אין טרויעריקע געשעענישן...

קיינער האָט נישט געוווסט וועגן וואָס מען וועט רעדן אָדער מעלדן. אַ צווייטער, וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק ביי דער טריבונע, האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און איז אַרויף אויף דער בינע. אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מאַן אין די פערציקער יאָרן האָט אָנגעהויבן רעדן אין רוסיש: „מיינע ברידער! היינט האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט, כדי מיר זאָלן קאָנען אָפּגעבן כבוד און דערמאָנען צום גוטן אונדזערע נאָענטע, וואָס מען האָט פאַרברענט״. דער גאַנצער עולם איז אַרויס מיט אַ פאַרשטיקט געוויין, און דער רעדנער האָט געשילדערט ווי ער מיט זיין פאַמיליע זיינען דאָ געקומען, און ווי זיין פרוי מיט די צוויי קינדער האָט מען פאַרברענט. „כבוד אַלעמענס נאָענטע, אַלע זאָלן זיך אויפשטעלן און שווייגן איין מינוט״. אַ טויט־שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן בלאָק, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. דער עולם האָט נישט געקאָנט זיך באהערשן און אַרויס מיט אַ געוויין אויפן קול. דער רעדנער האָט ממשיך געווען: „און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין מיט אונדז״. „וואָס קומט דאָ פאָר״? — האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט. פון רעדנערס ווערטער האָט זיך מיר געמישט אין קאָפּ. „לאָמיר אנטלויפן״ — האָב איך אַ געשריי געטאָן. מיינע באקאנטע און איך האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן דורך דעם געפּאַקטן צוזאמענגעקוועטשטן עולם, און מיר זיינען אַרויס. אַרויסקומענדיק האָט קיינער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. בלויז די צעשראָקענע אויגן האָבן גערעדט, אַ סך גערעדט וועגן אונדזער גרויס אומגליק.

מיר זיינען זיך צעגאַנגען יעדער איינער אין זיין בלאָק. איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צו מיין בלאָק, און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. נישט אלע מאָל האָט מען זיך געקאָנט דערלויבן אַזאַ פאַרגעניגן —

ס׳איז דאָך געווען זונטיק... אַזוי ליגנדיק האָב איך געטראַכט וועגן דעם, וואָס דאָ, אין דעם גרעסטן פאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ, קומט פאָר...

5

יאַקוב, דער געטאָ־זינגער

פון הינטער מיין רוקן, שטייענדיק ביי דער וואַנט פון בלאָק, וואַקסט אויס דער לאָדזשער געטאָ־זינגער יאַקוב, מיט די ווערטער:

— פולאַווער, יאָ, יאָ, אַזוי איז געשען מיט אונדז. פולאַווער, ביסט דאָ?

יאַקוב פלעגט צו מיר אָפט אַריינקומען אין געטאָ.

— הער, פולאַווער — ער נעמט אַרויס פון טאַש צוויי שטיקער ברויט מיט פוטער און ווורשט. — נאַ נעם, עס און טראַכט גאָרנישט. דאָ דאַרף מען נישט טראַכטן, נאָר עסן. און דערצו מוז מען עפּעס טאָן.

פרעג איך אים:

— וואָס זאָל איך טאָן?

— זיי געזונט. שפּעטער וועל איך קומען און דיר אַלץ זאָגן.

מיטאָגצייט האָט זיך יאַקוב באַוויזן מיט אַ טאָפּ זופּ, אַוועקגעשלעפּט מיך אָן אַ זייט און זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט.

— נעם עס. אַז דו וועסט נישט עסן, איז דאָ אַ קוימען.

— הער, פולאַווער — זאָגט ער ווייטער — מאַך עפּעס וואָס. נעם אַ פּאָר יאָטן און מאַך אַ כאָר.

איך ענטפער אים: — וואָס הייסט? און קענען?

— דו מוזט קענען; אָרגאַניזיר אַ גרופּע פון דיינע שילער פון געטאָ־טעאַטער און דו וועסט זען, ס׳וועט גוט זיין. דאָ איז נישט דאָס געטאָ, נאָר אוישוויץ. דאָ מוז מען זיך העלפן.

צוויי טעג שפּעטער האָב איך שוין געהאַט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון זיבן מאַן. און מיר האָבן שוין געזונגען פאַר אונדזער בלאָק־עלטעסטן. צווישן די זיבן איז געווען שמאי ראָזענבלום, דער באַקאַנטער רעציטאַטאָר, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל; וויינבערג, מיין פּאַרטנער אין לאָדזשער געטאָ־טעאַטער, וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען אין לאַגער

„פינף טייכן": נאָמבערג, ראָטשטיין און נעלקען, געוועזענער אַקטיאָר פון „אַראַראַט"־טעאַטער — די אַלע זיינען אומגעקומען אין די לאַגערס.

יעדן טאָג איינס אַ זייגער האָט מען שוין געהערט רופן:

— וואָ איס דער פּולאָווער?

און איך האָב באַלד צוזאַמענגערופן די חברה און מיר זינגען שוין ביים בלאָק־עלטעסטן. נאָך יעדעס מאָל זינגען האָבן מיר באַקומען צו אַ פּאָר ציגאַרעטן. דאָס איז געווען די באַלוינונג פאַר דעם „קאָנצערט".

אַזוי זיינען געלאָפן די טעג. מען האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אונדזערע נאָענטע, אָבער בלויז טראַכטן האָט מען געקאָנט... מיך מיט ראָזענבלומען האָט מען שוין גערופן אין די בלאָקן אַריין, ערשט דעמאָלט ווען מען איז שוין דאָרט געשלאָפן.

6

אַ קאָנצערט ביי די „קאַנאַדער"

דער טערמין „קאַנאַדער" איז אפשר נישט אַלעמען באַקאַנט, דאָס איז געווען די מאַנשאַפט, וואָס האָט באַדינט די טראַנספּאָרטן, וואָס זיינען געקומען קיין אוישוויץ. גלייכצייטיק האָבן זיי באַדינט די קרעמאַטאָריעס. דאָס זיינען געווען די ריכטיקע לייט, וואָס האָבן אַלעמען פּאַרטיליקט, אָפּגעמעקט פון גאָטס וועלטל, אַ חוץ דאָס אַש. דאָס אַש האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרברענען...

אין בלאָק פון די „קאַנאַדער" האָב איך געדאַרפט שפּילן טעאַטער. מ'האָט מיך געהייסן אַרויפגיין אויף אַ טיש און „דערלאַנגען". אין אָט דעם בלאָק איז ממש געווען אַ משוגעים־הויז. דאָרט האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. מ'האָט געהערט פאַרשיידענע שפּראַכן. עס האָבן זיך געטראָגן ריחות פון אָדעקאָלאָן, שנאַפּס, קאָניאַק און אַנדערע געטראַנקען. די ריחות האָבן אַזוי ווי באַרוישט. איך מיט מיין חבר שמאי ראָזענבלום האָבן געגעבן דעם ערשטן נומער, — איציק מאַנגערס „די גילדענע פּאַווע". ס'איז געפעלן געוואָרן. איך האָב געזונגען מיט אַזאַ האַרץ, אַז איר קאָנט זיך אַליין פאָרשטעלן... זינג פאַר די, וואָס האָבן נעכטן דיין פרוי און קינד פאַרברענט; זינג פאַר די, וואָס האָבן דיינע פעטערס און מומעס

פאַרברענט; זינג פאַר די, וואָס האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק דיין מאַמע פאַרברענט. איך מיט מיין חבר האָבן געזונגען און דערציילט. מיט בלוט, מיט טרערן האָבן מיר געמאַכט דאָס, וואָס הייסט טעאַטער... און נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו מיר האָבן געשפּילט „טעאַטער", האָבן זיך טויזנטער קערפּערס געוויכערט און געברענט, די ווינדעס האָבן געאַרבעט אָן איבעררייס. נאָכן פאַרגאַזן האָט מען אויפגעלאָדן די קערפּערס און צוגעפירט צו די קרעמאַטאָריעס...

דער צווייטער נומער איז געווען שלום עליכמס „קאַסרילעווקער שריפות". ס'איז טאַקע געווען אַ וועלט־שריפה. אַלץ האָט געברענט; כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז איך אַליין ברען אויך... די ווערטער: „ס'ברענט, ס'ברענט" האָב איך געשריען מיט אַזאַ אומנאַטירלעכער שטימע.

דער דריטער נומער איז געווען „דער וואַלס" פון לוצקי. דאָרט זאָגט זיך, אַז דאָס לעבן איז אַ געדריי אַזאַ.. „ווען אַלע זיך פון דער וועלט צעגייען, טוט מיר אַזוי וויי, טוט מיר אַזוי וויי..."

מיר האָבן געגעבן ווייטערדיקע נומערן פון פּראָגראַם, און עס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ ברויט, אַ ביסל פּאַפּיראָסן, אַ שטיק קעז, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר אונדזער שפּילן „טעאַטער".

דאָס איז געווען מיין ערשטער „דעביוט" אין אוישוויץ.

7

אין רעוויר

אַ צווייטן אָוונט האָבן מיר געגעבן אין רעוויר פאַר די קראַנקע, פאַר אָט די קראַנקע, וואָס זיינען שוין געווען באַשטימט צו גיין אין קרעמאַטאָריע. פון צייט צו צייט האָבן די מערדער באַזוכט דאָס קראַנקן־הויז און געמאַכט סעלעקציעס אַוועקצושיקן נייע קרבנות אין קרעמאַטאָריע. איך און מיין חבר שמאי ראָזענבלום האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט פאַר די אומגליקלעכע מענטשן. מיר האָבן דעם אָוונט אָנגעהויבן מיט אַ מוזיקאַלישן נומער. די אומגליקלעכע האָבן פאַרגעסן אין גורל, וואָס דערוואַרט זיי. ביים סוף פון נומער האָבן זיי אונדז שטאַרק אפּלאָדירט. אין פּראָגראַם איז געווען: י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק",

שלום עליכמס „קאַסרילעווקער שריפות״, לוצקיס „דער וואלס״, מ. בראָדערזאָנס „דער קארנאוואל״ א. א. אין אַלגעמיין האָט דאָס פּראָגראַם געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די קראַנקע.

נאָך דער „פאָרשטעלונג״ איז צו אונדז צוגעקומען דער מאגאזינער פון קראנקן־הויז, אַ יידישער דאָקטאָר פון ווילנע, און ער האָט אונדז געדאנקט. גלייכצייטיק האָט ער אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען קומען יעדן טאָג מיט אַ טאָפּ נאָך זופּ. א זופּ אין אוישוויץ איז געווען אַ שטיק לעבן. ער האָט מיך דערקענט פון יענער צייט, ווען „אַראַראַט״ איז געקומען אויף גאסטשפילן אין ווילנע. מיר האָבן זיך געזעגנט און אַוועק.

גייענדיק צוריק אין אונדזער בלאָק, האָב איך געטענהט צו מיין חבר ראָזענבלום:

„דו זעסט דאָך, מען מוז פון דאַנען אַוועק. דאָ איז אַ טויטן־שטאָט, אַ שעכטהויז... מען זעט נישט קיין פויגל, קיין פליג, קיין וואנץ, קיין לויז. מען פילט ווי עס פרעגלען זיך מענטשלעכע גופים. שמאי, לאָמיר אַוועק פון דאַנען. לאָמיר פאָרן אויף אַרבעט, די גאַנצע לופט שמעקט דאָ מיט טויט...

מיר האָבן געהאַט אַן אָוונט ביי די לאַגער־שרייבער. מיר האָבן זיך מיט זיי באַקענט. אַ טייל פון זיי זיינען געווען קראָקעווער סטודענטן. מיר האָבן זיי געבעטן, אַז אויב עס וועט קומען אַ גוטער טראנספּאָרט אויף אַרבעט, זאָל מען אונדז מיטטיילן.

וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער פון די שרייבער, האָט מען אין איינעם אַ טאָג אַרומגערינגלט אונדזער בלאָק. מ׳האָט אונדז אַרויסגעפירט אין דרויסן און די שקלאַפן־הענדלער זיינען געקומען אָנקוקן זייער סחורה. אַלע האָבן געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט. אַ דאָקטאָר צוזאַמען מיט די הענדלער האָבן באַטראַכט יעדן איינעם קערפּער. קיין קלעפּ פון שטעקנס האָבן דערביי נישט געפעלט. מען האָט אונדז צוזאמענגענומען, אַריינגעפירט אין אַ צווייטן בלאָק און געהאלטן ביז שפּעט אין דער נאכט. דאַן האָט מען אונדז אָנגעהויבן ארויסטרייבן. פאַרן בלאָק זיינען געשטאַנען גרויסע אויטאָס. איין אויטאָ האָט געטיילט ברויט, דער צווייטער האָט געטיילט ווורשט. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי.

די נאַכט איז געווען זייער א פינצטערע; מען האָט בלויז געזען ווי עס בליצן די טאשן־לעמפּלעך פון די ס. ס.־מענער. מיר זיינען געווען

זיכער, אַז מיר גייען אין אויוון אַריין. מיר האָבן געמוזט זיין געשלאָסן אָרעם צו אָרעם. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען, אין דער באַגלייטונג פון ס.ס.־מענער מיט מאַשין־געווער, צו דער באַן.

איידער מיר זיינען אָנגעקומען צו דער באַן זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם פרויען־לאַגער. דאָרט האָבן זיך פאַר אונדזערע אויגן אנטפּלעקט טראגישע בילדער: אַ פרוי איז געהאָנגען אויף עלעקטרישע דראָטן; פון פאַרשיידענע זייטיקע ווינקלען האָבן אַרויסגעקוקט אָפּגעשאָרענע פרויען־קעפּ. און מיר, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, אומבאהאָלפענע, האָבן זיך געשלעפּט נישט וויסנדיק וווהין.

און אָט זיינען מיר אויף דער באַן. מען האָט אונדז וואגאָנירט מיט די פאָסטנס צוזאַמען. די איבערגעבליבענע אין אושוויץ זיינען געווען זיכער, אַז מען פירט אונדז אין אויוון אַריין. אַזוי זיינען מיר אַוועק פון שרעקלעכסטן קאָנצענטראציע־לאַגער אושוויץ.

8

לאַגער וויסטערגיסדאָרף

אין וואגאָן איז געלעגן אַ קופּע שמאטעס, נישט קיין מענטשן. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. יעדער איינער האָט זיך געזאָגט: זאָל שוין קומען דאָס אומדערוואַרטע... מיר זיינען געפאָרן די גאַנצע נאַכט און אַ האַלבן טאָג. נאָך מיטאָג זיינען מיר אָנגעקומען אין לאַגער וויסטער־גיסדאָרף. מען האָט אונדז ארויסגעפירט פון די וואַגאָנען. מען האָט פאָרמירט צו פינף אין אַ ריי. עס איז אָנגעקומען דער לאַגער־פירער פון וויסטערגיסדאָרף, שוואַרץ, און אָנגעהויבן רעדן צו אונדז:

— א־כ־ט־ו־נ־ג, א־כ־ט־ו־נ־ג, איר זייט העפטלינגע — דאָס וואָרט העפטלינגע, האָט געקלונגען מאָדנע אין מיינע אויערן. מיר שטייען אַלע אומבאַוועגלעך און הערן וואָס דער אויסגעפרעסענער שווייַן וועט אונדז דאָ זאָגן.

— איר זייט געקומען אויף אַרבעט, איר מוזט ארבעטן, און פלייסיק אַרבעטן, און ווען איר וועט פלייסיק אַרבעטן, וועט איר האָבן צו פרעסן...

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און אַן אינערלעכער פרייד האָבן מיר געהערט ווי ער רעדט וועגן ארבעט. הייסט עס, אַז מען שיקט אונדז נישט אין אויוון אריין — כאָטש מיר איז דאָס דעמאָלט געווען אַלץ איינס.

מען האָט אונדז געפירט אין שטאָט אַריין. פון די פענצטער אין די הייזער האָבן באַהאַלטן אַרויסגעקוקט פנימער פון דייטשע פרויען, מערסטנטייל עלטערע, און געוואָרפן אויף אונדז רחמנותדיקע בליקן. מיר האָבן געשלעפט אונדזערע מידע קערפּערס איבער דער גאַנצער שטאָט. דער לאַגער איז געווען הינטערן שטאָט. ביז מיר זענען געקומען אויפן אָרט איז שוין געווען פינצטער.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום טויער. פון דער ווייטנס האָט מען שוין געהערט שטימען פון נאָך מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן געווען. ווען מיר זיינען אַריין אין טויער, האָט מען צו אונדז גערופן פון פאַרשיידענע זייטן:

— יידן, האָט נישט קיין מורא! דאָ איז פּאלעסטינע, דאָ וועט אייך זיין גוט.

די ווערטער זיינען געקומען פון יידישע קאַפּאָס. וויסטערגיסדאָרף איז געווען אַ יידישער אַרבעטסלאַגער. שפּעטער האָט מען אונדז דערציילט, אַז מיר האָבן אויף זיי געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. זיי האָבן אין אונדז געזען מתים און נישט קיין מענטשן.

מען האָט באַלד אַרויסגעגעבן צו צוויי דעקעס פאַר יעדן. און אַ נומער פון בלאָק. מיין נומער איז געווען 27773.

דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט וואָס מיר זיינען געשלאָפן אין אַ בעט מיט צוויי דעקעס צוגעדעקט. געשלאָפן זיינען מיר צו צוויי אין אַ בעט. דעם לאַגער וויסטערגיסדאָרף האָבן געפירט בלויז יידן. דער הויפּט־רעדל־פירער איז געווען דער לאַגער־שרייבער מאַריק, אַ בענדינער. (ער געפינט זיך היינט־צו־טאָג אין פּוילן און פאַרנעמט דעם אַמט פון אַ בירגער־מייסטער). דאָס איז געווען אַ טייערער מענטש. ער האָט זייער אַ סך גוטס געטאָן פאַר יידן, און איבערהויפּט פאַר מיר מיט מיין חבר שמאי ראָזענ־בלום. איך און מיין חבר האָבן געזען, אַז דאָ איז עפּעס אַן אַנדער וועלט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין געטראַכט, ווי אַזוי צו מאַכן טעאַטער. כ׳האָב געוווסט איין זאַך: אַז נאָר אין טעאַטער־שפּילן ליגט אונדזער קיום...

9

דאָס פּובליקום

אַ טאָג פאַרן אַוועקפאָרן פון אוישוויץ האָבן מיר געהאַט אַן „אָוונט״ אין בלאָק 13. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין בלאָק 13, און מיר האָבן געדאַרפט מאַכן דאָס פּראָגראַם פאַר דעם בלאָק־עלטעסטן און זיינע קאַפּאָס, איז ממש געווען צו באַוווּנדערן זייער באַציונג צו אונדז ביידן.

אַריינקומענדיק האָבן מיר געטראָפן דעם בלאָק־עלטעסטן זיך וואַשן. ער האָט אונדז געהייסן וואַרטן, אָבער ער איז געווען זייער פריינדלעך. אַט דער פאַרברעכער, וואָס האָט געהאַט אויף זיין געוויסן טויזנטער קרבנות, האָט צו אונדז געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע באַציונג. נאָכן וואַשן האָט ער זיך אויספּאַרפומירט דעם גאַנצן קערפּער, אָנגעטאָן זיך דאָס העמד מיטן רעקל, און געגעבן אַ ווונק, אַז מיר זאָלן „דערלאַנגען״. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער פּראָגראַם — אַ רעפּערטואַר פון פּרץ, שלום־עליכם, נאַדיר, לוצקי, שטיינבאַרג, בראָדערזאָן א. א.

אונדזער פּראָגראַם איז געווען פאַרשיידנאַרטיק: יידיש, פאַרדייטשט און אין פּויליש. מיין חבר שמאי האָט רעציטירט אַ סך נומערן אין פּויליש. אַ סך מאָל זיינען פּלוצלינג אַריינגעקומען ס. ס.־מענער און געוואָרפן זייטיקע בליקן, אַ געוויסע צייט זיך צוגעקוקט צום פּראָגראַם, און געגאַנגען ווייטער. מיר האָבן אונדזער פּראָגראַם אין אַ געוויסער מאָס פאַרדייטשט. אַ סך ס. ס.־מענער האָבן אונדז ביידן געקענט און גערופן „די צוויי שוישפּילער״.

— אַ, דער שוואַרצער, מיט דער לאַנגער נאָזע — אַזוי האָבן זיי מיך גערופן.

מיר האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. מיר האָבן ביידע געמאַכט דעם „וואַלס״ פון לוצקי פאַר דעם פּובליקום, וואָס איז באַשטאַנען פון: איין בלאָק־עלטעסטן, צוויי קאַפּאָס, איין קוכן־שעף, און איין שטובן־דינסט.

איך האָב עס געמאַכט אין אַזאַ קאָמישער פאָרם, אַז מיין חבר שמאי ראָזענבלום האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן פון געלעכטער און האָט געמוזט אויפהערן. איך האָב ווייטער געזאָגט דעם „וואַלס״. דער קוכן־שעף האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער, האָט אויסגעשריען אויף מיר:

— אַך, דער שוואַרצער מיט די נאָזע, ווונדערבאַר, פּעש.

דער וואָס וועט לייענען די שורות, וועט זיכער פאַרשטיין, אַז נאָר דאָס מאַכן זיי צום לאַכן, האָט אונדז געקאָנט אויפהאַלטן. מיר האָבן געמוזט אָנווענדן אַלע מיטלען, און דאָס איז געווען אונדזער געווער, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן.

זייענדיק אין לאַגער וויסטערגיסדאָרף איין טאָג, האָב איך שוין אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון די ביוראָ־שרייבער און זיך געפרעגט אויפן לאַגער־שרייבער. דער לאַגער־שרייבער איז געווען דער סימפּאַטישער חבר מאָריץ, וועלכן כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט. איינער פון דער שרייב־שטובע האָט מיר געזאָגט איך זאָל קומען שפּעטער. שפּעטער האָב איך אים טאַקע געטראָפן. כ׳האָב זיך מיט אים דורכגערעדט און געזאָגט, אַז מיר זיינען דאָ צוויי אַקטיאָרן און מיר ווילן מאַכן אַן „אָוונט״. ער איז באַלד מסכים געווען. און געזאָגט, אַז מיר זאָלן קומען צו אים אין אָוונט.

אין אָוונט זיינען מיר שוין דאָרט געזעסן. אויפן טיש זיינען געלעגן גוטע זאַכן: ברויט, פּוטער, וורשט, פּאַפּיראָסן, אַפילו אַ פלאַש וויין איז אויך געשטאַנען. אונדזער פרייד איז געווען זייער גרויס. מיר רעציטירן, זינגען, דערציילן קאָמישע מעשות. דער עולם איז באַגייסטערט, זינגט מיט. ס׳איז געווען אַ ווונדערבאַרע שטימונג צווישן מענטשן, וואָס טראָגן געשטרייפטע העפטלינג־מלבושים...

עסן, פאַרשטייט זיך, האָט אונדז שוין נישט געפעלט אין לאַגער. כ׳האָב אָנגעהויבן מאַכן פּלענער פּונקט ווי אויף דער פריי. דער ערשטער פּלאַן מיינער איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע פאָרשטעלונג אין לאַגער אונטערן פרייען הימל. מיט איין וואָרט — ס׳איז טאַקע געווען פּאַלעסטינע...

נישט ווייט פון וויסטערגיסדאָרף האָט זיך געפונען אַ יידן־לאַגער, „פינף טייכן״ האָט ער געהייסן. דאָרט האָבן זיך געפונען מיינע שילער פון לאָדזשער געטאָ־טעאַטער. האָב איך זיך טאַקע אַדורכגערעדט מיטן לאַגער־שרייבער מאָריץ, אַז ער זאָל זען צו פועלן און ברענגען די גרופּע מענטשן, כדי איך זאָל קאָנען מאַכן אַ פאָרשטעלונג פאַרן גאַנצן לאַגער. דער פּלאַן איז אים זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

10

די פאַרשטעלונג

כ׳האָב אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס פּראָגראַם. כ׳האָב גענומען בענק און קאַסטנס און געמאַכט אַ בינע. דער הויף איז געווען זייער אַ גרויסער. אַלע העפטלינגע זיינען געזעסן אויף דער ערד.

פאָרגעקומען איז דאָס אין אַ פרייען, זונטיקדיקן טאָג. מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער פּראָגראַם. יעדער נומער איז געוואָרן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען. מיר האָבן געשפּילט יידיש, נישט פאַרדייטשט, ווייל ס׳איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער יידן־לאַגער. די אַפּלאָדיסמענטן פון די, וואָס טראָגן די געשטרייפטע העפטלינג־מלבושים, האָבן פאַרהילכט. אפנים, אַז דעם הויכן, ברייטבייניקן לאַגער־פירער שווארץ, וואָס איז געשטאַנען גאַנץ אונטן, איז די פאָרשטעלונג אויך געפעלן געוואָרן. דער עולם האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין זיינע צרות.

צום סוף פון פּראָגראַם האָבן מיר מיטן גאַנצן עולם שטייענדי־קערהייט הילכיק געזונגען די „התקוה״ אין דייטשן אַרבעטס־לאַגער פאַר יידן. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג. די געמיטער ביי די מענטשן זיינען געוואָרן אַ ביסל פרייער. ליידער האָבן מיר לאַנג מיט דער שטימונג זיך נישט געפרייט. עטלעכע מענטשן פון אונדזער טראַנספּאָרט זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. ס׳איז געקומען אַ באַפעל אַוועקצושיקן אונדזער גאַנצן טראַנספּאָרט, וווהין — האָבן מיר נישט געוווּסט. כ׳האָב אינטערווענירט ביים חבר מאַריץ, — אפשר איז מעגלעך, אַז מיר ביידע זאָלן בלייבן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט זיך באַמיען. צוויי טעג שפּעטער האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך.

ער האָט מיך געטרייסט און געזאָגט:

— נעם זיך נישט איבער. כ׳וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו צו יענעם לאַגער־פירער.

— אָבער וווהין פאָרן מיר? — האָב איך אים געפרעגט.

— אין וואָלפסבערג, אויך אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר יידן — האָט ער מיר געענטפערט — דער לאַגער־פירער אין וואָלפסבערג איז אַ דייטשער

ייד פון האַמבורג. ער וועט פאַר אייך אַלץ טאָן, כ׳קען אים. ער איז זייער אַ פיינער מענטש.

אָבער אין זיינע אויגן האָב איך באמערקט, אַז ער האָט גרויס ווייטיק. מיר זיינען סך־הכל געווען אין וויסטערגיסדאָרף צוועלף טעג.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון אַוועקשיקן אונדז. ס׳איז געווען זייער אַ טרויעריקע שטימונג ביי די וואָס זענען געבליבן — אין לאַגער זיינען געווען איבער 2000 פּערזאָן. אונדזער טראַנספּאָרט צום אַוועקפאָרן אין וואָלפסבערג איז באַשטאַנען פון 400 פּערזאָן. מיר זיינען אַלע אַרויס אויפן הויף, זיך ווידער אויסגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי. אַלע באַקאַנטע לאַדזשער האָבן זיך געשטעלט דאָרט ווו איך מיט מיין חבר שמאי זיינען געשטאַנען. מיר האָבן אָפּמאַרשירט. אָנשטאָט אין וואָלפסבערג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ לאַגער שטרענצעלבערג, נישט ווייט פון וואָלפסבערג.

11

לאַגער שטרענצעלבערג

דער לאַגער שטרענצעלבערג איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, אויפן זעלבן „פּאַסאָן״ — אויך מיט דראָטן — נאָר אָנשטאָט בלאָקן זיינען געווען פינישע צעלטן. פאַקטיש איז דער לאַגער שטרענצעלבערג געווען אַ קאַראַנטין־לאַגער. מען האָט אונדז איזאָלירט, דערפאַר ווייל עס זיינען געווען פאַלן פון טיפוס. צווישן די 400 מאַן וואָס זיינען געקומען אין שטרענצעלבערג, זיינען געווען 100 קינדער אין עלטער פון 9 ביז 13 יאָר. דאָרט זיינען מיר געווען דריי וואָכן. צוויי וואָכן זיינען מיר אויף אַרבעט נישט געגאַנגען. עסן האָט מען אונדז געבראַכט פון לאַגער וואָלפסבערג.

מיר האָבן זיך גענומען איינבירגערן אויף דער קורצער צייט. אין די צעלטן איז געלעגן האַלץ־וואַטע. דעקעס האָבן מיר געהאַט. די אַרבעט אונדזערע איז באַשטאַנען פון קערן דעם לאַגער. הינטערן לאַגער איז געווען אַ ווילד וועלדל. די ס.ס.־מענער האָבן געוואָלט אַ ביסל ווילן זיך מיט אונדז, האָבן זיי אונדז אַרויסגעיאָגט מיט שטעקנס פון די צעלטן און געטריבן צום וועלדל. קומענדיק צום וועלדל, האָבן זיי געזאָגט:

— אין פארלויף פון פינף מינוט זאָל דאָס גאַנצע וועלדל זיין זויבער פון יעדן אָפּפאַל.

קלייבנדיק דאָס אָפּפאַל איז געגאַנגען אַ האָגל פון שפּיצרוטן איבער אונדזערע קעפּ. דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, ביז עס איז זיי נמאס געוואָרן. זיי זיינען אַריין אין זייערע וואַך־שטובן און מיר — אין אונדזערע צעלטן.

שטענדיק נאָך אַזאַ ברוך־הבא זיינען מיר געווען זייער דערשלאָגן, אָבער די פאַרצווייפלונג האָט געדויערט ביז מען האָט אונדז געבראַכט די זופּ. אַז מען האָט געהאַלטן ביים לעצטן לעפל, זיינען מיר ווידער אַריין אין דער זעלבער שטימונג ווי פריער. ביז מען האָט געבראַכט דאָס אָוונטברויט. דעמאָלט האָבן די געדאַנקען אָנגעהויבן אַרבעטן: ווער וועט קריגן די געדיכטע זופּ? דאָס צווייטע וויכטיקע פּראָבלעם איז געווען ברויט. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמאַכט וואָגעלעך פון האָלץ, כדי מען זאָל קאָנען וועגן דאָס ברויט. האָט מען געמוזט באַצאָלן מיט אַ קליין שטיקעלע ברויט. אַ ברויט האָבן מיר געטיילט אויף דריי פּערזאָן. איינער איז געווען אַן עקספּערט, און צוויי האָבן געוואוֹיגן. גלייכ־צייטיק האָט מען געמוזט אונטערהאַלטן די וואָג. קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי מען האָט געוואוֹיגן. פון די דריי איז במילא אויסגעקומען איינער אַ באַעוולטער.

די טעג זיינען געגאַנגען זייער מאָנאָטאָן און מיר זיינען אַלע געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. עפּעס איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן דער לאַגער — מ'האָט אונדז שטאַרק געהיט, ס'זיינען געווען צופיל פּאָסטנס.

אין שטרענצעלבערג האָב איך קיין טעאַטער נישט געמאַכט. כ'האָב געהאָפט, אַז מיר וועלן אַרויס פון דעם לאַגער און אַריין אין גרויסן לאַגער וואָלפסבערג. כ'האָב ביי זיך געהאַט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוול פאַר דעם לאַגער־פירער פון וואָלפסבערג. ליידער האָב איך דאָס בריוול נישט געקאָנט איבערשיקן צו אים, ביז איין מאָל האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעג־נהייט און איך האָב דאָס בריוול מיטגעגעבן דורך איינעם וואָס ברענגט אונדז דאָס עסן. קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען.

נאָך צוויי וואָכן האָט מען אונדז אָנגעהויבן פירן אויף אַרבעט. איין טאָג, ווען די עלטערע זיינען געגאַנגען אויף אַרבעט, און די 100 קינדער זיינען געבליבן, האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע קינדער און זיי אָוועק־

געשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט. געהייסן האָט עס, אַז מען שיקט זיי אויף „אַרבעט”. צוריקקומענדיק פון דער אַרבעט האָבן מיר קיינעם פון די קינדער נישט געטראָפן. ס'איז פאַר אונדז געווען א מוראדיקער קלאַפּ. מיר זיינען אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט. מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז מיט אונדז וועט אויך אַזוי פּאַסירן אין איין שיינעם טאָג. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען האָט די קינדער נישט געשיקט אויף אַרבעט, נאָר קיין אוישוויץ.

12

וואָלפסבערג

מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער וואָלפסבערג, אויפן גרויסן אַפּעל־פּלאַץ מיט די ריזיקע גרויסע רעפלעקטאָרן אין די זייטן, באַזעצט מיט אַ סך פּאָסטנס, און מיט א רעשיקער באַוועגונג פון די קאָמאַנדעס, וואָס זיינען געקומען צו דער אַרבעט. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ זייט, צוגענומען די אַלטע דעקעס און געגעבן נייע.

שטייענדיק אַזוי דערזעען מיר אַ פינף און צוואַנציק בלאָק־עלטעסטע — יידן, פעסטע מענער. צו אונדז האָט זיך דערנענטערט דער לאַגער־פירער — נישט קיין הויכער, מיט צוויי נאַרישע וואָנצעס און קעלבערנע אויגן — און געזאָגט:

— זיהט זי דיעזען מאַן? ער הייסט „ניעוויעם”.

„ניעוויעם” איז געווען אַ בלאָק־עלטעסטער. זיין באַשעפטיקונג איז געווען שמייסן יעדן איינעם וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט... מיט גנבענען אַ קאַרטאָפל, אַ ריב, פאַר וועלן נעמען נאָך אַ זופּ.

— ער איסט איין פאַטער — האָט ער ווייטער געזאָגט — אָבער ער קאָן אויך זיין איין טויפל...

„ניעוויעם”, אַ ייד, אַ קצב פון דער היים, פון זאַגלעמביע (פּוילן), איז געווען אַ דיקער, אין דער פאָרעם פון אַ פאַס. זיין פּנים איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ טוך (קאָנטיק ס'האָט אים ווי געטאָן אַ צאָן). שטענדיק איין טריט האָט ער מיטן קערפּער געמאַכט צוויי באַוועגונגען. דער ריכטיקער מלאך־המוות. מען האָט נישט געזען קיין שמייכל אויף זיין

פּנים. עס זיינען געווען סיבות. אויף זיינע אויגן האָט מען געשאָסן זיין פרוי און צוויי קינדער... דאָס האָט ער מיר שפּעטער אַליין דערציילט. געהאַט האָט ער תמיד מיט זיך אַ בייטש, געפלאָכטן פון עלעקטרישע דראָטן. ער האָט אויף אונדז אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ מורא.

איך האָב אַ זאָג געטאָן צו מיין חבר שמאי:

— מיר זיינען גוט אַריינגעפאַלן.

די אַנדערע בלאָק־פירער זיינען אויך געווען אויסגעפּרעסענע ביקעס, אַטלעטן. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז באַלד וועלן זיך אָנהויבן די וואַלקעס אין דעם גרויסן צירק פון געשטרייפטע מענטשן... געווען זיינען מיר אין לאַגער 4000 מאַן, בלויז יידן. מען האָט אונדז איינגעטיילט צו גיין אויף מאָרגן צו דער אַרבעט. די פירמע צו וועלכער מען האָט אונדז צוגעטיילט האָט געהייסן „כעמישע־ווערקע״ (קאַנאַליזאַציע).

איך און שמאי ראָזענבלום זיינען געווען צוגעטיילט צו אַ בלאָק, וווּ דער בלאָק־עלטעסטער האָט געהייסן פישער — אַ יונגערמאַן פון דעמבין, אַ שוואַרצער, זייער אַ שיינער, און דערצו זייער אַ שטאַרקער. געהאַט האָט ער אין דער היים אַ געשעפט פון שניידער־צודאַטן. דאָ, אין וואָלפּס־בערג, האָט ער געהאַט א געשעפט פון העפטלינגע. מען האָט אונדז גלייך צוגעפירט צו אַ פיניש צעלטל. אין וואָלפסבערג זיינען אויך די ערשטע צייט נישט געווען קיין בלאָקן.

מיר זיינען אַריין אין דעם צעלטל. אויפמאַכנדיק די טיר האָט אונדז דער פאַרשטונקענער ריח אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. דער וואָס האָט אונדז צוגעפירט, האָט געמאָלדן דעם שטובן־דינסט, אַז מיר זיינען דאָ צוגעטיילט, און ער איז אַוועק.

דער שטובן־דינסט האָט אונדז געוויזן אַן אָרט ביי דער טיר: „דאָ וועט איר שלאָפן״. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט. איך האָב געזען אַזאַ בילד: אַ האַלבער קרייז פון צעלט איז געווען רונדיק. פון דער זייט ביי דער וואַנט זיינען געווען אויסגעלייגט דעקן. אונטער די דעקן — האָלץ־וואַטע. אין דער מיט פון צעלט איז געשטאַנען אַן אייוועלע, וואָס מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן, צי דאָס איז אַן אויוון, צי אַ טינדל. אויפן אויוון האָט אַן עמער מיט קרעמפּירן (קאַרטאָפל) זיך געקאָכט אין די שאָלן. ביים אויוון איז געשטאַנען אַ ריי, איינער הינטער דעם צווייטן, און געוואַרט אויף קאָכן די קאַרטאָפל. איבערן אויוון איז געהאָנגען אַ

שטריק אויף צו טריקענען וועש. און עס זיינען אראָפּגעהאָנגען צעריסענע, צעפּיצלטע שטיקער שמאַטעס. פון דער לינקער זייט איז געזעסן „אַ שניידער" און געמאַכט זיך אַ העמד מיט אַ פּאָר גאַטשעס פון פּאַפּיר. דאָס פּאַפּיר איז געווען פון צעמענט־זעק, און נישט יעדער האָט געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַזאַ פּאַפּיר, ווייל פאַר אַזאַ שטיק פּאַפּיר האָט מען געמוזט באַצאָלן מיט שטעקנס איבערן לייב. לעבן אים איז געזעסן אַ צווייטער און געגרייט זיין פרישטיק אויף מאָרגן. ער האָט געשניטן זיין פּאָרציע ברויט אויף צענדליקער שטיקער. אַנדערע האָבן זיך געאיילט אין מאַרק אַריין.

13

דער מאַרק אין וואָלפסבערג

אין לאַגער וואָלפסבערג איז די ערשטע צייט געווען אַ מאַרק מיט אַלע פּיטשעווקעס. איינער האָט געהאַט פּאַפּיר צו פאַרקויפן, דער צווייטער — שטריקלעך צוצובינדן די הויזן. מ׳האָט געטוישט ברויט אויף ציגאַ־רעטן, מאַרגאַרין אויף אַ זופּ. ס׳איז געגאַנגען אַ האַנדל אַפילו אין קלאָזעט. צוויי העפטלינגע זיצן דאָרט און מ׳האַנדלט. איינער האַלט אין דער האַנט אַ האַלב ברויט, דער צווייטער — ציגאַרעטלעך. דער וואָס האָט דאָס ברויט, וויל פיר ציגאַרעטן, דער צווייטער וויל נאָר געבן דריי. מען אַמפּערט זיך, מען מאַכט פאַרשיידענע גרימאַסן. פאַלט אַריין אַ קאַפּאָ, און דערלאַנגט מיטן פוס דעם פאַרקויפער פון ברויט. דאָס ברויט פאַלט אַרונטער אויף דער ערד און דער צווייטער וויל שוין אַפילו קיין דריי ציגאַרעטלעך אויך נישט געבן.

דער עולם פלעגט אַהיימקומען פון מאַרק שוואַרץ, מיט פּנימער, ווי זיי וואָלטן געקומען פון קוילנגרובן. וואַשן דאָס פּנים איז נישטאָ קיין צייט, און נישט קיין מוט. מ׳לייגט אַלץ אָפּ אויף שפּעטער.

דער שטובן־דינסט האָט זיך אַ ביסל באַפרייט פון דער אַרבעט ביים פאַרטיילן דאָס ברויט. און געזאָגט, אז באַלד וועט ער אונדז געבן האַלץ־וואַטע צום שלאָפן. מיר זיצן און וואַרטן אויף דער האַלץ־וואַטע. דער שטובן־דינסט איז אַן אונגאַר און אַלע וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט זיינען געווען אונגאַרער. ער האָט זיך געווענדעט אין אונגאַריש, אַז זיי

זאָלן אונדז געבן אַ ביסל האַלץ־וואַטע, איז געוואָרן אַזאַ געפילדער און אַזאַ קריגערייַ, ביז ער האָט געזאָגט איין וואָרט „פישער". דאַן זיינען אַלע שטיל געוואָרן און דער שטובן־דינסט האָט אונדז צוגעטראָגן אין דער האַנט אַ ביסל צעריבענע שטרוי און געזאָגט: „בעט זיך אויס און לייגט אייך שלאָפן".

מיין חבר שמאי האָט אויך געקראָגן אַזאַ „פּאָרציע" שטרוי. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם ביסעלע שטרוי. שלאָפן האָב איך נישט געקענט. די אַלע, וואָס זיינען געשלאָפן אַרום אונדז, האָבן עפּעס געמורמלט פון שלאָף. פון איינעם האָב איך יאָ געהערט אַ וואָרט, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרשטיין. „מאַמע, קינד מיינס"... אַ צווייטער שרייט אויס פון שלאָף: „ס'וועט קומען, ס'וועט קומען!..."

אין דער פרי דערציילט זיך איינער דעם צווייטן די חלומות, וואָס האָבן זיך אים געחלומט די נאַכט. איינער דערציילט וועגן אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד און אין אַ ווייסן קיטל אָנגעטאָן, וואָס פירט אַ ייִנגעלע ביי דער האַנט. פּלוצלינג שרייט איינער אויס: „מזל טוב, יידן, מזל טוב". דאָס איז דער ריכטיקער סימן, אַז נישט לאַנג, וועט מען באַפרייט ווערן, און יעדער איינער וועט קומען אַ היים צו זיין פאַמיליע — און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געוויין.

דעם גאַנצן טאָג איז די שטימונג געווען אַ גוטע. איינער האָט דעם צווייטן געווונטשן, אַז מען זאָל דערלעבן די גאולה, מען זאָל פּטור ווערן עמלקן.

די צייט לויפט און מיר איילן זיך צו שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ. מיר שטייען שוין צו פינף אין אַ ריי און אָט מאַרשירן מיר אַרויס דורכן לאַגער־טויער, קלאַפּנדיק מיט די פיס צום טאַקט. אַ נאַסער וועטער, און מיר טאַפּטשען אַזוי אין די בלאָטעס, ביז מיר קומען אָן צום פּלאַץ ווו מיר דאַרפן אַרבעטן. מיר זיינען גוט דורכגענעצט. מען טיילט אונדז איין אין פאַרשי־דענע גרופן און מען שטעלט אונדז אַוועק צו דער אַרבעט.

די אַרבעט, וואָס מען האָט אונדז צוגעטיילט איז געווען קאַנאַליזאַציע. ס'איז דער ערשטער טאָג, מען מוז זיך פלייסן, כדי נישט צו כאַפּן קיין קלעפּ. מיר קריגן אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן גראָבן אַכציק צענטימעטער טיף. מיר גראָבן און טראַכטן, טראַכטן און גראָבן. אַזוי טראַכטנדיק, טראַכט איך שוין ווידער צו מאַכן „טעאַטער". ווי אַזוי הייבט מען אָן?

אָנהייבן מוז מען ביי די בלאָק־פירער. קודם־כל מוז זיי געפעלן, און דאַן קאָן מען טראַכטן צו מאַכן אַן „אָוונט” פארן גאַנצן לאַגער.

ביים גראָבן אין דעם פוילן, נאַסן וועטער, האָבן אַלע אויסגעזען מוראדיק, מיט גרינע פנימער, איינגעבויגענע קערפּערס — נישט צו דערקענען איינער דעם צווייטן.

דער ערשטער טאָג אַרבעט איז אַדורך. אויף צוריקוועגס האָט זיך געשלעפּט דער קאַראַוואַן פון געשטרייפּטע, מידע, פאַרוואָרלאָזטע, צעבראָכענע מענטשן. צווישן זיי שלעפּ איך זיך אויך מיט מיין חבר. מען דאַרף מאכן „טעאַטער”, זאָג איך צו מיין חבר שמאי. דאָס איז דאָס ריכטיקע אָרט, ווו מיר וועלן קאָנען עפּעס אויפטאָן. אַ יידישער לאַגער מיט יידישע בלאָק־פירער, און כ׳האָף, אַז זיי וועלן אונטערשטיצן אונדזער פּלאַן.

מיר האָבן זיך פארשטענדיקט מיט אַ בלאָק־פירער, זיך אַ ביסל דורכגערעדט.ביידע צדדים האָבן פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך אין אַ לאַגער. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט אַנדערע בלאָק־פירערס, און היינט אין אָוונט וועלן מיר קאָנען אויפטרעטן.

דער „אָוונט” איז פאָרגעקומען ביים בלאָק־פירער פוטערשניט. פוטערשניט איז געווען אַ פּוילישער יונגערמאַן פון בענדין, פון פאַך אַ פערד־הענדלער. אַ נידעריקער, זייער אַ שטאַרקער, אַ בלאָנדער. זיינס אַ קלאַפּ האָט געקאָנט הרגענען אַ מענטש. אָט דער פוטערשניט איז געווען דער בלאָק־פירער פון אַ 700 מענטשן. יעדער מענטש האָט זיך נישט־ווילנדיק געמוזט פאַרזינדיקן, און דער, וואָס האָט זיך פארזינדיקט, דער האָט באַקומען טויטע קלעפּ. ער איז געווען אַ מייסטער פון געבן קלעפּ די שוואַכע, אויסגעדאַרטע העפטלינגע. ביי אים, הייסט עס, דאַרפן מיר היינט מאכן „טעאַטער”.

14

דער אויפטריט אין וואָלפסבערג

עס האָבן זיך פארזאמלט אַ ביסל בלאָק־פירער און אַנדערע שמשים ביים בלאָק־פירער פוטערשניט. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, איז שוין דאָס „פובליקום” געווען. מען האָט געפילט, אַז זיי זיינען אומגעדולדיק. זיי זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ יידיש וואָרט.

איך מיט מיין חבר שמאי נעמען זיך צו דער „אַרבעט". ס'פּובליקום זיצט אויף די בעטן, אויף דער ערד, יעדער נומער רופט אַרויס אַ זאַלפּ פון אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם איז אויפגערעגט און באַגייסטערט.

און דאַן האָט זיך געררודערט מיט אונדז אין לאַגער. נאָך דעם אָוונט האָבן זיי אונדז מכבד געווען מיט אַ ביסל עסן. וואָס הייסט עסן? פרעסן! מען האָט אונדז דערלאַנגט ברויט מיט פּוטער, און אַרויפגעלייגט שפּעק. כ'האָב אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און נישט געוווסט פון וועלכער זייט אָנצוהייבן עסן. אַזוינס האָבן מיר שוין לאַנג נישט געהאַט געזען, און אַפילו נישט געחלומט דערפון.

מיר נעמען זיך צו דער אכילה. מיין חבר שמאי איז געווען אַ בעסערער „פּאַכמאַן" ווי איך. וויפל איך האָב געגעסן, האָט ער געגעסן דריי מאָל אַזוי פיל. מיר האָבן זיך אָנגעפרעסן ביז צום פּלאַצן, אַז אַ היים האָט מען שוין נישט געקאָנט גיין. מיר האָבן צוזאַמענגענומען דאָס לעצטע ביסל כוחות און געגאַנגען אין אונדזער בלאָק, אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט שלאָפן. אונדזערע מאָגנס זיינען פול געווען מיט שפּעק און פּוטער, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט געזען. מיר זיינען געבעך געלאָפן אַ גאַנצע נאַכט...

מיר האָבן דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ שטעקן אין בלאָק. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צום אויפשטיין. מיר זיינען ווידער אַוועק צו דער אַרבעט, און ווידער די זעלבע פאַרשיידענע צרות ביי דער אַרבעט.

מיר גייען אַהיים און שלעפּן זיך מידע, מיר מוזן ווידער דורכגיין דאָס טויער און קלאַפּן מיט די פיס.

יעדן אָוונט כמעט האָבן מיר אַן אויפטריט. איין מאָל איז צו אונדז געקומען אַ דעלעגאַציע פון די שטיינברוך־אַרבעטער. זיי האָבן געאַרבעט אין די בערג און זיינען געווען פּריווילעגירט. יעדן חודש האָבן זיי באַקומען א צוטיילונג פון שפּעק, ווורשט, פּאַפּיראָסן, קעז, מאַרמאַלאַד. אויף זיי האָט מען געקוקט מיט אַנדערע אויגן, מען האָט זיי גערופן „נגידים".

די אַרבעטער־דעלעגאַציע האָט אונדז איינגעלאַדן, אַז מיר זאָלן קומען צו זיי און מאַכן אַן „אָוונט". זיי האָבן געזאָגט:

„דאָס איז דער ווונטש פון אַלע חברים, וואָס אַרבעטן אין די בערג־טונעלן".

דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. מיר

זיינען מסכים געווען און צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן קומען אין אַ טאָג אַרום. אַ טאָג שפּעטער זיינען מיר געגאַנגען אין בלאָק ווו עס ווינען די שטיינברוך־אַרבעטער. מיר האָבן זיי געגעבן אַ פיינעם ליטעראַרישן פּראָגראַם. זיי זיינען געווען זייער צופרידן. זיי האָבן באַדאַנקט פאַר דעם „אָוונט" און אונדז איינגעלאַדן עסן צוזאַמען מיט זיי דאָס אָוונטברויט. נאָכן עסן האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט וועגן יעדן איינעם נומער. מען האָט דיסקוטירט וועגן יעדן דיכטער באַזונדער. מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אָוונט, וואָס איז געבליבן לאַנג, לאַנג אין זכרון.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס ווילדע געיעג פון די בלאָק־עלטעסטע מיט די קאַפּאָס; דאָס צוויי־שעהדיקע שטיין אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ, דאָס ווילדע חיהשע שרייען פון די ס.ס. דאָס שלאָגן מיט די גומעס איבער די קעפּ. דאָס האָט אונדז געמאַכט פאַר אויס מענטש; בלויז שאָטנס, ביינערדיקע פיגורן אין שטרייפן, האָבן זיך באַוועגט אויפן אַפּעל־פּלאַץ.

מיר האָבן געמוזט אַרויסמאַרשירן דורכן גיהנום־טויער, ווו מען האָט געדאַרפט הייבן די פיס און קלאַפּן צום טאַקט. און ווער איז בכוח געווען דאָס צו טאָן? יעדער פוס האָט געוווֹיגן אַ פּוד...

מיר שטייען שוין ווידער אין גרוב און גראָבן שוין אַ מעטער פופציק די טיף. די קאָמיסיעס קומען יעדן טאָג און באַשטעטיקן, אַז מען דאַרף גראָבן נאָך טיפער. אַזוי איז עס דערגאַנגען ביז פיר און אַ האַלבן מעטער די טיף.

די קאָמיסיעס, וואָס זיינען געקומען צו אונדז אויף קאָנטראָל, זיינען באַשטאַנען פון יענע בלוטיקע פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך געדעקט מיט אונדזער אַרבעט, כדי נישט צו גיין אויפן פראָנט. אין דער אמתן זענען דאָס אַלץ געווען פוסטע זאַכן. מען האָט נישט געדאַרפט גראָבן; מען האָט נישט געדאַרפט קלאַפּן קיין שטיינער, מאַכן קאַנאַליזאַציע, פירן שטיינער, שיטן זאמד און שניידן גראָז צוזאַמען מיט דער ערד. דאָס אַלץ איז געווען איבעריק. מ'האָט געדאַרפט נאָר איין זאַך — מוטשען, פייניקן די צעבראָכענע מידע גופים.

ביי דער אַרבעט בין איך געווען אַ „ספּעץ" פון שפּאַלטן שטיינער. כ'האָב געמוזט די שטיינער קלאַפּן אין שטיקער און אַרויסוואַרפן פון די גראָבנס. דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט.

ביי דער אַרבעט פלעג איך רעדן מיט מיינע לאָדזשער באַקאַנטע וועגן אינטימע ענינים, אַז מען האָט אַמאָל געהאַט אַ היים — אַ פרוי, אַ קינד, אַ מאַמע, אַ טאַטן... טייל מאָל האָט מען נישט געפילט, אַז דאָס וואַסער אין גרוב דערגרייכט שוין ביז די קני. בלויז איינצלנע פון אונדז האָבן באַקומען גומענע שטיוול. אָבער די מערהייט האָט נישט באַקומען. מיר זיינען צעבראָכענע, מידע, שמוציקע אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט.

מיר האָבן געהאַט אַן „אָונט" אין רעוויר, ביי די קראַנקע. ס'זיינען געקומען צו לויפן מענטשן פון אַנדערע בלאָקן, אָבער זיי זיינען געשטאַנען הינטער די פענצטער, ווייל אין רעוויר פלעגט מען נישט אַריינלאָזן. מיר האָבן געזונגען, רעציטירט, געמאכט קאָמישע דיאַלאָגן. די קראַנקע האָבן זיך מחיה געווען.

נאָך יעדן אָונט האָב איך געמוזט קאָפּירן די בלאָק־פירער. די געלעכטערס זיינען געווען גרויס. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז די בלאָק־פירער האָבן זיך נישט באַליידיקט. פאַרקערט, זיי האָבן געבעטן, איך זאָל זיי קאָפּירן. ס'איז שוין געווען ביי זיי אַ מאָדע, אַז נאָך יעדן „אָונט" אין לאַגער, האָב איך געמוזט קאָפּירן אַ בלאָק־פירער. זיי, די אויסגעפּרעסענע בלאָק־פירער, פלעגן לאַכן ביז טרערן. אָבער כאָטש די בלאָק־פירער זיינען געווען פון אונדז צופרידן, דאָך האָבן זיי פאַרגעסן אונדז איינצו־אָרדענען ביי אַרבעט אין לאַגער.

כ'האָב זיך נישט געשעמט פאַר די „פריצים". איך האָב געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי דאַרפן אונדז איינאָרדענען אויף אַרבעט אין לאַגער, כדי מיר זאָלן נישט דאַרפן יעדן טאָג זיך שלעפּן אין די בלאָטעס און שטיין אין די גרובנס, ווו דאָס וואַסער גרייכט ביז צו די קני. אפנים, אַז די ווערטער מיינע זיינען דערגאַנגען צו זייערע קאַלטע, פאַרשטיינערטע הערצער. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט איינצואָרדענען אויף אַרבעט אין לאַגער.

איך מוז דערמאָנען צום גוטן אַ יידישן קאַפּאָ פון וואָלפסבערג, משה זאָנבערג, וואָס האָט געאַרבעט אין קיך. געשטאַמט האָט ער פון ראַדאָם, פּוילן, פון פאַך — אַ בעקער. ער האָט געטאָן זייער אַ סך גוטס פאַר די יידן אין לאַגער וואָלפסבערג. ער האָט געזאָרגט, אַז פרומע יידן זאָלן האָבן כשר עסן, אַז קראַנקע זאָלן באַקומען עפּעס גוטס אויף צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. בכלל האָט ער געטאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען. ווען די לאַגערס וואָלטן געווען געהאַט מער אַזעלכע יידישע קאַפּאָס, וואָלטן אַ סך יידן געבליבן לעבן.

ביים איבערזידלען דעם לאגער וואָלפסבערג איז ער אַוועק מיט אַ טראנספּאָרט פון זיבן הונדערט מאַן. מען האָט זיי געשיקט אין דייטש־לאַנד, אין אַ וואַלד אריין. אויף ארבעט זיינען זיי נישט געגאַנגען. זיי זיינען דאָרט געווען אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען אויסגעשטאָרבן. משה זאַנבערג איז דאָרט טראגיש אומגעקומען. ער האָט אַזוי פיל מענטשן געהאָלפן מיט עסן און אַליין איז ער משוגע געוואָרן פון הונגער און זיך אויפגעהאָנגען. דאָס איז געווען דער סוף פון אַ טייערער, גוטער נשמה.

15

נייע פנימער

אין אַ שיינעם טאָג האָט מען אונדז אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מיר וועלן איינגעאָרדנט אין לאַגער אויף אַרבעט. מיך האָט מען צוגעטיילט צו קלאָפּן טשוועקעס אויף די הילצערנע שיך. אָט די אַרבעט איז שוין געווען אין אַ וואַרעמען צימער. שמאי ראָזענבלום איז געווען צוגעטיילט אין דער קיך. אונדזער לאַגע האָט זיך קאָלאָסאַל פאַרבעסערט צום גוטן, און יעדער איינער פון אונדז האָט שוין געקאָנט אַ צווייטן מיט עפּעס וואָס העלפן. אין דעם ווערקשטאַט, וווּ איך האָב געקלאַפּט די נעגל, איז דער שעף געווען פישער. וועגן אים האָב איך שוין פריער דערמאָנט. פישער האָט מיך אין זיינער צייט געזען שפּילן אין „אַראַראַט"־טעאַטער אין לאָדזש. כ'האָב געפונען חן ביי אים אין די אויגן און ער האָט פאַר מיר זייער אַ סך געטאָן. ער איז אויך געווען שעף פון מאַגאַזין־באַקליידונג. אַ צייט שפּעטער האָט ער מיך אַריינגענומען אין מאַגאַזין.

מיין חבר שמאי האָב איך געטראָפן אין קיך מערערע מאָל ביי אינטע־טערעסאַנטע סצענעס. אָט, למשל, שטייט ער מיט אַ שמאַטע אין האַנט, וואַשט דעם קעסל, און דערביי אימיטירט ער פאַרשיידענע חיות. פאַרשטייט זיך, אַז דעם קוכן־שעף איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן, און די אַרומיקע אַרבעטער אין קיך האָבן זיך זייער געפרייט מיט דעם נייעם חבר, וואָס פאַרשאַפט זיי גרויס פאַרגעניגן.

ס'האָבן אָנגעהויבן צוקומען מענטשן פון פאַרשיידענע אַנדערע לאַגערס. צווישן זיי האָבן זיך געפונען די ברידער טאַבאַקסבלאַט — י. טאַבאַקסבלאַט,

וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס בוך „חורבן־לאָדזש", און זיין ברודער, דער שול־דירעקטאָר פון לאָדזשער געטאָ.ביידע זיינען זיי געווען אין רעוויר. דאָס זיין אין רעוויר איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע זאַך. זיי זיינען געווען זייער אויסגעמאַטערט. דאָרט האָבן זיי זיך אויסגערוט און געקומען אַ ביסל צו די כוחות.

אין לאַגער איז אויך געווען אַ געוויסער שלום ברוינער, זייער אַן אינטערעסאַנטער בחור. כ'האָב שוין כמעט דורכגעפירט ביי די בלאָק־פירער, אַז שלום ברוינער זאָל האַלטן אַ רעפעראַט פאַר אַן ענגער גרופּע מענטשן, און גלייכצייטיק זאָלן מיר אויך אָנטיילנעמען. דער אָוונט איז נישט צושטאַנדגעקומען. מען האָט אונדז געוואָרנט, אַז אַזאַ „רעפעראַט" קאָן אונדז צו טייער קאָסטן — מען קאָן אונדז אַלעמען אַוועקשיקן אויף דעם ריכטיקן אָרט...

ס'איז געקומען אַ פאַראָרדענונג פון לאַגער־פירער, אַז איך זאָל צוגרייטן זונטיק אַ פאָרשטעלונג אונטערן פרייען הימל. דאָס איז געווען אין דעצעמבער. די פאָרשטעלונג האָט מען געדאַרפט מאַכן הינטערן פענצטער, ווו דער לאַגער־פירער האָט געוווינט. אין דרויסן איז געווען זייער אַ שטאַרקער פראָסט. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן אַפּעל־פּלאַץ און מיר זיינען אַלע געווען פאַרשטייפט פון קעלט. אָנטיילגענומען האָבן: מיין חבר שמאי, איך, אַ פּאָר גריכן, וואָס האָבן געמאַכט צירק־נומערן, און איינער מיט אַ האַרמאָשקע. דאָס איז געווען דער אַקטיאָרן־אַנסאַמבל.

מיר האָבן זיך גענומען צו דער „פאָרשטעלונג". דער לאַגער־פירער איז געזעסן אין פענצטער. אַ האַלב פענצטער איז געווען אָפן, קענטיק אַז ס'איז אים געווען צו הייס. ער האָט געהאַלטן אַ גרויסן עפּל אין זיין חזירישער מאָרדע און געביסן. מיר האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. כ'האָב געפילט, אַז איך קום אום. כ'האָב אָבער געזונגען, און געטאַנצט, און געזאָגט וויצן. אַזוי האָט ער געוואָלט...

לעבן זיין מאָרדע האָט פון פענצטער אַרויסגעקוקט זיין הונט. דער הונט איז יעדן איינעם געווען גוט באַקאַנט. מען האָט אים אויך געפילט פון צייט צו צייט, — דורך אַ ביס, אַ ריס און אַזוי ווייטער...

דער לאַגער־פירער מיט זיין באַגלייטער דעם הונט זיינען געווען זייער צופרידן. דער לאַגער־פירער האָט נאָך דער פאָרשטעלונג פאַראָרדנט,

אַז אַלע זאָלן מיר אָנהייבן זינגען. ס׳איז געוואָרן א קוויטשעריי פון פּאַר־שיידענע קולות. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז מען געפינט זיך אין אַן אָרט, ווו מען שלאָגט הונדערטער קעץ. כ׳האָב זיך געמאַכט „קאָמיטשנע״ און דער לאגער־פירער האָט געשריען: — אך, דער שווארצער, מיט דער לאַנגע נאזע...

אין וויכטיקע זאַך איז געווען ביי אונדז אין לאַגער: מען האָט אונדז נישט געהאָנגען, נישט געשאָסן, נאָר געגעבן שמיץ. די ערשטע צייטן, מוז איך באַמערקן, האָב איך מיט שמאי געהאָט אַ געוויסן איינפלוס אויף זיי. כ׳האָב געזאָגט צו די בלאָק־פירער:

— איר זייט דאָך די באַלעבאַטים פון לאַגער, שטעלט אָפּ דאָס שלאָגן. גיט דעם לאַגער־פירער אַ בריליאַנט, אַ גאָלדענעם זייגער, וועט ער אויפהערן.

נאָך דעם שמועס איז געווען אַ געוויסע צייט רויק אין לאַגער. די סיבה דערפון איז אויך, ווייל די בלאָק־פירער האָבן זיך צווישן זיך געביסן.

ס׳איז געווען אַ בלאָק־פירער יאַסאַן, איינער פון די גרעסטע פאַרברע־כערס. האָט ער איין מאָל אָנגעהויבן שלאָגן אַ גריך. ער האָט אים געשלאָגן ביז האַלב־טויט. ער איז אַפילו געווען באַשטראָפט שטילערהייט מיט דריי טעג נישט פאַרוואַלטן מיט זיין בלאָק. לאַנג האָט נישט געדויערט דאָס אויפהערן שלאָגן. די בלאָק־פירער האָבן אינטריגירט איינער קעגן צווייטן און געליטן האָבן מיר.

16

שאָנונגס־בלאָק

ביי אונדז איז אויך געווען, חוץ דעם רעוויר, אַ שאָנונגס־בלאָק, ווו עס האָבן זיך געפונען מענטשן דערשעפּטע אין כוחות. פון צייט צו צייט, ווען עס איז געווען א געוויסע צאָל מענטשן אין שאָנונגס־בלאָק, האָט מען זיי אַוועקגעפירט...

איין מאָל האָב איך געזען אַ סצענע, וועלכע האָט מיך אויפגעטרייסלט. מען איז געקומען נאָך די מענטשן אין שאָנונגס־בלאָק. די מענטשן זיינען געווען איינגעהילט אין דעקעס. בלויז הויט און ביינער, קיין פלייש איז

אויף זיי נישט געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שאָנונגס־בלאָק זיינען זיי מיט געוויינען, מיט געשרייען: „אוי, ווײ, אוי ווײ! וווהין פירט מען אונדז, רבונו של עולם?".

און אַזוי האָבן ארויסמארשירט די האלב־טויטע. מען האָט זיי אויפ־געלאָדנט אויף די מאשינען און זיי זיינען פאַרשווונדן.

עטלעכע טעג האָב איך זיך נישט געקאָנט באפרייען פון בילד, פון די ביינערדיקע מענטשן מיט די דעקעס איבער די קעפּ. ס'האָט מיר כסדר געקלונגען אין די אויערן „אוי ווײ! וווהין פירט מען אונדז?".

אָבער באַלד זיינען געקומען פרישע קרבנות אין שאָנונגס־בלאָק. אויך די זיינען שפּעטער געגאנגען אויף דעם זעלבן וועג, ווי די פריער־דיקע...

אין רעוויר האָב איך אמאָל בייגעוווינט אן אָפּעראציע ביי אַ קראַנקן. פיר פלעגער האָבן אים געהאלטן ביי די הענט און די פיס, און דער דאָקטאָר האָט געשניטן שטיקלעכווייז. אַזעלכע קראַנקע האָב איך נאָך אויף מיין לעבן נישט געזען: אויסגעדארט ווי די שטעקעלעך, די קערפּערס פול מיט פלעגמאָנאַ. אַ סך זיינען געווען אין גאַנצן צעפוילט. עס זיינען געווען קראַנקע מיט לעכער אויפן קערפּער, אויסגעפרעסענע פון לייז.

יעדן טאָג האָב איך געוואַרט, אַז דער עולם זאָל שוין קומען פון דער אַרבעט, זיי האָבן אָפט געבראַכט די נייעס, אַז נישט לאַנג וועט דויערן, און מיר וועלן זיין פריי. זיי האָבן דערציילט, וועגן אַ מאָדנער דערשיינונג: די דייטשן וואַרפן אונטער פּעקלעך עסנווארג.

אָפט זיינען מענטשן געקומען מיט גרויס פרייד: „היינט האָב איך באַקומען פון אַ דייטשקע ברויט מיט פוטער און קעז", „און איך האָב באַקומען ברויט מיט מארמאָלאד און אַ פּאָר ציגארעטלעך".

די צייט איז געגאַנגען שנעל. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן הערן די באָמבעס פון ברעסלאו (וורצלאוו). מיר זיינען געווען 60 קילאָמעטער פון ברעסלאו.

מ'האָט שוין אָגעהויבן רעדן אין לאַגער וועגן איבערשיקן אונדז. מען האָט פאקטיש אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אָנגעהויבן זיך צוגרייטן צום טראַנס־פּאָרט. יעדער איינער האָט גענומען פּאַקן זיינע שמאַטעס און זיך פאַרשאַפט אַ שטעקן צום אָפּמארשירן. מען האָט אויך באקומען א ביסל פּראָוויאַנט אויפן וועג.

17

דער אַרויסמאַרש פון וואָלפסבערג

מיר מאַרשירן. מיר גייען מיט זייטיקע וועגן. עס ווערט אונדז זייער שווער אויף דער נשמה. מיר קומען אַרויף אויף אַ באַרג און מ׳הייסט זיך אָפּרוען. מען רוט אַ ביסל און מען גייט ווייטער. שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר געקומען אין אַ דאָרף. דאָרט זיינען מיר אַריין אין אַ שייער. צו מאָרגנס האָט מען באַנייט דעם מאַרש ביז מיר זיינען צוגעקומען צום שטעטל שיינבערג.

אַ קליין שטעטל. מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט. הינטער דער שטאָט איז געווען אַ גרויסע שפּינעריי. אַהין האָט מען אונדז אַריינגעפירט. ביים אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען די פּאָסטנס און אונדז געציילט. פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט אַ געוואַלד ביים אַריינגאַנג צו דער שפּינעריי. צו מאָרגנס האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס זיינען דאָ אַ סך צעשטאָכענע מענטשן. די פּאָסטנס האָבן געשטאָכן די מענטשן ביים אַריינגאַנג.

אין שפּינעריי איז געלעגן אויף דער ערד אַ סך שטרוי. אין דער פינצטער האָט יעדער געכאַפּט פון דער ערד אַ ביסל שטרוי און געמאַכט זיך אַ געלעגער. די געשרייען זיינען געווען גרויס. מען איז געפאַלן איינער איבערן אַנדערן. דאָרט זיינען אויך געלעגן גרויסע רערן פון די מאַשינען. די מענטשן זיינען דאָרט אַריינגעקראָכן זיך לייגן שלאָפן, און אַזוי זיינען זיי אָן כוחות דאָרט געבליבן ליגן.

צו מאָרגנס ביים אַפּעל האָבן שוין געפעלט אַ 30 ביז 40 מענטשן. מען איז אַריין זוכן די מענטשן אין שפּינעריי. אַ טייל האָט מען געפונען צווישן שטרוי און אַ טייל אין די רערן. מען האָט אַרויסגעשלעפּט די מתים, און זיי געלייגט אָן אַ זייט.

נאָכן אַפּעל האָט שוין א גרופּע געגראָבן אַ גרוב פאַר די מתים.

ס׳איז געווען זייער אַ קאַלטער טאָג. קיין וואַסער האָבן מיר נישט געהאַט. אַלע זיינען געווען שוואַרץ ווי קויל, נישט צו דערקענען. יעדן טאָג, ווען מען איז אַרויס צום אַפּעל, האָבן געפעלט פון 20 ביז 30 מאַן. מיט אונדז זיינען דעמאָלט געווען אַ סך גריכישע יידן. זיי זיינען געפאַלן ווי די פליגן. פּוילישע יידן האָבן זיך בעסער געקאָנט האַלטן.

אין דער שפּינעריי האָט מען געקאָנט זען גרויל־בילדער. ווי צום

ביישפּיל: איינער שרייט: „מען האָט מיר מיינע שיך צוגעגנבעט". דאָס האָט פּאסירט מיט מיין חבר שמאי. ער איז דעמאָלט געווען אין א צווייטער זייט שפּינערייי. האָט ער געבעטן זיין שכן: „אפשר האָט איר אַ פּאָר שיך? מען האָט מיר מיינע שיך צוגעגנבעט". דער שכן ענטפערט: „כ'וועל איידך באַלד ברענגען". ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין טויט, און געוואָלט אַראָפּנעמען פון אים די שיך. האָט זיך דער פוס אָנגעהויבן באַוועגן. ווי ער וואָלט געזאָגט „איך לעב נאָך"...

אַ צווייט בילד: צוויי מענטשן ארומגענומען — ביידע טויט.

ביים אַרויסגיין און ביים אריינגיין צום אַפּעל, זיינען שטענדיק געפאַלן קרבנות. זיי זיינען געוואָרן צעטראָטן דורך די אַריינגעיאָגטע מענטשן.

דאָרט זיינען מיר געווען א וואָך צייט. אין דער רעכטער זייט, אומגעפער אַ 10 ביז 12 קילאָמעטער, איז געווען דער מאסן־גרוב פון אונדזערע מענטשן, וואָס זיינען געפאַלן אין שיינבערג.

מיר גרייטן זיך ווייטער אין וועג אַריין. מיר גייען אַרויס אויפן אַפּעל־פּלאַץ און מען שניידט אָפּ 700 מענטשן און מען שיקט זיי אַוועק. צווישן די 700 מענטשן געפינען זיך אויך איך מיט מיין חבר שמאי. אין לעצטן מאָמענט האָט מען אונדז אַרויסגענומען. ווי איך האָב שוין אויבן געשריבן, האָט מען די 700 מענטשן אַוועקגעפירט קיין דייטשלאַנד. און אַריינגעפירט זיי אין אַ וואַלד; זיי האָבן נישט געאַרבעט, און אויך נישט געקראָגן קיין עסן. און אַזוי זיינען זיי אַלע טראגיש אומגעקומען.

מיר זיינען געבליבן שטיין אויפן אַפּעל־פּלאַץ און געוואַרט אויף אַ באַפעל. ענדלעך איז ער געקומען: מיר גייען אויף מאטהויזן.

18

אָפּענע וואַגאָנען

מיר האָבן ווידער מארשירט. שפּעט אין אָוונט זיינען מיר צוגעקומען צו אַ באַן־סטאַנציע. דאָרטן האָט מען אונדז אַזוי מוראדיק געשלאָגן ביים פאַרטיילן דאָס ברויט, אַז מיר האָבן שוין אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם חשק עס צו נעמען. דערהאַלטנדיק דאָס ברויט, האָט מען אונדז אַריינ־

געפירט אין אָפענע וואַגאָנען, צו 60 ביז 70 מאַן אין אַ וואַגאָן. מיר האָבן זיך צונויפגעקוועטשט איינער צום צווייטן, אַרויסגענומען די דעקן און אַריבערגעצויגן איבער די קעפּ. מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, געקוקט אין אַלע זייטן און דערקענט דאָס זעלבע אָרט ווו מען איז איינגעשטיגן. ס'האָט געמאכט דעם איינדרוק, אַז מיר פאָרן אַהין און צוריק. און מען איז אויף דעם זעלבן אָרט.

כ'האָב זיך ווידער פארדעקט מיט דער דעקע און אַריינגעקוועטשט זיך אין דער מאסע, וואָס איז געווען באַצויגן מיט איין גרויער דעק פון איינצלנע דעקן. דאָס צווייטע מאָל ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך שוין געזען אַ צווייט בילד: די גרויע דעקע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שניי־דעקע. דער שניי איז זייער צו נוץ געקומען — כ'האָב געהאַט אַ שטאַרקן דורשט און זיך מחיה געווען מיט אַ ביסל שניי...

כ'בין ווידער איינגעשלאָפן און אויפגעכאַפּט זיך אין אַ צייט אַרום. אַ פינצטערניש, מיר שטייען אויף זייער אַ ברייטן טאָר. די מאַסע אין די וואַגאָנען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פינצטערקייט פון דער נאַכט.

איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ און זע, ווי עפּעס אַ פלעק דערנעענטערט זיך צו מיר. איך קוק זיך גוט צו, זע איך ווי עס דערנעענטערט זיך מיט שטילע טריט דער מאַשיניסט פון דעם צוג. ער ווענדעט זיך צו מיר מיט שטילע ווערטער און פרעגט: — וואָס איזט דאָ?

ענטפער איך אים אויך שטיל:

— לויטע.

ער קריכט אַרויף, קוקט אַריין אין וואַגאָן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט: „יאַ, יאַ".

איך בעט אים, אַז ער זאָל מיר ברענגען אַ ביסל וואַסער צום טרינקען. ער נעמט פון מיר מיין טעפל, ברענגט מיר וואַרעם וואַסער און פאַרשווינדט.

מיר זיינען געפאָרן ווייטער. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס איז דער וועג אויף טשעכאָסלאָוואַקיע. מיר זיינען געבליבן שטיין ביי די סקאָדאַ־פאַבריקן. די אַרבעטער פון די פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז זיך דערנעענטערן צו אונדז, און יעדער האָט געבראַכט זיין

פעקל עסן. זיי האָבן דאָס עסן געוואָרפן צו אונדז אין די וואַגאָנען אַריין.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך בילד, וואָס מען קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. צווישן די פאָסטנס און די סקאָדאַ־אַרבעטער זיינען פאָרגעקומען קליינע שטרייט־סצענעס. אָבער צו קיין ערנסטע אינצידענטן איז נישט געקומען. אין דעם זעלבן מאָמענט איז אָנגעקומען אַן עסקאַדרע באָמבאַרדירער. מען האָט אָנגעהויבן אַרויפשיסן צו זיי. ס'איז געוואָרן אַ שטאַרקע צערודערונג.

איך האָב געטראַכט: זאָל מען שוין אָנהויבן באָמבאַרדירן, זאָל שוין נעמען אַ סוף. די מענטשן האָבן זיך גענומען קאָרטשען איינער צום צווייטן. פון די וואַגאָנען האָט מען נישט געקאָנט לויפן. דאָס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט. די טויטשרעק איז אַוועק. די אַרבעטער פון די סקאָדאַ־פאַבריקן, פרויען און מענער, האָבן נישט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון אונדזערע וואַגאָנען. ווען מיר זיינען שוין אַוועקגעפאָרן, זיינען זיי נאָך אַלץ געשטאַנען און געקוקט אין דער ריכטונג ווו דער צוג איז אַוועק.

19

סטאַראַ־פאַקאַ

מיר זיינען אָנגעקומען קיין טשעכן אין אַ שטעטל סטאַראַ־פאַקאַ. מיר זיינען אַ געוויסע צייט געשטאַנען אויפן וואָקזאַל. פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן מענטשן. מ'האָט געבראַכט קערב מיט עפּל, ברויט און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן און אָנגעהויבן וואַרפן די פּראָדוקטן אין די וואַגאָנען. די טשעכן האָבן זיך געשלאָגן מיט די פאָסטנס. און דערווייל האָבן אַנדערע געוואָרפן פעקלעך צו אונדז. די מענטשן אין וואַגאָן האָבן זיך געשטויסן, געריסן זיך איבער אַ פעקל. דאָס פּעקל איז צעריבן געוואָרן אויף ברעקלעך, און דער עולם האָט זיך ווייטער געשלאָגן איבער די ברעקלעך.

ס'איז געוואָרן אַ צו־גרויסער טומל אויפן וואָקזאַל, און די ס. ס. האָבן געגעבן אַ באַפעל אָפּצופאָרן. אַנטקעגן איז אָבער אָנגעקומען אַ פאַסאַזשיר־צוג. אַלע מענטשן פון די וואַגאָנען האָבן אָנגעהויבן ווילד

שרייען: ברויט, ברויט! די פּאַסאַזשירן פון קעגנאיבערדיקן צוג האָבן אַרויסגעוואָרפן עסנוואַרג; די פרויען פון צוג האָבן געוויינט.

מיר זיינען געפאָרן ווייטער. מיר האָבן געדאַרפט דורכפאָרן אונטער אַ בריק. אויף דער בריק זיינען געשטאַנען מענטשן און אויך געוואָרפן פּעקלעך דירעקט אין די וואַגאָנען. אַזאַ וואַרעמקייט און אַזאַ מסירת־נפשדיקייט האָט אונדז אַרויסגעוויזן דער טשעכישער מענטש.

דעם טאָג איז גראָד אויסגעפאַלן פּורים.

ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט, האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּע־רייען. די געזונטע האָבן זיך אַן עצה געגעבן ביים כאַפּן אַ פּעקל, די שוואַכע אָבער זיינען צעקוועטשט געוואָרן.

איינער אַ האַלב־טויטער, און דער צווייטער, אויך שוין אַ נוטה למות, שטרייטן צווישן זיך.

ערשטער: „פאַרוואָס האָסטו צוגענומען מיין ברויט?"

צווייטער: „און פאַרוואָס האָסטו מיין דעקע געוואָלט צונעמען?"

ערשטער: „איך מאַך דיך טויט" — ער וויל אויפהייבן די האַנט און קאָן נישט.

צווייטער: „ביי מיר ביסטו שוין טויט".

און ביידע פאַלן...

פון דער צווייטער זייט אַ קופּע הענט, פיס, קעפּ, אַלע שלאָגן זיך. איך פרעג זיך: „וועמען שלאָגט מען"? אַ שוואַכע שטים ענטפערט: „מ'שלאָגט זיך נישט. מען זוכט ביי אים די פּאַרציע ברויט. ער איז געשטאָרבן".

די מתים האָט מען צוגערוקט צו דער וואַנט פון וואַגאָן. אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט ביז מאַטהויזן.

מיר שטייען אויף דער סטאַנציע מאַטהויזן. דאָס איז געווען דעם צענטן יאַנואַר 1945. מיר זעען ווי עס גייען אַוועק אַ פּאָר מאַן פון די ס. ס. עס דויערט אַ שטיקל צייט, און די ס. ס. קומען צוריק צוזאַמען מיטן דעם לאַגער־פירער פון מאַטהויזן, באַגלייט פון אַ גרויסן הונט. ער מאַכט אַ שטיקל אינספּעקציע איבער די וואַגאָנען און זאָגט, אַז פאַר אונדז האָט ער נישט קיין פּלאַץ. אפשר, אַז דאָס „מאַטעריאַל" איז אים נישט געפעלן געוואָרן.

מען האָט אונדז געפירט ווייטער צו אַן אומבאַשטימט אָרט און צוריקגעפירט, ביז מען האָט אונדז געבראַכט צו דעם באַרימטן פאַרניכ־טונגס־לאַגער עבענזע.

20

עבענזע

דעם 10־טן יאַנואַר זיינען מיר אַהין אָנגעקומען. אויפן וואָקזאַל האָבן שוין געוואַרט די מערדער פון עבענזע־לאַגער. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן שלאָגן און שרייען: „אַרונטער מיט דער שייסע". מ'האָט אָנגעהויבן וואַרפן די טויטע פון די וואַגאָנען. מיר האָבן געקראָגן דעם ערשטן ברוך־הבא מיט שטעקנס איבער די אויסגעמאַטערטע קערפּערס. דאָס בלוט האָט זיך פון אונדז געגאָסן נאָך איידער מען איז אַריין אין לאַגער.

מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן. צום לאַגער איז געווען עטלעכע קילאָמעטער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די ריזיקע בוי־שטעלעס פון עבענזע. דער געוואַלדיקער רויש פון די מאַשינען האָט אונדז פאַרטויבט. דאָס טויער האָט זיך אויפגעמאַכט און די פאַרברעכער פון עבענזע האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז. דאָס זיינען געווען די בלאָק־פירער, קאַפּאָס, שרייבער. די אויגן זייערע האָבן געלויערט נישט אַזוי ווייט אויף אונדז, ווי אויף אונדזערע קליידער; אַרויסגייענדיק פון וואָלפסבערג זיינען מיר געווען גוט אָנגעטאָן.

מ'האָט אונדז געציילט און אָנגעהויבן צופירן צו דער קרעמאַטאָריע. דאָרט האָט זיך געפונען די באָד־אַנשטאַלט. מען האָט געמוזט שטיין און וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט ביז עס איז אָנגעקומען די ריי זיך צו באָדן.

אין דער זעלבער נאַכט איז געפאַלן אַ שטאַרקער שניי. די קופּעס מענטשן זיינען געלעגן אונטערן שניי. מיר זיינען געווען פולשטענדיק דערשעפּט און פשוט נישט געוווסט ווער עס לעבט און ווער עס איז טויט אונטערן שניי. די קופּעס האָבן זיך געמערט, ווייל מען האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ בחור,

געהאַלטן דעם האַלב־טויטן טאַטן אונטער די אָרעמס און גערעדט צו אים:

— טאַטע, טאַטע, לעב... ווו לאָזט דו מיך?

דער בחור אַליין איז קוים געשטאַנען אויף די פיס. ער האָט געפּרוווט דעם טאַטן אויפשטעלן, אוןביידע זיינען זיי געפאַלן אין שניי; נאָך אַ קופּע איז צוגעקומען...

לעבן מיר איז אויך געווען מיין חבר שמאי ראָזענבלום. ער האָט געלעקט דעם שניי פון מיין קאָץ. אין טראַנספּאָרט זיינען מיר נישט געווען צוזאַמען, ער איז געווען אין אַ צווייטן וואַגאָן. דאָ, אין עבענזע, האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן.

— שמאי, וואָס לעקסטו? — האָב איך געפרעגט.

— ס׳דורשט מיך...

אונדזער ריי אין באָד איז געקומען שפּעט אין דער נאַכט. אַנדערע זיינען געשטאַנען ביז אין דער פרי. אין באָד האָט מען אונדז צוגענומען אַלע זאַכן און מיר זיינען געבליבן אדם נאַקעט.

מיר זיינען געוואָרן צוגעטיילט צו אַ בלאָק. דער בלאָק־פירער איז געווען אַ רייכס־דויטש, אַ הינקענדיקער. אַן אמתער מאָנסטער. זיין אייגענע פאַמיליע פון זעקס פּערזאָן האָט ער אַליין אומגעבראַכט.

ער פלעגט אַריינקומען אין בלאָק און שרייען: „רוע". ווען ס׳איז נישט שטיל געוואָרן, פלעגט ער אַרויסנעמען די פיסלעך פון די בענק־לעך און אַזוי לאַנג שלאָגן, ביז דאָס האָלץ אויפן קאָפּ האָט זיך צעבראָכן. מערסטנטייל האָט ער געשלאָגן איבערן קאָפּ.

אין עבענזע איז געווען אַן איזאָלאַציע־בלאָק. אין דעם בלאָק זיינען מיר געווען צוויי וואָכן. שפּעטער האָט מען אונדז צעשיקט אין געוויינ־לעכע בלאָקן. ביז אונדזער קומען זיינען נישט געווען אין עבענזע קיין ספּעציעלע יידישע בלאָקן, ד. ה. פון יידישע העפטלינגע. ערשט ווען מיר זיינען געקומען האָט מען געשאַפן פיר יידישע בלאָקן מיט יידישע בלאָק־פירער.

21

בלאָק 19

איך מיט מיין חבר שמאי ראָזענבלום האָבן ווידער געהאַט מזל אַ דאַנק אונדזער טעאַטער־שפּילן.

איך בין געוואָרן נאַכטוועכטער. מיין אַרבעט איז געווען צו היטן ביינאַכט אין בלאָק. שמאי איז געוואָרן צוגעטיילט צו אַ צווייטן בלאָק. זיין אַרבעט איז געווען צו טראָגן קעסלען מיט עסן, העלפן אַרויסטראָגן די טויטע א. א. וו.

ווען אַלע העפטלינגע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך געמוזט מאַכן זויבער דעם בלאָק, פאַרטונקלען דאָס ליכט, אויפמאַכן די פענצטער, עס זאָל זיין ליכטיק. איך האָב אויך געדאַרפט אכטונג געבן אויף די ביינאכט־קאָנטראָלעס פון די דייטשע ס. ס. אָך און ווי איז געווען צו מיר, אויב איך האָב דאָס נישט אויסגעפירט. דער בלאָק־פירער האָט בלויז געזאָגט, אַז היינט ביינאַכט האָט קוגעל נאַכט־דינסט. איך האָב שוין געוווּסט מיט וואָס דאָס שמעקט.

קוגעל איז געווען אַ יונגער מענטש. ווען ער האָט געהאַט דינסט, איז אַדורכגעגאַנגען אַ טויט־שרעק איבערן לאַגער. ער און זיינער אַ חבר זיינען געווען די גרעסטע צוויי סאדיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער עבענזע.

ביינאַכט איז פאָרגעקומען אין לאַגער אַן „ענטלויזונג". איך האָב געמוזט גיין מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן אַוועקטראָגן די קליידער און זיי צוריקברענגען. מ'האָט מיר צוגעגעבן אַ געהילף, אַז איך זאָל נישט דאַרפן איבערלאָזן דעם בלאָק אַליין. כ'האָב געמוזט גיין עטלעכע מאָל און ברענגען די „ענטלויזטע" קליידער אין בלאָק אַריין. ווען די קליידער זיינען שוין געווען אין בלאָק, האָט מען אויפגעוועקט דעם עולם, און יעדער האָט געדאַרפט אָפּגעפינען זיינע זאַכן.

מערסטנטייל זיינען נישט ריכטיק געוואָרן צעטיילט די קליידער. צוליב דעם האָט זיך געשאַפן א צערודערונג, און עס האָט זיך געענדיקט, ווי שטענדיק, מיט קלעפּ איבער די קעפּ. דער עולם האָט שוין נישט געקאָנט שלאָפן, וויל אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען שוין געדאַרפט אויפשטיין צו כאַפּן קלעפּ ביים גיין צו דער אַרבעט.

דער עולם האָט שוין באַקומען די קליידער און זיך באַרויקט, ליגנדיק אויף די פּריטשן. איך האָב גענומען דעם בעזעם, געגאַנגען צום צווייטן עק בלאָק און גענומען אויסקערן. דערווייל איז אַריין דער בלאָק־ציילער מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם מערדער קוגעל. איז צו צו דעם קעמערל, ווו עס זיינען געווען באַהאַלטן פאַרשיידענע שמאַטעס און אַ פּאָר פּאָרציעס ברויט. דאָס אַלץ האָט געהערט דעם יידישן בלאָק־עלטסטן יאַסאַן. דער בחור, וואָס האָט מיך פאַרטראָטן, אַן אונגאַר, אַ געזונטער, היכער יונג, איז שנעל צוגעלאָפן זיך מעלדן. דער בלאָק־ציילער פרעגט אים:

— ווו איז דער שליסל פון דעם קאַמער?

דער בחור ענטפערט אים:

— אין דער בלאָק־שטובע.

די צוויי ס. ס.־מענער לויפן אַריין אין דער בלאָק־שטובע און פרעגן דעם יידישן בלאָק־פירער יאַסאַן, ווו דער שליסל איז. ענטפערט יאַסאַן, אַז דער נאַכט־דינסט האָט דעם שליסל. לויפן זיי אַרויס צו דעם נאַכט־דינסט, ד. ה., צום בחור וואָס האָט מיך פאַרטראָטן, און שרייען צו אים:

— וואָרום האָסטו נישט געזאָגט, דאָס דו האָסט דעם שליסל?

און פיר שטאַרקע פויסטן פאַלן שוין אויף דעם בחורס קאָפּ. דער בחור ווערט צעטומלט. ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. דער בחור האָט נישט געוואָלט זאָגן, אַז ער האַלט דעם שליסל, דערפאַר ווייל דאָרט איז זיכער געווען ברויט מיט מאַרגאַרין, וואָס דער בלאָק־פירער האָט פאַר זיך באַהאַלטן. קוגעל זאָגט צו דעם בחור, ער זאָל אים ברענגען צוויי גומי־שטעקנס. פון דער צווייטער זייט בלאָק שטיי איך געליימט, מיטן בעזעם אין דער האַנט. דער בחור ברענגט די צוויי גומי־שטעקנס. זיי לייגן אים אַריבער איבער אַ טאַבורעט און הייבן אים אָן צו שלאָגן אויפן בלויזן לייב. ער שרייט מיט אוממענטשלעכע קולות. איך פיל, אַז מיינע בלוטן שטעלן זיך אָפּ. אין דעם מאָמענט האָב איך געפילט, אַז די קלעפּ פאַלן אויף מיין קערפּער אויך. איך קאָן נישט אָטעמען. איך פיל, אַז איך בין פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק אומבאַוועג־לעכער מאַסע. איך וויל שרייען און איך קאָן נישט...

דער עולם אויף די פּריטשן, מיט אויפגעהויבענע קעפּ און איינגע־

האַלטענע אָטעמס, ווענדן זייערע בליקן אין דעם פונקט, ווו עס באַוועגן זיך די צוויי גומי־שטעקנס מיט אַ מערדערישער קראַפט אויף דעם בחורס קערפּער. אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז מען שלאָגט מיך.

אין גאַנצן בלאָק איז געווען פינצטער, בלויז ביי דער טיר האָט געברענט אַ פאַרטונקלט לעמפּל, צוליב די אָפּטע אַלאַרמען. די צוויי מערדער האַלטן שוין ביים אָפּציילן מיט די גומי־שטעקנס אַכציק. ס׳איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן אַזוי פיל שמיץ. ביי די לעצטע שמיץ פאַלט ער אין חלשות. די צוויי מערדערס דערלאַנגען אים נאָך מיט זייערע פיס אַ פּאָר קאָפּעס און שרייען אויס: „פאַרשווינד״.

אויף אַלע פיר דערשלעפּט זיך דער בחור אין דער זייט פון בלאָק און בלייבט דאָרט ליגן.

די סאַדיסטישע שפּיל איז נאָך נישט געענדיקט. זיי לויפן אַריין צום יידישן בלאָק־עלטסטן יאסאן און מען הערט שוין פון דאָרט די געשרייען:

— הער בלאָק־פירער, איך בין אומשולדיק — שרייט ער, און מען הערט דעם שטאַרקן אימפּעט פון די קלעפּ, וואָס פאַלן אויף זיין נאַקעטן קערפּער. ס׳הערן זיך ווידער געשרייען פון די בלאָק־פירער. איך האַלט דאָס נישט מער אויס.

מען הערט שרייען קוגעלן:

— וואָס? איין בלאָק־עלטעסטע ווירד נישט אויסהאַלטען?

און מען שלאָגט אים נאָך מער. עס הערט זיך אַן אויפרייס און אַ קלאַפּ מיט דער טיר. זיי זיינען ענדלעך אַוועק.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, געכאַפּט שטיקער שמאַטעס, איינגעטונקען אין וואַסער און אָנגעהויבן לייגן קאָמפּרעסן דעם בחור אויף זיין צעשלאָגענעם קערפּער.

די צוויי פאַרברעכער האָבן געמאַכט זייער „שפּאַציר״ די זעלבע נאַכט איבער אַלע פיר יידישע בלאָקן. אין איין בלאָק האָבן זיי איינעם אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז אויף מאָרגן געשטאָרבן.

22

די צווײ לאַגער־פירער

אין עבענזע זײַנען געווען צווײ לאַגער־פירער. אײנער איז געווען אַ פּאָליטישער העפטלינג, און דער צווײטער — אַ נאַטאַרישער פאַר־ברעכער, אַ ברײט־פּלײציקער, מיט אַ סך קנײטשן אויפן פּנים. אין לאַגער האָט מען געוווּסט, אַז טאָמער גיט ער אויף וועמען אַ קוק, איז יענער טויט. ווען ער האָט געהאַט דינסט, האָט מען געקאָנט זײַן זיכער, אַז די נאַכט וועט ברענגען אַ סך קרבנות. אַרײַנגעקומען אין בלאָק, און עס איז אים עפּעס נישט געפעלן, האָט ער דעם ערשטן בעסטן העפטלינג אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער און אויפגעהאָנגען מיטן פּאַסיק, אָדער שנור, וואָס דער העפטלינג האָט געהאַט, אויף דעם עק פון זײַן אײגן בעט. דאַן האָט ער גערופן דעם קאַפּאָ און געהײסן אים פירן אין קלאָזעט און דאָרטן אים אויפהענגען. אין דער פרי האָט דאָס געהײסן, אַז דער העפטלינג האָט זיך אַלײן אויפגעהאָנגען. אַז נישט, האָט ער אָנגעהויבן שלאָגן אַ העפטלינג, ביז יענער איז געפאַלן אויף דער ערד, און אַז ער האָט נאָך געלעבט, האָט ער מיטן שטיוול אים צוגעדריקט, ביז ער האָט אים דערשטיקט.

זיצנדיק אַזוי אײן מאָל אויף מײַן בענקל בײַנאַכט אין בלאָק, דערהער איך, ווי מען מאַכט אויף אין דער שטיל די טיר און עס שוועבט אַרײַן דער לאַגער־פירער צווײ, אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שטעק־לאַטשן (מען זאָל נישט הערן ווי ער גײט), מיט אַ באַטעריע אויף דער ברוסט. איך בין אויפגעשפּרונגען און בליץ־שנעל צוגעלאָפן זיך מעלדן. ער ווײַזט מיר מיט די פינגער אויפן מויל, אַז איך זאָל נישט רעדן, גײט אַרײַן אין צימער, וווּ דער בלאָק־עלטסטער איז געשלאָפן. דער בלאָק־עלטסטער שפּרינגט אויף פון בעט און עס קומט פאָר אַזאַ סצענע:

— וואָס פיר שלײכהאַנדל קאָמט היר פאַר אי לאַגער — פרעגט ער אים.

דער בלאָק־עלטסטער ענטפערט:

— הער לאַגער־פירער, איך ווײס ניכטס דאַפאָן.

ער נעמט אַרויס צווײ גאָלדענע מטבעות און זאָגט אים:

— דאָס האָט מען פאַרקאָופט אויף דער בוי־שטעלע, און ביז מאָרגן פרי זאָלסטו מיר געבן די שולדיקע — און איז פאַרשווונדן.

דער בלאָק־עלטסטער האָט זיך גלייך אָנגעטאָן און אַריבער אין די אַנדערע דריי יידישע בלאָקן פרעגן זיך, צי עס האָט נישט ווער וואָס פאַרקויפט אויף דער בוי־שטעלע. אויף מאָרגן האָט מען געהאָנגען צוויי יידן...

23

אַ נייע „פונקציע"

חוץ מיין היטן דעם בלאָק ביינאַכט, איז מיר צוגעקומען נאָך אַ פונקציע — פירן די קראַנקע, צעבראָכענע מענטשן אין קלאָזעט אַריין. איך האָב זיי געמוזט פירן, ווייל אַליין האָבן זיי נישט געטראָפן דעם אָרט און נישט געזען ווו צו גיין. איך בין שוין געווען איינגעאיבט אין דעם „פאַך". ווי נאָר עס איז געקומען דער אַלאַרם און עס איז געוואָרן פינצטער, האָט מען שוין געהערט רופן: „פולאַווער! משה!".

כ׳בין צוגעגאַנגען צו יעדן אָרט, ווו מען האָט מיך גערופן, צוזאַמענגענומען דעם עולם, און באַפוילן, אַז איינער זאָל דעם צווייטן האַלטן ביי דער האַנט. איך האָב גענומען דעם ערשטן ביי דער האַנט, און אַזוי צוגעפירט דעם גאַנצן קאַראַוואַן צום באַשטימטן אָרט... אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מען ווידער גערופן: „פולאַווער, ער שלאָגט מיך".

אַ קראַנקער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ צווייט בעט, און יענער האָט געמיינט, אַז מען גייט אים באַגנבענען, האָט ער אים געשלאָגן. כ׳בין צוגעלאָפן, גענומען דעם קראַנקן, צוגעפירט צו זיין בעט, און אַזוי איז געוואָרן אויפגעקלערט דאָס מיספאַרשטענדעניש.

אַזוי איז געגאַנגען די גאַנצע נאַכט. קראַנקע און שוואַכע האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. טראָץ דעם, איז מיר געווען ליב די אַרבעט ביינאַכט. ערשטנס, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט יעדן איינעם מיט וואָס צו העלפן, און צווייטנס — צו טראַכטן, ווייל בייטאָג האָט מען טראַכטן אויך נישט געקאָנט.

יעדער איינער העפטלינג איז געווען אַ שרויף, וואָס האָט באַדינט

דעם שטיינברוך, די הונדערטער בוי־שטעלעס. דעם מוח האָט פאַרנומען איין געדאַנק — צו היטן זיך פון קלעפּ. די קלעפּ האָבן אומגעבראכט מאַסן מענטשן.

מיד האָט אָן אויפהער געעגבערט דער געדאנק, אַז כ׳זאָל ווידער אָנהייבן מאַכן טעאַטער. אַז נישט, וועט אוממעגלעך זיין צו לעבן אין עבענזע. מיט 9—10 דעקאָ ברויט, מיט צוויי זופּן פון כמעט בלויז שמוציקע וואסער, קאָן אַ מענטש לאנג נישט אויסהאלטן. אין עבענזע פלעגן אָפט קומען טראנספּאָרטן. עבענזע איז געווען אַ לאַגער פון שווערער אַרבעט. מען פלעגט ברענגען אַהין די שטאַרקסטע מענער, און אָט די שטאַרקע מענטשן פלעגן זיך זייער שנעל איינברעכן. די שלעכטע באַשפּייזונג, די שווערע אַרבעט, דאָס שלעכטע אָנטאָן און די שווערע קלימאַטישע באדינגונגען האָבן דערפירט צו אַ שנעלן סוף.

אַז איינער האָט זיך געפילט שלעכט און געוואָלט גיין אין רעוויר, איז שוין זיין גורל געווען א געחתמעטער... פון רעוויר איז שוין קיינער נישט צוריקגעקומען. אין רעוויר האָט מען געמאכט מיט די קראַנקע פאַרשיידענע עקספּערימענטן. מ׳האָט ארויסגעיאָגט אַ גרופּע פון 30 ביז 40 מאַן 5 אין דער פרי, האַלב נאַקעט, אָן עסן, אין אַ שטאַרקן פראָסט, אין וואַלד אריין, און מען האָט זיי באַפוילן גראָבן אַ גרוב. אַזוי זיינען זיי געשטאַנען, ביז זיי זיינען אַלע געפאַלן טויט.

אויף דער נאַכט האָט מען אַוועקגעטראָגן די טויטע אין קרעמאַ־טאָריע.

אַ צווייט מאָל האָט מען די האלב־טויטע מענטשן געיאָגט אין באָד אַריין, און צוריק, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען אין רעוויר, האָט שוין פון זיי געפעלט אַ העלפט.

דער בלאָק־עלטסטער פון רעוויר איז געווען אַ רייכסדויטש, אַ הויכער, ברייטביינעקער מערדער. מען האָט אים געפרעגט:

— האנס, וויפל קראנקע האָסטו?

פלעגט ער ענטפערן — 400. דער אָבערשאַרפירער פון דער אינס־פּעקציע האָט בלויז געזאָגט די קאַלטבלוטיקע ווערטער — 100 צופיל. אין אָוונט איז שוין אויפן באַשטאַנד־צעטל געווען 300 און נישט 400.

ער האָט שוין געהאַט זיינע מיטהעלפערס. פאַר צוויי זופּן איז

געוואָרן אָפּגעטאָן די שמוציקע אַרבעט, אַז עס זאָלן אומקומען 100 אומשולדיקע מענטשן.

די שטימונג אין לאַגער איז געוואָרן אַנדערש. מ׳האָט אָנגעהויבן פילן, אַז נישט לאַנג וועלן שוין דויערן אונדזערע צרות. אָבער ממשות־דיקס האָט מען נישט געוווּסט.

האנס, דער בלאָק־עלטסטער פון רעוויר האָט שטענדיק געזאָגט: „די דויטשע מוזיק שפּילט נאָך...״ זיין סוף איז אָבער אויך געקומען. דער ריכטיקער סוף, ווי ער האָט זיך כשר פאַרדינט.

קורץ פאַר דער באַפרייונג האָבן די העפטלינגען אים געכאַפּט און געבונדן און געזאָגט צו אים:

— הער בלאָק־עלטסטער, אין דריי מינוטן אַרום וועלן זי שפּאצירן אין פויער — און האָבן אים לעבעדיקערהייט אַריינגערוקט אין אַ ברע־נענדיקן אויוון פון עבענזעער קרעמאַטאָריע.

24

ביי די בעקער־אַרבעטער

מאכנדיק אַ דין וחשבון פון די טאָג־ און נאַכט־געשעענישן, וועגן דעם וואָס מען מאכט אַלץ מיט די אומגליקלעכע, אומבאהאָלפענע נפשות, איז ביי מיר נאָך רייפער געוואָרן דער געדאנק, אַז איך מוז ווי אמשנעלסטן אָנהייבן מאַכן טעאַטער. אַז איך וועל מאַכן טעאַטער, וועל איך אפשר בלייבן לעבן, דאָס וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו קריגן אַ שטיקל ברויט, אַ ציגאַרעט אָדער אַ זופּ.

כך הוה, איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. הינטער דעם 19־טן בלאָק, וווּ איך האָב זיך געפונען, איז געווען דער בלאָק, אין וועלכן די בעקער־אַרבעטער האָבן געוווינט. דער רוב פון זיי זיינען געווען פּאָליאַקן. מיט מיין חבר שמאי בין איך צו זיי אַריינגעגאַנגען און מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיר זיינען אַקטיאָרן פון פוילן און אַז מיר ווילן פאַר זיי עפּעס פאָרשטעלן. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט און גלייך אונדז געגעבן צוויי זופּן — נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן דאָס פּראָגראַם. מיר האָבן געשפּילט אין יידיש און אין פויליש. מיר האָבן

געהאַט גרויס דערפּאָלג, און דער עיקר — מיר האָבן באַקומען אַ ברויט, אַ שטיקל מאַרגאַרין, אַ פּאָר ציגאַרעטן, און דערצו האָבן זיי אונדז איינגעלאַדן אויף אַ צווייט מאָל.

אַ היים זיינען מיר שוין נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגן, געשוועבט פאר גרויס גליק. אַ קלייניקייט? ברויט, זופּ, און צום רויכערן.

ביי מיר אין בלאָק האָבן שוין די חברה געוואַרט מיט אומגעדולד. נישט מיט קיין סך, אָבער מיט עפּעס האָב איך זיי געקאָנט מחיה זיין. די לאַגער־וואַך האָט זיך דערוווּסט, אַז עס זיינען דאָ צוויי אַקטיאָרן, זיינען זיי געקומען אויף דער נאַכט צו מיר אין בלאָק און באַשטעלט אונדז אויף אַ זונטיקדיקן טאָג. מיין פאַרצווייפלונג איז אַוועק, ווען איך האָב געזען, אַז עס הייבט זיך ווידער אָן אַ שטיקעלע „סעזאָן".

כ'בין נישט אָפּגעשטאַנען, געגאַנגען מיט שמאַי אין פאַרשיידענע בלאָקן, און אויב מען האָט נישט געקאָנט ביי אַ בלאָק־עלטסטן מאכן אַן „אָוונט", האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט מיט שמאַי אין בלאָק פאַר די העפטלינגע און אָנגעהויבן זינגען, דערציילן, און דער עולם האָט פאַרגעסן אין זיינע צרות און פייניקונגען. זיי האָבן אונדז שטאַרק אַפּלאָדירט. דאָס איז פאַר מיר אויך געווען אַ געוויסע באַפרידיקונג — מהנה זיין די דערשלאָגענע מענטשן מיט אַ ביסל האַרציק געלעכטער.

אַזוי פלעגן מיר וואַנדערן פון בלאָק צו בלאָק מיט „אָוונטן" פאַר דייטשן, טשעכן, פּאָליאַקן, רומענער, אונגאַרן, פראַנצויזן. אַלע פלעגן האַרציק לאַכן — צי זיי האָבן יאָ פאַרשטאַנען אָדער נישט פאַרשטאַנען. אַ דאַנק דעם טעאַטער־שפּיל האָבן אויך די מערדער אונדז אונטער־שטיצט מיט ברויט, ציגאַרעטן און זופּן. אַזוי אַרום האָט מען געקאָנט דערהאַלטן דאָס שוואַכע לעבן.

25

אויף רושטאָוואַניעס

כ'בין געוואָרן צוגעטיילט צו אַ פירמע „ווינער בריקנבוי". די פירמע „ווינער בריקנבוי" האָט זיך פאַרנומען מיט אויפשטעלן רושטאָ־וואַניעס. אין די טונעלן, דאָס הייסט, אין די בערג זיינען געווען געמאַכט

עפּעוונגען. דאָרט זיינען געווען גאַנצע גאַסן מיט אַ הויך פון 22 מעטער, און דאָרט האָבן מיר געדאַרפט אויפשטעלן די רושטאָוואַניעס, כדי די אַרבעטער זאָלן קאָנען גלאַטיק מאַכן די ווענט. דאָרט האָבן זיך געפונען ריזיקע פאַבריקן פון עראָפּלאַנען און אַנדערע, וואָס מען האָט אַפילו נישט געוווסט, וואָס דאָרט ווערט אויסגעאַרבעט; דאָרט זיינען געווען גאַסן מיט קאַנאַליזאַציע, וואַסערלייטונג, און ביוראָען פאַר די באַאַמטע — ממש אַ מעכטיקע שטאָט.

אונדזער גרופּע האָט געהאַט די אויפגאַבע אויפצושטעלן און שפּעטער צענעמען די רושטאָוואַניעס. כ׳האָב געזען אַז לאַנג וועל איך דאָס נישט אויסהאַלטן. שפּעטער בין איך אַריינגעפאַלן צו דער פירמע „רעלאַ״. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט: פירן לאָרעס מיט שטיינער, שלעפּן זעקסמעטערדיקע שינעס, זעקלעך צעמענט. ביי דער אַרבעט האָב איך געפילט, אַז עס ענדיקן זיך מיינע לעצטע כוחות.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב זיך געפילט שוואַך, האָב איך אַלץ געפּרווט מיט מיין חבר שמאי צו מאַכן אין די בלאָקן „אָוונטן״. אָבער אין דער לופט האָט מען שוין געפילט עפּעס נייעס. קיינער האָט שוין נישט געהאַט קיין געדולד אויסצוהערן אונדזערס אַן אָוונט. כ׳האָב געזאָגט צו מיין חבר שמאי: „עפּעס דערקענט מען אין זיי אַ צערודער־רונג״.

דער הונגער איז געווען זייער גרויס. כ׳האָב געזוכט אַ שטיקעלע ווייכע קויל צו עסן. צווישן די קוילן האָט מען געפונען געלע, ווייכע שטיקלעך קוילן. גערופן האָט מען דאָס מאַרגאַרין־קוילן. דעמאָלט האָט עס געהאַט אין מויל אַ טעם ווי ניס...

פון עסן די קוילן פלעגט מען קריגן אַ פאַרשטאָפּונג און מען האָט געמוזט אָפּעררירן. דערביי זיינען אַ סך מענטשן געשטאָרבן. אָבער מיר האָט דאָס נישט געשאַדט, ווייל אַ סך האָב איך דאָס נישט געגעסן.

ס׳איז געוואָרן אַ מאָדע צו נאָגן די קוילן, ווי קייגומי, האָב איך דאָס אויך געפּרווט, ביז איך האָב געקראָגן אַ קראַמף אין מויל. דאָס איז געווען די זייטיקע „חיונה״, וואָס מען האָט זיך געקענט פאַרשאַפן ביי דער אַרבעט אויף דער בוי־שטעלע. אָבער די ס.ס.־מענער האָבן דאָס נישט געטאָרט זען. ווען זיי פלעגן אָנטרעפן אויף איינעם, ביי וועמען דאָס מויל איז געווען שוואַרץ פון קוילן, האָבן זיי געגעבן 25

שמיץ. די ס. ס. האָבן געוווּסט, אַז די וואָס עסן קוילן מוזן שטאַרבן, אָבער שטאַרבן אין לאַגער, אַז די ס. ס. זאָלן נישט האָבן קיין „חלק" — דערצו האָבן זיי נישט געקאָנט דערלאָזן.

פון די פּאָר דעקאָ ברויט און אַ ביסל וואַסער איז געווען אוממעגלעך אויפצוהאַלטן דעם שוואַכן קערפּער. די אכט־ניין דעקאָ ברויט, וואָס איך האָב באקומען, האָב איך געוואָלט איינטיילן אויף צוויי מאָלצייטן, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. כ׳האָב דעם נסיון נישט געקאָנט אויסהאלטן און אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט אויף איין מאָל.

מערסטנטייל האָבן אַלע געגעסן די פּאָרציע ברויט אויפן געלעגער. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע פארגעניגנס. איין מאָל, ווען מיין שכן האָט באקומען זיין פּאָרציע ברויט, איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען אַ יונגער העפטלינג, אַ גוי, און האָט בייסנדיק זיינע הענט, אויפגעגעסן די פּאָרציע ברויט. דער שכן מיינער, נישט האָבנדיק קיין כוח אנטקעגנ־צושטעלן זיך, איז געבליבן ליגן מיט בלוט־פלעקן אויף די הענט.

עס זיינען געווען פאַלן, אַז מענטשן האָבן פון מתים אָפּגעשניטן שטיקער פלייש, אַליין געגעסן, און אויך פאַרקויפט פאַר אַ ציגאַרעטל אָדער אַ שטיקל ברויט.

26

מען שושקעט זיך

מען האָט זיך אָנגעהויבן שושקען אין לאַגער, אַז עס וועט קומען דער רויטער קרייץ מיט אויטאָס און אַוועקפירן אונדז אין דער שווייץ, אַז מיר וועלן קריגן פּעקלעך פון דער שווייץ, אָבער קיין ממשותדיקס האָט מען נישט געזען.

אין אַ שיינעם טאָג האָט מען ליקווידירט די פיר יידישע בלאָקן, אויסגעמישט די יידן מיט די גוים, און עס איז געוואָרן דער אמתער לאַגער, — מיט שפּאַלטן קעפּ, אַז דאָס בלוט זאָל זיך גיסן, געבן 25 שמיץ אויפן הינטערשטן און אַנדערע „גוטע" זאַכן. אויף צו מאָרגנס האָט מען געשיקט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, דאָרט ווו מען האָט גענומען שקלאַפן צו דער אַרבעט. אויך איך בין געווען צווישן זיי.

מיך האָט געכאַפּט אַ קאַפּאָ, אַװעקגעשטעלט צו אַ גרופּע און געפירט מיך צו דער אַרבעט, צו דער פירמע, ווי איך האָב שוין באַמערקט, וואָס האָט געהייסן „ווינער בריקנבוי".

געפירט האָט מען אונדז דורך דער באַרימטער „טויפלס־בריקע". דאָס איז געווען אַ וועג דורך בערג. די טרעפּ האָבן זיך געצויגן שטאָקן־ווייז ארויף און אַראָפּ, און ווידער ארויף.

געקאָנט האָט מען גיין פון אַפּעל־פּלאַץ ביז צו דער בוי־שטעלע מיט אַ גלייכן וועג. אָבער דאָס וואָלט דאָך נישט געווען קיין אויפטו פאַר די ס. ס. — ווייל יעדעס מאָל האָט מען דאָך געדאַרפט פרישע קרבנות. איז מען טאַקע געגאַנגען מיט דעם וועג פון דער „טויפלס־בריקע". אממייסטן קרבנות האָט מען געגעבן צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט. געענדיקט די אַרבעט, האָבן זיך אַלע פאַרזאמלט אויף אַ פּלאַץ, ווו מען האָט אָפּגעציילט, צי עס פעלן נישט קיין מענטשן.

שטענדיק האָבן זיך געפונען אַ גרויסע צאָל מענטשן, דערשעפּטע נאָך דער אַרבעט. די קאַפּאָס האָבן דאָס קאָנטראָלירט און גלייכצייטיק באַשטימט אַ צוויי פערזאָן, אַז זיי זאָלן אהיימפירן דעם שוואַכן. זיי פלעגן פרעגן ווער עס פילט זיך שוואַך. אַ בחור, וואָס איז געשטאַנען מיט מיר צוזאַמען אין ריי האָט געזאָגט: „איך פיל זיך שוואַך". אוז באַלד האָט ער באַקומען אַ סעריע פויסטן אונטערן מאָגן, אַז דער בחור האָט אָנגעהויבן פאַלן. צווישן די צוויי, וואָס דער קאַפּאָ האָט באַשטימט אים אהיימצופירן, בין איך אויך געווען. דער קאַפּאָ איז פאַרשוווּנדן.

מיר האָבן אָנגענומען דעם בחור ביים אָרעם און אים געזאָגט אין אויער אַריין: „האַלט זיך, אַז נישט וועט ער דיך טויטן. האַלט זיך מיט די לעצטע כוחות". אָבער דער שוים פאַר זיין מויל האָט זיך שוין באַוויזן. מיר, אַליין דערשעפּטע, האָב אים געמוזט שלעפּן דעם גאַנצן וועג דורך די שטאָקן־טרעפּ פון דער „טויפלס־בריקע".

מיר האָבן אים אַ האַלב־טויטן געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות, ביז מיר האָבן שוין דערלעבט צו זען דעם אַפּעל־פּלאַץ. און ענדלעך געקומען, זיינען מיר אַ שעה צייט געשטאַנען, האַלטנדיק דעם בחורס הענט אויף אונדזערע פּלייצעס, ביז מען האָט אונדז אָפּגעציילט און פונאַנדער־געלאָזט.

מיר האָבן אים שוין נישט געקאָנט טראָגן אין בלאָק אַריין. כ׳האָב

גערופן אַ פּאָר מענטשן פון מיין בלאָק און מיר אַלע צוזאַמען האָבן דעם האלב־טויטן געטראָגן אין בלאָק אַריין. נאָך צוויי שעה איז ער געווען טויט — און מ׳האָט שוין פון אים אַראָפּגעשלעפּט זיינע שיך און די שמאַטעס.

אַזוי זיינען געפאַלן הונדערטער קרבנות, גייענדיק הין און צוריק פון דער אַרבעט.

אַ צווייטן טאָג, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, בין איך געגאַנגען מיט אַ געוויסן פריילעך, אַ לאָדזשער, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל. איך זאָג צו אים:

— קום שנעלער, קום שנעלער, אַז נישט וועלן מיר נאָך באַלד כאַפּן קלעפּ.

מיר גייען אָפּ אַ פּאָר טריט, באַקום איך אַ שטאַרקן קלאַפּ פון אַ הילצערנעם שוך אין מיין רוקנביין. די, וואָס זיינען געגאַנגען הינטער מיר און דאָס געזען, זיינען געווען זיכער, אַז איך פאַל באַלד אום. ס׳איז געווען פאַר זיי אומפאַרשטענדלעך מיך צו זען גיין ווייטער.

כ׳האָב געפילט ווי עס גייען צוויי טיילן פון מיין קערפּער. קומענדיק שוין אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ נישט מיט מיינע פיס, האָב איך נאָך געמוזט דורכמאכן אַ „שפּאַציר" צו זען זעקס יונגע אומשולדיקע נפשות, געהאָנגען אין איין ריי איינער הינטער דעם צווייטן. די שטראָף האָבן זיי באַקומען דערפאַר, ווייל זיי האָבן אויף דער בוי־שטעלע אָפּגעשניטן אַ שטיק פּלאַנדעקע, וואָס האָט צוגעדעקט די מאַשינען, און פון דעם האָבן זיי געמאַכט הענטשקעס. פאַר דעם „חטא" זיינען זיי געוואָרן געהאָנגען.

צו מאָרגנס בין איך ווידער געשטאַנען צווישן די טויזנטער, שוואַכע, צעבראָכענע, אויסגעהונגערטע שקלאַפן, געוואַרט אויף דעם קאַפּאָ־באַלעבאָס, אַז ער זאָל מיך נעמען צו דער אַרבעט.

27

ערב דער באַפרייונג

די צייט האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט, און ביי די ס. ס.־מענער — אַוודאי נישט. די טעג פון באַפרייונג האָבן זיך דערנענטערט. די

מעכטיקע בוי־שטעלעס און די גיגאַנטישע טונעלן, וואָס האָבן איינגע־שלונגען צענדליקער טויזנטער קרבנות, זיינען מיט אַ מאָל שטום געוואָרן. די מערסטע פון זיי וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, וואָס האָבן געשלאָגן מכות־רצח, זיינען פארשוווּנדן געוואָרן. ס׳האָט געהייסן אַז זיי פאָרן אהיים אויף אורלויב. מ׳האָט שוין נישט געיאָגט ביי דער אַרבעט, קלעפּ זיינען שוין נישט געפאַלן איבער אונדזערע קעפּ, די ס. ס. האָבן שוין נישט געזוכט זייערע קרבנות, וואָס אַרבעטן נישט. אין שטיבל פון די ס. ס., ווו מען האָט אַריינגענומען צו שלאָגן ביז טויט, איז שטיל געוואָרן.

מ׳האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָ קומט פאָר. מיר זיינען אַלע געווען צעחושט. מיין מייסטער, וואָס האָט אונדז מיט אַ פּאָר טעג פריער געשלאָגן ביים טראָגן צעמענט, האָט זיך אָנגע־הויבן פאַרענטפערן, אַז עס איז נישט זיין שולד.

מיר גלייבן זיך אַלץ נישט, אַז עס דערנענטערט זיך דער גליק־לעכער טאָג פון באַפרייונג. מיר זיצן גרופּנוויַיז אויף דער בוי־שטעלע. מיר רעדן צווישן זיך. מיר טוען גאָרנישט. מיר קאָנען שוין פריי גיין צו די ביימער און אראָפּנעמען אויסגעטריקנטע בלעטער און רויכערן וויפל מען וויל. אַ פּראָבלעם איז געווען אַ שטיקל פּאַפּיר צו באַקומען, אָבער מען האָט זיך אַן עצה געגעבן.

זיצנדיק אַזוי האָט יעדער איינער אויסגעטאָן זיינע וועש און אָנגע־הויבן זיך „רייניקן״... איך האָב זיך פארשטעקט אין אַ זייט, און אויסגע־טאָן מיין העמד. געפעלט האָט נישט... אַדורכפירנדיק די קאָנטראָל איז מיר געוואָרן אַ ביסל לייכטער. אָנגעטאָן זיך צוריק דאָס העמד, זיך צוריק אַרויסגעגנבעט פון מיין באהעלטעניש, בין איך צוגעקומען צו דער חברה. זיי זיינען נאָך נישט געווען פארטיק מיט זייער „אַרבעט״, זוכדיק אין די העמדער.

אַזוי זיינען מיר אָפּגעזעסן א פּאָר טעג אויף די בוי־שטעלעס און גאָרנישט געטאָן.

עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייונג איז געווען אַ גרויסער אַלאַרם אין לאַגער. ס׳איז געווען אַ צייכן, אַז אַלע זאָלן זיך שטעלן אויפן אַפּעל־פּלאַץ. אַ מאַסע פון 1400 מאַן זענען געשטאַנען אויפן אַפּעל־פּלאַץ אומבאַוועגלעך, אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט. עס האָבן זיך געהערט

שטימען פון די ס. ס.־מענער ווי זיי רופן: דאָלמעטשער זאָלן קומען. די ס. ס.־מענער האָבן דאַן דערקלערט, אַז אויב ס׳וועט קומען אַ גרויסער אַלאַרם, זאָלן די מענטשן פון אַלע בלאָקן בליץ־שנעל לויפן אין די בערג. די דאָלמעטשער זיינען געלאָפן שנעל, יעדערער צו זיינע מענטשן, און דערקלערט. אין דער זעלבער צייט זיינען פאַרביי די רייען געגאַנגען מענטשן און געזאָגט גאַנץ שטיל: נישט גיין, בלייבן אין די בלאָקן. מיר זיינען אַלע געבליבן צוגעשמידט צום אָרט. ווען מען הייסט אונדז גיין — וואָלט געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. ס׳איז געווען אוממעגלעך צו באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר, ווייל פסיכיש זיינען מיר געווען פולשטענדיק דערשלאָגן.

מיר זיינען געשטאַנען אַ געוויסע צייט אויפן פלאַץ. די ס. ס. האָבן צווישן זיך גערעדט. און מיט אַ מאָל האָבן זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן גיין אין די בלאָקן אַריין. אין די בלאָקן זיינען מיר געווען אומרויק: מיר האָבן אַלץ געוואַרט אויף דעם אַלאַרם, וואָס דאַרף פאָרקומען און מען וועט דאַרפן לויפן אין די בערג. די שרייבער האָבן אונדז געזאָגט שטילערהייט, אַז מיר זאָלן נישט גיין, נאָר בלייבן אין די בלאָקן. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ס׳האָט ביי יעדן איינעם געהערשט אַ טויט־שרעק. דער אַלאַרם איז נישט געקומען. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די ס. ס. האָבן געוואָלט צוגרייטן אַ פאַלשן אַלאַרם, כדי דער גאַנצער לאַגער זאָל לויפן אין די בערג. די בערג זיינען געווען מינירט, און ווי נאָר מיר וואָלטן אַהין אַריינגעקומען, וואָלטן זיי געוואָרן אויפגעריסן, די טונעלן אין די בערג וואָלטן אונדז פאַרשיט, אַז עס וואָלט נישט געבליבן פון אונדז קיין זכר. אַזוי האָבן זיי געהאַט אויסגערעכנט.

אָבער די אַמעריקאַנער טאַנקן האָבן זיך דערנעענטערט אין אונדזער ריכטונג און די ס. ס. האָבן שוין נישט געהאַט קיין צייט פאַר דעם. זיי האָבן געמוזט אנטלויפן. זייער פלאַץ האָט פאַרנומען די ווערמאַכט.

אין אָוונט, ליגנדיק אויף די נאַרעס, האָבן מיר געטראַכט און צווישן זיך גערעדט — ווער ווייסט וואָס זיי קאָנען נאָך מיט אונדז מאַכן.

אין דעם מאָמענט האָט מען געהערט אויפרייסן פון באָמבאַרדירערס און פייער־פלאַמען האָבן זיך באַוויזן דורך די פענצטער.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז די ס. ס. האָבן אונטערגעצונדן דעם

לאַגער. קיין עלעקטריש ליכט איז אין לאַגער נישט געווען צוליב די אַלאַרמען. מענטשן אין די העמדער זיינען געלאָפן אין די בלאָקן, ווי די משוגעים, איינער איבערן צווייטן. אַרויסגיין פון בלאָק האָט מען אונדז נישט געלאָזט, זיינען מיר געווען נאָך מער צערודערט. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבן טאַקע דעם לאַגער אונטערגעצונדן.

זעענדיק, אַז אונדזער בלאָק ברענט נישט, האָבן מיר זיך ווידער אַ ביסל באַרויקט און יעדער איז געגאַנגען אויף זיין נאַרע. אַזוי זיינען מיר געלעגן ביז אין דער פרי אין טויט־שרעק.

אויף צומאָרגנס איז אין לאַגער שוין געווען אַ גאַנצע איבערקער־רעניש. אויטאָס זיינען געפלויגן הין און צוריק. מען האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז. דער גאַנצער לאַגער איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

אין בלאָק האָט מען שוין געוווּסט וואָס פאַר אַ מעניו מען וועט מאָרגן קריגן: אַ האַלב ברויט, זופּן פון רייז. כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט אַ צעחושטער: צי הער איך וואָס מען זאָגט, צי איז דאָס אַ חלום?

איך פרעג מיין שכן, וואָס כ׳בין מיט אים געשלאָפן: „האָסט אויך געהערט, אַז מאָרגן וועט מען געבן אַזעלכע גוטע זאַכן?״.

מיין שכן, נישט ווייניקער צעחושט ווי איך, ענטפערט מיר, אַז מען זאָגט, זאָגט מען. „ווי מיינסטו, פולאַווער?״.

א מאָדנע שטימונג איז געווען אין בלאָק. מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס זאָגסטו? וואָס איז געשען?

ס׳האָט צוגעשלאָגן די נאכט. יעדער איז אַוועק אויף זיין נאַרע און געפילט, אַז עס דערוואַרטן אים שוין נישט קיין קלעפּ פון שטעקנס איבערן קאָפּ. אָבער ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָרגן?

28

ראַדיאָ־ידיעות

דער אויסגעחלומטער מאָרגן דאַרף אונדז ברענגען האַלבע ברויטן מיט געדיכטע זופּן. טראַכטנדיק וועגן דעם, הערט מען דערווייל די שטים פון אונדזער בלאָק־עלטסטן, פון דעם פאַרברעכער, וואָס האָט טאָג־טעגלעך געטויט אונדזערע מענטשן:

— האַלאָ, האַלאָ! העפטלינגע, רויק. איר וועט באַלד הערן די לעצטע ראַדיאָ־ידיעות.

וואָס קומט דאָ פאָר? אַ ריין משוגעים־הויז. דער בלאָק־עלטסטער מעלדעט, אַז די אַמעריקאַנער געפינען זיך שוין נישט ווייט פון אונדז, אַ פּאָר קילאָמעטער. מיר זאָלן זיך פאַרהאַלטן רויק. מיר וועלן באַקומען אַ סך צום עסן.

כ׳זאָג צו מיין שכן: „ווי דערלעבט מען שוין דאָס".

צוליב די אַלע גוטע זאַכן, וואָס מיר דאַרפן מאָרגן באַקומען, זיינען מיר שוין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן.

דער אומדערוואַרטער, אויסגעחלומטער מאָרגן איז געקומען. צוזאַמען מיט אים איז טאַקע געקומען אַ האַלב ברויט און אַ פולע שיסל זופּ מיט רייז. אַ ניי לעבן, אָבער איך קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. סך־הכל האָב איך געוויגן 39 קילאָ. די, וואָס האָבן זיך געפילט בכוח, זיינען אַראָפּ פון די נאַרעס. מ׳לויפט אַרויס און מען קומט אַריין מיט געשרייען: די אַמעריקאַנער געפינען זיך 12 קילאָמעטער פון אונדז.

אַ צווייטער קומט אַריין און זאָגט: 8 קילאָמעטער.

די פרייד איז זייער גרויס. פון דרויסן הערט מען געשרייען. דער בלאָק־עלטסטער פון בלאָק זיבן איז טויט. מען הערט ווייטער געשרייען. דער בלאָק־עלטסטער פון בלאָק איינס איז טויט. איינער קומט אַריין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: דעם ציגיינער האָט מען צעשניטן אויף שטיקלעך. דער ציגיינער איז געווען אַ קאַפּאָ. ער איז געווען איינער פון די גרויסע סאַדיסטן אין לאַגער עבענזע, ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן הונדערטער, הונדערטער קרבנות.

אין דער זעלבער צייט האָט מען געכאַפּט דעם בלאָק־עלטסטן פון רעוויר, האַנס, וועגן וועלכן כ׳האָב שוין דערמאָנט.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער פינפטער מאַי 1945. דאָס איז געווען דער באַפרייונגס־טאָג פון קאַצעט־לאַגער, פון די, וואָס זיינען געווען געשטרייפט סיי אין די קליידער און סיי אויף די קערפּערס.

עס האָט זיך געפילט ווי אַלץ איז אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנג־דויערנדיקן שלאָף פון ליידן און פּיין. מענטשן אויסגעמאַטערטע און פאַרהונגערטע, זיינען געלאָפן „אָרגאַניזירן" — ברענגען פּעק עסן.

אין אָוונט האָבן זיך טויזנטער פייערלעך געברענט אַרום די בלאָקן.

די מענטשן, וואָס האָבן זיך געבראַכט עסן, זיינען געשטאַנען, האָבן געבראָטן, געקנעטן און געקאָכט פאַרשיידענע מאכלים.

דער עולם האָט אָנגעהויבן עסן. די מאָגנס האָבן נישט געקאָנט פאַרדייען, און הונדערטער זיינען געשטאָרבן.

כ׳בין געלעגן אויף דער נאַרע און זיך נישט געקאָנט באַוועגן. אָבער די וואָס האָבן זיך יאָ געקאָנט אַ ביסל באַוועגן, האָבן געשלעפּט זעק מיט מעל, רייז און צוקער פון די אויפגעבראָכענע ס. ס.־מאגאזינען.

מענטשן זיינען אריינגעלאָפן אין די בלאָקן און געשריגן:

— וואָס ליגט איר אויף די נאַרעס? מיר זיינען שוין פריי.

די אַמעריקאַנער טאַנקן זיינען שוין אין לאגער און שטייען אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ. כ׳נעם צונויף אַלע מיינע כוחות און וויל אראָפּגיין פון דער נאַרע, אָבער כ׳קאָן נישט.

אַ צווייטער איז אַריין ווי אַ ווילדער און געשריגן:

— אוי, אוי, פריי, פריי!

איך זאָג צו זיך אַליין: משה, נעם זיך צוזאמען, שלעפּ זיך אראָפּ פון דער נאַרע און גיי אויף אַלע פיר צום אַפּעל־פּלאַץ. דו ביסט דאָך פריי.

אַלע מיינע חושים זיינען געווען אָפּגעטעמפּט. צום אַפּעל־פּלאַץ איז געווען אַ קילאָמעטער. כ׳שלעפּ מיינע שוואכע פיס און דעם קערפּער וואָס וועגט 39 קילאָ. מיט שווערער מי קום איך אָן צום אַפּעל־פּלאַץ.

29

באַפרייונג

פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס בילד פון באַפרייונג. אַמע־ריקאַנער זעלנער אין די טאַנקן ווערן בלייך זעענדיק די טויזנטער אויסגעדאַרטע נפשות, וואָס באַוועגן זיך קוים אויף זייערעביינערדיקע פיס. די אַמעריקאַנער שפּרינגען אראָפּ פון די טאַנקן, נעמען אַרויס ציגארעטן, שאָקאָלאַד, קעיקס און ביים פאַנאַנדערטיילן זאָגן זיי: „אָקעי, אָקעי!" עס שאַפן זיך שוין גרופּעס אַרום די טאַנקן. איינצלנע רייסן זיך אַרויף אויף די טאַנקן, באַגריסן די באַפרייער אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

זיי האָבן שוין געווער אין די הענט. מיט אויסגעשרייען „הוראַ! הוראַ!" פאָרן זיי אָפּ פון לאַגער.

איך שטיי מיט עטלעכע לאָדזשער מענטשן. איינער זאָגט צו מיר:

— פולאָווער, וואָס ווינסטו?

כ'האָב אַפילו נישט געפילט ווי שטראָמען טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן און איך ענטפער:

— יאָ, יאָ, חברים, איצט הייבט זיך אָן אונדזער אומגליק...

פרעגט מיך אַ צווייטער:

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, מיר וועלן אָנהייבן זוכן אונדזערע נאָענטע, און ווער ווייסט צי מיר וועלן זיי געפינען.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שלעפּן אין בלאָק אַריין. כ'האָב אַוועקגעלייגט מיין פּעקל ביינער אויף דער נאַרע און איינגעגראָבן דאָס פּנים אין דעם פאַרלויזטן שטרויזאַק.

כ'האָב עמעצן געבעטן, אַז ער זאָל אַריינרופן מיין חבר שמאי. ס'האָט געדויערט אַ ביסל און שמאי איז געקומען. איך האָב געזאָגט צו שמאי, אַז מיר זאָלן זיך צוזאמעננעמען אַ 25 מאַן און גיין קיין פּוילן.

מיר האָבן צוזאמענגענומען אַ גרופּע מענטשן און אַוועק. פון פאַרשיידענע זייטן זיינען געקומען אַנטקעגן פּאַרטיעס צו הונדערט און צוויי הונדערט פּערזאָן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע מאַסע.

מען איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט מען איינגעהאַלטן די פאָדערשטע רייען. די גרויסע מאַסע מענטשן איז געבליבן שטיין. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זאָלן דערווייל אַריינגיין אין די ס. ס.־באַראַקן. דאָס איז געווען נישט ווייט פון לאַגער.

— דאָרט וועט איר זיך אָפּרוען אַ טאָג אָדער צוויי. יעדער איינער וועט באַקומען אַ פּאַס און קאָנען פאָרן אַהיים.

ס'איז אלעמען געפעלן געוואָרן. די נערוועזיטעט, וואָס האָט געהערשט ביי יעדן איינעם, האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט. מען האָט צוגעטיילט צימערן. איך מיט שמאי און נאָך זעקס מענטשן האָבן באַקומען אַ צימער.

אַזוי ווי מיר זיינען אַריין אין צימער, איז דער עולם שוין אַוועק „אָרגאַניזירן״ אַ ביסל קאַרטאָפּל, האָלץ. מיין חבר שמאי איז אויך אַוועק.

איך מיט נאָך איינעם, די שוואַכסטע, זיינען געבליבן. מיר זיינען געווען די צוויי „קאָכערס״. דער עולם האָט געבראַכט פּראָדוקטן און איך האָב זיך גענומען צום קאָכן. אַ ביסל שפּעטער איז געקומען מיין חבר שמאי מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. אַריינגייענדיק האָט ער אויסגעשריען:

— כ׳האָב אייך געבראַכט טייערע זאַכן.

ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זעקל אַ פעטע קאָנסערווירטע גאַנדז, ציבל און קאַרטאָפּל. ער איז געווען אויף אַרבעט ביי די אַמעריקאַנער, האָט ער דאָס געקראָגן פאר זיין ארבעט. כ׳האָב גענומען די גאנדז, אַריינגעלייגט אין אַ שיסל, אין וועלכער די ס. ס.־לייט פלעגן זיך וואַשן, און אַרויפגעשטעלט אויף דער קיך צום בראָטן. אין אָוונט איז אַלץ געווען פאַרטיק. דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש. און איך האָב געטיילט אין פּאָרציעס. אָבער אונדזערע מאָגנס האָבן די פעטע עסנס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. מיר זיינען אַלע קראַנק געוואָרן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן נישט צו עסן, האָבן מיר ווידער געגעסן. אַזוי זיינען מיר קראַנק געווען אַ פּאָר וואָכן.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין העמד אין צימער ביי דער קיך. די געשטרייפטע קליידער זיינען געווען פאַרלויזט. מען האָט פאַרטיילט פּאָר אַלעמען ס. ס.־קליידער. איך און מיין חבר שמאי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן ס. ס.־קליידער. מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר וועלן נאָך דער באַפרייונג קיין ס. ס.־קליידער נישט טראָגן. די מענטשן וואָס האָבן געטראָגן די ס. ס.־קליידער, האָבן אויסגעזען ווי צירקאָווצעס. איינער האָט געטראָגן א פעלצל מיט גרויסע שטיוול מיט פּריצעסן. אַרויסגעזען האָט מען פון דער קליידונג אַ פּאָר אויערן און אַ נאָז.

מ׳האָט אַלץ געוואַרט, אַז מיר זאָלן קריגן די פּעסער און קאָנען אַהיימפאָרן. מיר האָבן זיך אויף דעם נישט דערוואַרט. דערוויסנדיק זיך, אַז 90 קילאָמעטער פון אונדז געפינט זיך אַ פּרויען־לאַגער און דאָרט דאַרפן זיין אַ סך לאָדזשער, האָבן מיר שוין נישט געקאָנט רוען. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן פאָרן אין דעם לאַגער.

דער לאַגער האָט געהייסן קאַמערשעפּלינג. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַן אויטאָ און מיר זיינען אַהין געפאָרן. מיר האָבן טאַקע דאָרט געטראָפן אַ סך לאַדזשער פרויען. אונדזערע פרויען זיינען דאָרט נישט געווען.

מ׳האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר אַ געוויסער פרוי שערעשעווסקי, וואָס געפינט זיך היינט אין ישראל. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט און פאָרגעלייגט צו מאַכן אַן אָוונט פאַרן לאַגער. די פרוי שערעשעווסקי איז מסכים געווען און האָט פאַראָרדנט מען זאָל צוגרייטן דעם זאַל. דעם זעלבן טאָג האָב איך מיט מיין חבר שמאי איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט אין לאַגער קאַמערשעפּלינג. מיר האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. דער אָוונט איז געווען אַ יום־טוב אין לאַגער. אַ סך פרויען האָבן געוויינט פאַר פרייד. זיי האָבן זיך דערמאָנט ווי פאַרן קריג זיינען זיי געגאַנגען מיט זייערע פאַמיליעס אין לאָדזשער „אַראַראַט"־טעאַטער, און איצט זיצן זיי אין טעאַטער, אָן מענער, אָן קינדער.

דער פרויען־לאַגער האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. כמעט יעדע פרוי האָט געהאַט ווען. איינע האָט געהאַט אַ גריך, אַ צווייטע האָט געהאַט אַ פּאָליאַק, אַ דריטע — אַן איטאַליענער. מיט די אַלע מענער האָבן זיי זיך באַקענט נישט ווייט פון קאַמערשע־פּלינג, אין דער גרויסער פּאַפּיר־פאַבריק לענסינג, ווו זיי האָבן געאַרבעט. דאָרט האָבן זיי געהאַט קאָנטאַקטן מיט די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיי אונטערשטיצט.

תּיכף נאָך דער באַפרייונג האָט געהערשט אַ גרויסע דעמאָראַ־ליזאַציע ביי די פרויען. שטופנווייז האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ צו נאָרמאַ־ליזירן. עס זיינען געקומען מענער פון פאַרשיידענע לאַגערן זוכן זייערע פרויען, זיינען זיי שוין אין דעם לאַגער פאַרבליבן. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן שדכנען איינער צום צווייטן און ס׳האָבן זיך געשאַפן פּאָרלעך.

איך און מיין חבר שמאי האָבן געמאַכט אָפטערע קאָנצערטן. מיר האָבן זיך געפילט אין לאַגער ווי אין גרויסע משפחה. שפּעטער האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן קאָנצערטן פאַר די יידישע אמעריקאנער זעלנער. יעדן פרייטיק זיינען מיר געפאָרן אין גמונדען (עסטרייך) אויף קאָנצערטן; נאָכן דאַווענען פון די אַמעריקאַנער זעלנער האָבן מיר שטענדיק געגעבן אַ קאָנצערט.

איך און מיין חבר שמאי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט דאָס יידישע וואָרט אין די יידישע לאַגערן אין עסטרייך.

30

קאַמערשעפּלינג

אין קאַמערשעפּלינג בין איך מיט מיין חבר שמאי ראָזענבלום געווען אַ פּאָר חדשים. מיר האָבן דאָרט אָפּט געגעבן קאָנצערטן אין לאַגער. דעם טאָג וואָס מיר האָבן געהאַט אַן „אָוונט", האָט מען דורך אַ צייכן פון קלינגען באַקאַנט געגעבן, אַז היינט קומט פאַר אַן אָוונט אין לאַגער. און דער עולם האָט געוווּסט, אַז מען דאַרף זיך גרייטן אין טעאַטער אַריין. דער עולם האָט זיך געפילט דעם טאָג יום־טובדיק און גלייכ־צייטיק האָט מען געוווּסט, אַז מען וועט אַ ביסל פאַרגעסן פון דער בענקשאַפט, וואָס עגבערט יעדן איינעם אין האַרצן.

דעם אמת געזאָגט האָט דער עולם זיצנדיק אין טעאַטער אַ ביסל פאַרגעסן. מ'האָט געלאַכט, אַ ביסל געוויינט, דער עולם האָט שטענדיק געהאַט אַ גייסטיקן גענוס פון אונדזערן אַן אָוונט.

די פּאָר חדשים זיינען אַוועק און עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג, ווען מען האָט געזאָלט איבערשיקן אונדזער לאַגער. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז מען פירט איבער אונדזער לאַגער אין דעם שיינעם באַרימטן קוראָרט באַד גאַסטיין. פאַר דער ליקווידאַציע פון לאַגער איז צו אונדז געקומען אַן אַמעריקאַנער ראַבינער און געהאַלטן פאַר אונדז אַ דרשה, אַז מיר מוזן פון דאַנען אַוועק.

— איר דאַרפט זיך נישט שרעקן. מ'שיקט אייך אין אַ קוראָרט, ווו איר וועט זיך אויסרוען אין שיינע האָטעלן און באַקוועמע צימערן. די געגנט איז אַ וווּנדערבאַרע.

מיר זיינען שוין געווען צוגעוווינט צו אונדזער לאַגער אין קאַמער־שעפּלינג, צו די הילצערנע באַראַקן, וואָס שטייען אין וואַלד; צו גיין זיך יעדן טאָג באָדן. די לופט איז געווען גוט. מיר זיינען געווען צופרידן, כאָטש ס'האָט אונדז דערוואַרט בעסערס.

ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן, צי מיר ווילן יאָ, אָדער נישט. דעם

צענטן אָקטאָבער אין דער פרי זיינען געקומען מאַשינען. מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט מיט אונדזער געפּעק און מיר זענען אָפּגעפאָרן.

די אַרומיקע געגנט איז געווען אַ הערלעכע, אָבער וואָס קומט אַרויס, — מען פירט אונדז ווידער אין די בערג, און מיר ווילן שוין ווערן פרייע מענטשן. פיר אַ זייגער זיינען מיר אָנגעקומען אין באַד גאַסטיין.

31

באַד גאַסטיין

אין באַד גאַסטיין האָבן אונדז שוין אָפּגעוואַרט מענטשן, וואָס זיינען געקומען מיט אַ פּאָר טעג פריער. די מענטשן מיט דעם ראַבינער בראש האָבן זיך פאַרנומען צו פאַרטיילן די צימערן פאַר אונדז.

מען האָט איינגעאָרדנט פון 4 ביז 6 פערזאָן אין אַ צימער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו אַקלימאַטיזירן, און מיר האָבן איינגעזען אַז עס איז געווען לטובת אונדז. מ'האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס לאַגער־לעבן. מיר פילן זיך פריי, וווּנדערבאַרע האָטעלן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן אין די צימערן. טייערע טעפּיכער, הערלעך מעבל און דאָס וויכטיקסטע — מיר וווינען אין די זעלבע צימערן, ווו עס האָבן געוווינט גערינג, היטלער, געבעלס און די אַנדערע גרויסע פאַרברעכער.

די געגנט באַד גאַסטיין און אַרום באַד גאַסטיין איז אַ מעשהלע. מיט איין וואָרט — מיר זיינען געקומען אויף „קור" און מיר פילן זיך ווי קורגעסט. לאַנג האָט מען אונדז נישט געלאָזט רוען — מען האָט שוין באַשטימט אַ טאָג אויף אַ זיצונג. אויף דער זיצונג זיינען געווען אָנוועזנדיק לערער, קולטור־טוער און אַקטיאָרן. אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געווען: א) אַ שול פאַר קינדער; ב) אַ ראַבינאַט; ג) אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע; ד) טעאַטער־סטודיע; ה) אַ ביבליאָטעק; ו) אַ ספּאָרט־קלוב.

ס'איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקע דיסקוסיע וועגן יעדער אָפּטיילונג באַזונדער. מען האָט אָנגעהויבן אויסוויילן פּאַסיקע פערזאָנען צו יעדער אָפּטיילונג.

שמואל געלער איז געווען אויסגעוויילט אַלס שול־דירעקטאָר; הרב מ. אַדלער — פאַר רעליגיעזע ענינים; שמאי ראָזענבלום — אַלס לייטער פון פאָלקס־אוניווערסיטעט; משה פולאַווער — אַלס לייטער צו שאַפן אַ טעאַטער־סטודיע; יצחק עקשטיין און ש. ראָזענבלום — צו אָרגאַניזירן די ביבליאָטעק און אַנדערע.

די אַלע פערזאָנען זיינען גלייך צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט. אין פאַרלויף פון געציילטע טעג האָט מען געפילט, אַז עס גייט אָן אינטענסיווע אַרבעט.

מיס פּאָהעג איז געווען די לייטערין פון אונר״אַ. אויף אַ שפּעטערדיקער זיצונג איז געוואָרן באַשלאָסן צו בעטן אין מינכען נאָך מאַטעריאַלן אויף העלפן דערגאַנצן דאָס קולטורעלע לעבן אין באַד גאַסטיין.

באַד גאַסטיין איז געווען אין פולן קולטורעלן שוווּנג. דער פאָלקס־אוניווערסיטעט האָט געאַרבעט. יעדע וואָך זיינען פאָרגעקומען פאָרלעזונגען. עס איז דערשינען אַ געשריבענע וואָכנצייטונג אונטערן נאָמען „לאַן״. יעדן פרייטיק האָט מען איינגעאָרדנט אַן „עונג־שבת״. פאַרן „עונג־שבת״ האָט מען געלייענט די צייטונג. הרב פריד, אברהם אָקון, פרידע קיוועץ, קאַראָל פרידמאַן און אַרבער זיינען געווען די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג; די שטענדיקע פאָרלעזער פון דער צייטונג זיינען געווען אברהם אָקון און קאַראָל פרידמאַן. אויף יעדן עונג־שבת זיינען אויך געווען אַרטיסטישע אויפטריטן פון די סטודענטן ביי דער שפּעטערדיקער סטודיע „עליה״. אויפטרעטן פלעגן זיי מיט רעציטאַציעס און געזאַנג. די עונג־שבתים האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און דער זאַל איז שטענדיק געווען איבערפולט פון מענטשן.

ביי דער סטודיע „עליה״ זיינען געווען אַ גרופּע טאַלאַנטירטע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צו טעאַטראַלער אַרבעט. די סטודיע איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: פרויען — העניע פּרוכטער, פעלאַ טשאַשניאַק, כאַשע כאַוועס, חנהלע ליבערמאַן, פאָלאַ מאַשקאָוויץ; מענער — יודאָוויק בערגער, קאַראָל פרידמאַן, משה מויער, מענדל סטאַוויסקאָווסקי, פּייוול זעלצער, מאָניעק פרידמאַן, הערמאַן זוכהאָלץ, מאָניעק קריגסמאַן און י. גראַביאַ. העשעק מאַרגאָליס איז געווען דער מאָלער.

כ׳האָב אָנגעהויבן מיט דער חברה ענערגיש צו אַרבעטן. די פּראָבן

זיינען געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג און ביי אַ שטאַרקן אינטערעס פון דער יונגער חברה. כ׳האָב מיט זיי געמאַכט פראָבן צוויי חדשים און צוגעגרייט אַ פּרעמיערע אונטערן נאָמען: „יידן־שמידן״. זייער ערשטער אויפטריט איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר די סטודענטן. דאָס איז געווען אַ קליינקונסט־פּראָגראַם פון די מחברים: שלום עליכם, משה נאַדיר, קולבאַק, שולשטיין, שטיינבאַרג, בראָדערזאָן און אַנדערע.

דאָס פּראָגראַם איז געווען אויסגעשטאַט מיט פיינע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, יעדער איינער איז געווען גרימירט. מיט איין וואָרט — ס׳איז געווען טעאַטער, טעאַטער פון סטודענטן — דאָס ערשטע מאָל אויף דער בינע.

די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שיינעם טעאַטער־זאַל, וווּ עס פלעגן פריער זיך פאַרזאַמלען די „פּירער״, וואָס האָבן פאַרניכטעט אונדזער פאָלק, וואָס האָבן אויסגעקוילעט זעקס מיליאָן יידן. דאָ, אין דעם זאַל, האָבן איצט געשפּילט קינדער, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון זייערע נאָענטע. די יונגע סטודענטן האָבן אויך אויסגעפירט סצענקעס פון אוישוויץ. גלייכצייטיק האָבן די יונגע סטודענטן זיך געוויזן אין הומאָריסטישע סצענקעס.

דער זאַל איז איבערפולט פון מענטשן, וואָס יעדן איינעם פעלן זיינע טייערע. אָט די מענטשן זיצן אין זאַל און די מוזיק שפּילט. אַן אָרקעסטער פון אַכט פערזאָן הייבט אָן די אוווערטורע פון פאַרשיידענע יידישע מאָטיוון. דער עולם פאַרגעסט זיך... מען פילט זיך ווי אין וואַרשע אָדער אין לאָדזש. דער קאָנפעראַנסיער קומט אַרויס און מעלדעט דעם ערשטן נומער. דער עולם לאַכט האַרציק און איז צופרידן. די פאָרשטעלונג גייט אין פולן גאַנג. די יונגע סטודענטן זיינען באַגייסטערט פונעם גרויסן דערפאָלג. עס קומט דער פינאַל „יידן־שמידן״ — אַ קאַמעראַלער נומער, אָנגעשריבן פון משה בראָדערזאָן. די בינע איז פול מיט יונגע, שטאַרקע שמידער, וואָס שמידן אַ וועלט אַ נייע. דער עולם פילט דאָס פון דער בינע. די יונגע סטודענטן האָבן דעם פולשטענדיקן קאָנטאַקט מיטן עולם. דער דערפאָלג איז געזיכערט. דער פאָרהאַנג פאַלט, דער עולם גייט אַרויס צופרידן פון טעאַטער.

עס פילט זיך אַ שטאַרקער אינטערעס פאַר דעם יידישן וואָרט. מען לייענט געשמאַק די יידישע פּרעסע אין ביבליאָטעק, מען טוישט

ביכער; די אָוונט־קורסן פון עברית און ענגליש זיינען אין גאַנג; די שול גרייט אַ קינדער־פאָרשטעלונג. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַמאַטאָרן־גרופּן, וואָס פלעגן קומען אין באַד גאָסטיין.

דער עולם פון מיין סטודיע איז זיך צעפאָרן, און באַד גאָסטיין איז געבליבן אָן אַ סטודיע. עס זיינען אויך אַוועקגעפאָרן אַ טייל קולטור־טוער. אַזוי אַרום איז דאָס קולטור־לעבן אין באַד גאָסטיין געוואָרן אָפּגע־שוואַכט. געבליבן ביז צום לעצטן טאָג איז די שול, די ביבליאָטעק, דער ספּאָרט־קלוב און דער ק. צ.־קלוב.

נאָך צוויי יאָר אין באַד גאָסטיין האָבן זיך דערנענטערט די טעג, ווען מען האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס שיינע קוראָרט, ווו מען האָט זיך געפילט אַ ביסל פרייער, אויס לאַגער־מענטשן געוואָרן דורך דער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אונדז געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויף דער נשמה.

מיר האָבן זיך שטאַרק אנטקעגנגעשטעלט. מיר ווילן נישט פאָרן צוריק אין אַ לאַגער. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן און מיר האָבן שוין ווידער דערפילט, אַז מיר זיינען דאָך נישט פריי.

אין סעפּטעמבער 1947 האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון באַד גאָסטיין.

32

עבעלסבערג

דירעקטע באַנען האָבן צוגעפירט אונדזערע מענטשן מיט די פּעק און טיילווייזן מעבל, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון באַד גאָסטיין. אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געוואָרן ליקווידירט אַנדערע לאַגערן, ווי באַד אישל און בראַנאַו. אין דעם נייעם לאַגער „דוד־שטערן" עבעל־סבערג האָבן זיך די דריי לאַגערן צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן לאַגער.

דער לאַגער עבעלסבערג איז פריער געווען אַ דייטשע קאַזאַרמע. אין די בלאָקן האָבן געוווינט די ס. ס.־זעלנער און אָפיצירן. די בלאָקן האָבן אויך יידן געבויט, און אַ סך, זייער אַ סך, זיינען געפאַלן ביי דער אַרבעט.

ווען די אַמעריקאַנער זיינען אַריין האָבן זיי פאַרנומען די זעלבע בלאָקן. מיינסטנס האָבן געוווינט דאָרט נעגערס. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן צו ליקווידירן די דריי לאַגערן האָבן די אַמעריקאַנער זיך אַרויסגעצויגן און געמאַכט פּלאַץ פאַר אונדז. נישט אַלע בלאָקן זיינען געווען פאַרטיק צום וווינען. ס׳האָט געקאָסט זייער אַ סך אַרבעט ביז מ׳האָט זיך איינגעאָרדנט.

מ׳האָט אַלץ געמוזט אָנהייבן פון ס׳ניי: אַ שול, אַ טעאַטער־בנין, ווערקשטאַטן, מאַגאַזינען, אַן אַמבולאַנס א. א.

די קינדער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט אין לאַגער עבעלסבערג זיינען מערסטנטייל געקומען מיט זייערע עלטערן פון רוסלאַנד. נאָך דער באַפרייונג איז די פּוילישע יידן געווען דערלויבט אַרויסצופאָרן פון די רוסישע געביטן צוריק אין זייער היימלאנד (פּוילן). זיינען אַ סך פון זיי געקומען קיין עסטרייך און דייטשלאַנד, און אויך קינדער, וועלכע זיינען געווען אויסבאַהאַלטן ביי פּאָליאַקן און ליטווינער. די קינדער האָבן נאָך גערעדט רוסיש, ליטוויש און פּויליש.

די שול איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון ארץ־ישראל־שליחים צוזאַמען מיטן לאַגער־קאָמיטעט און ביי דער מיטהילף פון „דזשאָינט״, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן, באַזונדערס מיט שרייב־מאַטעריאַלן און שפּילצייג.

ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט ביז מען האָט אָרגאַניזירט די שול אין עבעלסבערג. אַ סך קינדער האָבן נאָך ביי זיך אין שטוב פאַרן שלאָפן גיין געזאָגט דעם פּאַטשעזש (קריסטלעכער אָוונט־געבעט). אָבער מיט דער צייט און מיט אַ סך געדולד פון די עלטערן, האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט. אין אַ קורצער צייט האָבן די קינדער גערעדט יידיש, העברעיש, געזונגען יידישע און העברעישע לידלעך.

ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיין אָנוועזנדיק אויף די קינדער־פאָרשטעלונגען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. דער לאַגער איז געווען שטאָלץ מיט די קינדער. די ניצול־געוואָרענע האָבן נישט געהאַט קיין קינדער, איז דערפאַר יעדעס קינד געווען טייער. דער קאָמיטעט אין לאַגער און די אַמעריקאַנער מאַכט האָבן אַ סך געטאָן פאַר אונדזערע קינדער. ווען די קינדער האָבן פאַרענדיקט די שול איז פאַר זיי געוואָרן איינגעאָרדנט אַ פיינע קאָלאָניע.

די קאָלאָניע האָט זיך געפונען הינטער זאַלצבורג אין אַ פּרעכטיקער

געגנט. די קינדער האָבן דאָרט פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער אונטער דער אויפזיכט פון די שול-לערער. זיי זיינען אַהיימגעקומען געזונט און פריש. די עלטערן און די לאַגער-איינוווינער זיינען געווען איבערגליקלעך. דער דירעקטאָר פון דער שול איז געווען שמואל פּופּקאָ.

אַלס קולטור-לייטער איז מיין אויפגאַבע געווען איינצואָרדענען און מיטצוהעלפן ביי אַלע אימפּרעזן. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַלץ איינגעאָרדנט: טעאַטער-פאָרשטעלונגען, קינאָ, רעפעראַטן, אַקאַדעמיעס, עונג-שבתים, כינוסים און אַזוי ווייטער.

איך האָב אויך איינגעאָרדנט די ערשטע יידישע בילדער-אויסשטעלונג אין עסטרייך פון באַקאַנטן מאָלער י. אדלער, וואָס מיט זיינע צייכענונגען באַקענט איר זיך אין דעם בוך. פון זיין אויסשטעלונג זיינען געוואָרן פאַרקויפט אַ ריי בילדער פארן צענטראַל-קאָמיטעט אין עסטרייך און צו פּריוואַטע מענטשן. די אויסשטעלונג זיינע האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. דאָס זיינען געווען אייל-בילדער, אַקוואַרעלן און גראַפישע צייכענונגען אויף ק. צ.-טעמעס.

מיר ווילן בלייבן

נאַראַטאָר:

טויזנט ניין הונדערט ניין און דרייסיק, אַריינמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי. דורך די פענצטער זעט מען בלויז שטאָלענע העלמס און ביקסן אויף אַקסל.

די אַריינמאַרשירנדיקע זעלנער שטעלן זיך אָפּ אויף דעם פרייהייט־פּלאַץ אין לאָדזש, ווו ס׳איז געשטאַנען דער קאָשטשושקאָ־מאָנומענט. די זעלנער באַטראַכטן דעם מאָנומענט, און מערדערישע שמייכעלעך באַווייזן זיך אויף זייערע פּנימער.

די גאַסן זענען פול מיט מענטשן, צווישן זיי — אַ קליינע צאָל יידן. אַ זעלנער מיט אַן אויסגעקרימט מויל, מיט קורץ געשאָרענע בלאָנדע האָר, באַטראַכט די מענטשן־מאַסע. זיינע בליקן שפּיזן אַדורך צוויי יידישע מיידלעך, וואָס שטייען אין דער מאַסע. די מיידלעך דערפילן די שפּיזיקע בליקן, דערשרעקן זיך און פאַרשווינדן צווישן די מענטשן.

דאָס מיליטער בלייבט אַ קורצע צייט אויפן פרייהייט־פּלאַץ. די אַרמיי הייבט אָן רירן מיט געזאַנג פון האָרסט־ווועסעל־ליד. געציילטע טעג שפּעטער ווערן די שולן מיט דינאַמיט אויפגעריסן. פּלאַקאַטן אין גאַס מעלדן: אַלע יידישע געשעפטן מוזן האָבן געלע מגן־דודס אין די פענצטער. יידן באַהאַלטן זיך אויס. דייטשע טראַנספּאָרט־אויטאָמאָבילן פירן דאָס צוגערויבטע יידיש האָב און גוטס. די דייטשע זעלנער וואָס בלייבן אין שטאָט, זעט מען דעם גאַנצן טאָג טראָגן פּאַקעטן אין פּאָסט אַריין, — זיי שיקן מתנות פאַר זייערע ווייבער, געליבטע און עלטערן. אַ צייט שפּעטער באַווייזן זיך נייע פּלאַקאַטן אין גאַס: יעדער ייד מוז טראָגן אַ געלן באַנד אויף דער לינקער האַנט. יידן קאָנען זיך שוין נישט באַווייזן אין גאַס, מען כאַפּט אויף אַרבעט. אַפילו שוואַנגערע פרויען ווערן געכאַפּט אויף אַרבעט און מען מאַכט מיט זיי פאַרשידענע סאַדיסטישע שפּילן...

דייטשע פּאָליציייליט, וואָס פירן אָן מיט דער באַוועגונג אין גאַס.

שטייען מיט שוואַרצע מונדירן און ווייסע הענטשקעס. ווידער פלאַקאַטן אין גאַס: אַלע יידן מוזן גיין אין געטאָ. בעלקעס און דראָטן ברענגט מען פון פאַרשידענע זייטן שטאָט צום אָנגעוויזענעם אָרט, ווו עס דאַרף זיין דאָס געטאָ. הונדערטער אַרבעטער אַרבעטן מיט געאייל, די בעלקעס ווערן אַריינגעגראָבן אין דער ערד, די דראָטן ווערן אויפגעצויגן, בריקן ווערן צוגעגרייט אויף צו פאַרבינדן איין זייט געטאָ מיט דער צווייטער. שוואַרצע ריזיקע שאָטנס קוקן זיך צו, ווי עס ציט דער קאַראַוואַן פון צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס מיט זייערע קינדער און ביסל בעבעכעס — אויף וועגענער, קינדער־וועגעלעך, שליטעלעך.

דער טאָג פון גיין אין געטאָ איז געווען זייער אַ גליטשיקער, די וועגעלעך פאַלן אום. דער שוואַרצער פלעק וואָס שטייט אין גאַס און פירט די באַוועגונג שרייט: דאָנערוועטער נאָך אַמאָל! ער שרייט, אַז מען שטערט אים אין זיין אַרבעט, ער קאָן נישט פירן די באַוועגונג. קינדעריש געוויין מישט זיך אויס מיטן שרייען פון שוואַרצן מונדיר.

מאַסן־מאָרדן ווערן אַדורכגעפירט איבער די לאָדזשער גאַסן און הויפן. דערשאָסענע ליגן לאַנג אין זייערע וווינונגען, ווייל די דייטשן האָבן צוגענומען די שליסלען. פון אַלע עקן שטאָט לויפן מענטשן מיט טויט־שרעק און ווילן שוין וואָס שנעלער זיין אין געטאָ.

דאָס זענען די לעצטע טעג פון חודש אַפּריל. דעם ערשטן מאַי, טויזנט ניין הונדערט און פערציק, ווערט געשלאָסן דאָס געטאָ.

שטרוי־פאַבריק

ביי לאַנגע טישן זיצן יונגע פרויען און פלעכטן שטרוי. פון דעם געפלאָכטענעם שטרוי ווערן געמאַכט גרויסע שיך פאַר די דייטשע זעלנער.

1טע פרוי:

ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי פלעכטן פאַר די דייטשע מערדער?

2טע פרוי:

ווער ווייסט? אפשר ווייסט רומקאָווסקי.

3טע פרוי:

וואָס ווייסט ער? בלויז איין זאַך — אַז מיר מוזן דאָס נאַסע שטרוי פלעכטן און מאַכן שיך עס זאָל זיי זיין וואַרעם אין די פיס...

4טע פרוי:

ער האָט אונדז גוט פאַרזאָרגט, דאָס פרעזעסל (זינגט) מרדכי חיים גיט אונדז קלייען... (אַלע העלפן צו).

5טע פרוי:

דער אַלטער זעט דאָך אויס ווי אַ יונגערמאַנטשיק. איך האָב אים די וואָך געזען אין גאַס. די שטיוועלעך מיט דער קורטקע! מען קאָן אין זיין פנים נישט אַריינקוקן.

6טע פרוי:

פאַרוואָס זאָל ער נישט גוט אויסזען? ער האָט זיך גענומען אַ יונג ווייבל, צו עסן האָט ער, אַן עלעקטרישע קיך האָט מען אים געבראַכט פון שטאָט, שיינע אויסמעבלירטע צימערן האָט ער אויך — ער איז דאָך עפּעס אַ קייסער... און דאָס וואָס מיר הונגערן, דאָס איז גאָרנישט...

7טע פרוי:

ווער זאָגט, אַז מיר הונגערן? ער האָט דאָך אונדז די וואָך געגעבן אין דער צוטיילונג אַ פאַר דעקאַ קילעריבן און צעריבענע ערזאַץ־קאַווע

קריגט מען אויך. יאָ, איך האָב פאַרגעסן, און אַ ברויט אויף אַכט טעג. איך פיל שוין נישט ס׳האַרץ פון עסן די קאַווע...

8טע פרוי:

מען זאָגט, אַז דער אַלטער וועט היינט קומען אין פאַבריק.

5טע פרוי:

אויב דער אַלטער קומט היינט, וועלן שוין קומען דייטשע קאָמיסיעס, און אַז קאָמיסיעס קומען, איז נישט גוט... אוי, ווען וועט שוין דערצו נעמען אַ סוף.

9טע פרוי:

מען וועט אַלע אויסשטאַרבן פון הונגער אין געטאָ, דאָס וועט זיין דער סוף. מיין מאַן איז שוין אין שפּיטאָל און איך האַלט זיך קוים אויף די געשוואָלענע פיס. ווי לאַנג קאָן מען אַזוי הונגערן? איז געקומען קאַרטאָפל, האָט מען אין געטאָ נישט פאַרטיילט. זיי, די שישקעס, האָבן עס באַהאַלטן אויף שפּעטער. זענען די קאַרטאָפל פאַרשטונקען געוואָרן, מען האָט עס געמוזט באַגראָבן. אַזוי פירט זיך דער אַלטער מיט זיינע משרתים.

7טע פרוי:

דער טאָג שלעפּט זיך היינט. כ׳וואָלט שוין געוואָלט הערן דעם קלינג און גיין עסן דאָס ביסל יושקע.

5טע פרוי:

אָך און ווי צו אונדז. מען זעט נישט אַ שטיקל קאַרטאָפל אויף דער ליכ־טיקער שיין. אפשר וועל איך היינט זיין פון די גליקלעכע און געפינען אַ שטיקל אָדער צוויי אין דעם ביסל וואַסער.

3טע פרוי:

ווי קאָן מען זען קאַרטאָפל אין יושקע? אַז די קילעגראַבלערס פרעסן דאָס אויף, קאָן דאָך נישט זיין פאַר אונדז.

2טע פרוי:

וואָלטן זיי אונדז צוגעטיילט כאָטש אַ ביסל שובעכץ.

1טע פרוי:

אַז דו וועסט האָבן פּראָטעקציע וועסטו קריגן שובעכץ.

4טע פרוי:

מיינע אַ באַקאַנטע האָט יאָ פּראָטעקציע.

6טע פרוי:

ווי אַזוי?

5טע פרוי:

זי האָט אַ שיינע טאָכטער, איז זי אַ „צוזאָץ" פאַרן לייטער פון פאַבריק, באַקומט זי צעטעלעך אויף שובעכץ.

4טע פרוי:

נישט אַלע האָבן שיינע טעכטער...

5טע פרוי:

כ'קאָן דיר זאָגן, אַז די לייטערס פון די פאַבריקן האָבן אַ סך צוזאָצן... זיי מאַכן אָפּטע בעלער, דאָרט איז דאָ צו עסן פון אַלעם גוטן און די צוזאָצן מאַכן אַ לעבן.

1טע פרוי:

אָך און ווי צו אַזאַ לעבן. איך וואָלט דאָס נישט דערלויבט, אַז מיינס אַ קינד זאָל זיין אַ „צוזאָץ"... פון שטוב וואָלט איך זי אַרויסגעיאָגט.

2טע פרוי:

מען רעדט שוין ווידער פון אַ טראַנספּאָרט אַרויסשיקן. זיי ביי דער שיסל זאָרגן דערווייל נישט, זיי לעבן דערווייל אַ גוטן טאָג... ווער ווייסט וועמענס ריי עס וועט איצט קומען.

4טע פרוי:

כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת — כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו אַזאַ לעבן, זאָלן זיי שוין טאָן וואָס זיי ווילן.

8טע פרוי:

דיר איז לייכט אַזוי צו רעדן, דיין מאַן איז נישטאָ און קינדער האָסטו נישט. אָבער מיר איז נישט אַזוי לייכט, איך האָב אַ פאַמיליע, ציטערט מיר דאָס האַרץ ווען איך הער רעדן וועגן אַן אַקציע. ביי דער לעצטער אַקציע האָב איך מיין קינד אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם. שטעל דיר פאָר מיין האַרץ, אַז די פּאָליציי איז אַרויף אויפן בוידעם זוכן.

מיידל:

(זיצט און פלעכט דאָס נאָסע שטרוי, זינגט):

אַ ליבע צו פירן איז טאַקע כדאי
ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן —
אַז עסן איז דערביי. (ביס)

10טע פרוי:

זעסט דאָך, מען פירט ליבעס אין געטאָ, כאָטש מען האָט נישט קיין עסן. מען פוצט זיך, מען שמירט זיך. איך בין די וואָך געווען אין טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג פון אונדזער פאַבריק, האָסטו געדאַרפט זען ווי די שישקעס גייען אָנגעטאָן. מיר וועלן נישט אויסהאַלטן. נישט דערע־סענע, דערשעפּטע פון אַרבעט — ווי לאַנג קאָן מען אַזוי לעבן?

9טע פרוי:

זעסט דאָך, זאָגסט דאָך אַליין, מענטשן גייען אין טעאַטער. נישט אַלע וואָס גייען אין טעאַטער זענען זאַטע. מען וויל פאַרגעסן אין די געטאָ־צרות כאָטש אויף אַ פּאָר שעה.

8טע פרוי:

איך, זעסטו, גיי נישט אין טעאַטער, איך בין צופיל אָנגעווייטיקט, איך קאָן דאָס נישט פאַרגעסן וואָס מען האָט שוין אָפּגעטאָן אין געטאָ ביז היינט, און ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך פּאַסירן. איך קאָן נישט פאַרגעסן די צוועלף טויזנט קינדער און די אַכט טויזנט אַלטע מענטשן, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון געטאָ. דאָס בילד שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. די קינדער האָט מען געפּאַקט אין לאַסט־אויטאָס ווי הערינג אין פעסער, קיין פּיפּס האָט מען נישט געהערט פון די קינדער. איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם באַלוטער מאַרק ווען די אויטאָס מיט די געפּאַקטע קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ־טויער. קאָן מען אַזאַ בילד פאַרגעסן? (ביידע לאָזן אַראָפּ די קעפּ און נעמען זיך שטאַרקער צום פלעכטן דאָס שטרוי).

7טע פרוי:

איך קאָן דיר זאָגן, אַז עס זענען דאָ נאָך ערגערע זאַכן ווי גיין אין טעאַטער. קוק אַריבער ביי יענער זייט טיש... זי שוואַנגערט דאָך! איז דאָס נישט קיין פאַרברעכן? נישט לאַנג איז געווען אַ שפּערע, זיי האָבן

צוגענומען אַזוי פיל קינדער פון די עלטערן, און מען האָט שוין פאַרגעסן און מען שוואַנגערט. איז נאָך דאָ אַ גרעסער פאַרברעכן?

6טע פרוי:

זעסטו, מיט דעם ביסטו גערעכט. ווי קאָן מען זיך דערלויבן אַזאַ זאַך, וויסנדיק, אַז מען נעמט צו קינדער... דאָס הייסט דאָך, אַז די עלטערן אַליין העלפן צו, אַז די אויסוואורפן זאָלן אַוועקרייסן די קינדער פון זייערע מאַמעס.

7טע פרוי:

וואָס קאָן מען טאָן?

6טע פרוי:

אַ סך קאָן מען טאָן, מען דאַרף זיי אויפקלערן, רעדן צו זיי יעדן טאָג. מיר ווייסן שוין אויף וואָס זיי זענען פעיק. מיר וועלן פון געטאָ קיין לעבעדיקע נישט אַרויס, דאַרף מען זיך אויסהיטן און נישט באַשאַפן פרישע קרבנות פאַר די מערדער.

7טע פרוי:

יאָ, מיר זענען אַלע פאַראורטיילט...

מען הערט קלינגען. די פרויען מיטן שטרוי אין האַנט לויפן פון אַלע זייטן צום באַרג שטרוי און לייגן עס אַוועק. אַלע לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג.

פאָרהאַנג

בית־עלמין

דאָס לאָדזשער בית עלמין איז געשטאַנען צווישן געדיכטעביימער, וואָס זענען אַלט געווען צו זעכציק־זיבעציק יאָר. דאָרט זענען צוגעקומען מאַסן־קברים פון די דייטשע יידן, וואָס מען האָט אַריינגעשיקט אין לאָדזשער געטאָ. עס זענען געווען שטיקער פלעצער אויפן בית עלמין מיט אויפשריפטן: דאָ רוען בערלינער יידן, ווינער יידן, האַמבורגער יידן, דיסלדאָרפער יידן. די קברים זענען באַצויגן געווען מיט אַ גרינעם דאַך פון ווילדע גראָזן. ס'האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ ווייסע פלאַטע, מיט גרויע שילדלעך און ווייסע נומערן פון די קברים. אין די ערשטע טעג פון שליסן דאָס געטאָ האָבן זיך אַ סך יידן אויסבאַהאַלטן אויפן בית עלמין. פון דאָרט האָבן זיך אַ סך געראַטעוועט אויף דער פוילישער זייט און אַוועק אין פאַרשידענע שטעט. די אַקציע קומט פאָר ביינאַכט, ווינטערצייט.

פרוי:

(צום מאַן):

ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי ליגן דאָ?

מאַן:

דער גוי דאַרף קומען ווען עס הייבט אָן טאָגן. ווער ווייסט, אפשר אַ ביסל פריער. ער האָט מיר געזאָגט: פאַרטאָגס.

קינד:

(פינף יאָר אַלט):

מאַמעשי, עס איז מיר קאַלט.

פרוי:

שטיל, טעכטערל, איך האָב דיר געזאָגט אין דער היים, אַז מען טאָר נישט רעדן.

קינד:

אָבער עס איז דאָך מיר קאַלט.

מאַן:

נעם זי שטאַרקער צו זיך, וועט איר ווערן אַ ביסל וואַרעמער.

פרוי:

אַט אַזוי (דריקט דאָס קינד צום האַרצן).

מאַן:

זעץ זיך אויפן קבר, וועט דיר לייכטער זיין. שאַ, עפּעס אַ שאָרך, עס איז נאָך נישט די צייט. אפשר איז ער געקומען פריער?

פרוי:

איך מיין, אַז עס איז דער ווינט, נישט מער.

מאַן:

(הערט זיך איין):

ניין, איך הער פאָרן, ער מוז עס זיין, מען מוז זיין גרייט, אָבער שטיל, זייער פאָרזיכטיק, יעדער קלאַפּ אָדער שאָרך קאָן אונדז טייער קאָסטן... יאָ, ער פאָרט, ער דערנענטערט זיך. איך הער גיין איבערן פּאַרקן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. (עס הערט זיך אַ שאָס) ווער ווייסט צי זיי האָבן אים נישט געשאָסן. (עס הערט זיך אַ שטים: „אָ, יעזוס־מאַריאַ! באָזשע!”) זיי האָבן אים געשאָסן, מיר מוזן שנעל זיך רוקן טיפער אין בית עלמין אַריין. מיר וועלן שוין פון געטאָ נישט אַרויספאָרן...

פרוי:

אפשר איז עס בעסער אַזוי, עס וואָלט דאָך געווען אַ גרויס אומגליק...

מאַן:

עס איז אַ גרויס גליק וואָס היינט איז אַ פינצטערע נאַכט, אַז נישט וואָלטן מיר אויך געווען פאַרלאָרן. דער זעלנער וואָלט זיכער געווען צוגעלאָפן צום פּאַרקן. מיר זענען שוין טיפער אין בית־עלמין, מען קאָן זיך אַ ביסל אָפּרוען. ווען ס'וועט ליכטיקער ווערן, וועלן מיר גיין אין געטאָ. (אַ געדרויש צווישן דיביימער) זע נאַר, וואָס איז דאָס? עפּעס מאָדנע פלעמעלעך פון ליכט, דו זעסט?

פרוי:

קום אַהער נענטער צו מיר, אַ שרעק באַפאַלט מיך, ס'זעט אויס ווי די ערד מיט די מצבות וואָלטן זיך אויפגעהויבן און שאָטנס וואָלטן אַרויס. דו זעסט אויך דאָס? אַ גליק וואָס ס'קינד שלאָפט.

מאַן:

יאָ, איך זע אויך ווי שאָטנס באַוועגן זיך, וואָס קאָן דאָס זײַן? (טוליען זיך איינער צום צווייטן).

1טער שאָטן:

אַ חשבון ווילן מיר אַלע פון אים, פון רומקאָווסקין, פאַרוואָס זענען מיר אַזוי פריצייטיק פאַרשניטן געוואָרן?...

אַלע:

חשבון! חשבון!

2טער שאָטן:

(יונגע פרוי):

געמיינט כ׳וועל זיין מיט אים... האָט מען מיך אַוועקגעריסן, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די גרויסע נויט, ער שלעפּט זיך נאָך דאָרטן... אָבער ער קומט אויך, ער וועט נישט אויסהאַלטן, מיר האָבן נישט באַוויזן צו זיין גליקלעך... ווילן מיר אַ...

אַלע:

אַ חשבון!

3טער שאָטן:

(מוטער):

ווו האָב איך מיינע קינדער? זיי האָבן די קינדער אַוועקגערויבט. אַ פּאָר זענען זיי געווען, אַ ליכטיק פּאָרל. איך קאָן נישט רוען. חיהלע און יאַנקעלע, ווו זייט איר? איך וויל אַ חשבון!

4טער שאָטן:

(אַלטער):

געהאַט איין אויג אין קאָפּ, גענומען זי און אַוועקגעשיקט. ניינצן יאָר אַלט געווען, אַ יונג לעבן, געגרייט זיך צו דער חופה, אַוועקגעריסן פון מיר. איך האָב דאָס נישט געקאָנט אויסהאַלטן. פרעג איך: פאַרוואָס? (ס׳הערט זיך אַ שטילער יאָמער).

אַלע:

חשבון ווילן מיר!

5טער שאָטן:

אַ חשבון ווילן מיר? פון וועמען? אַפילו פון אונדזער געטאָ־פירער וועט איר קיין חשבון נישט באַקומען, זיי לעבן, און אַנדערע פאַלן... אַלץ וואָס איז מענטשלעך ווערט חרוב, ער וועט פאַרטיליקט ווערן, אָבער עס מוז דויערן. אפשר שפּעטער וועט מען קאָנען פאָדערן אַ חשבון... גרויס איז דער צער פון די, וואָס זענען לעבן געבליבן אין די געטאָס, ערגעץ טיף ברענט אַ פּייערל. דאָס פּייערל וועט זיך צעפלאַקערן און פאַרמעסטן זיך קעגן שונא. דעמאָלט וועט מען קאָנען פאָדערן אַ חשבון... (דאָס בילד פאַרשווינדט).

קינד:

(וועקט זיך איבער):

מאַמעשי, איך האָב מורא, עפּעס הער איך רעדן.

פרוי:

ניין, קינד מיינס, מיר האָבן גערעדט, איך מיטן טאַטעשי.

קינד:

ווו זענען מיר, מאַמעשי? און ווו איז דער טאַטעשי?

מאַן:

דאָ בין איך, קינד מיינס, מיר גייען באַלד אַהיים.

קינד:

און ווען וועלן מיר פאָרן?

פרוי:

מאָרגן, קינד מיינס.

קינד:

איך וויל מען זאָל פאָרן, איך וויל נישט זיין אין געטאָ, די דייטשן כאַפּן קינדער...

מאַן:

מיר וועלן נישט לאָזן, אַז די דייטשן זאָלן דיך כאַפּן.

קינד:

זיי קאָנען דיך אויך כאַפּן, טאַטעשי.

פרוי:

קינד מיינס, מיר ווען פאָרן... מיר מוזן פאָרן... (עס האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן).

חיים:

(זיין שטים הערט זיך):

וויאָ, וויאָ! העי! העי!

מאַן:

דאָס איז חיים, דער, וואָס פירט די מתים, אָבער ווו קומט ער פון יענער זייט פאַרקן?

פרוי:

ווער ווייסט צי ער פירט נישט דעם גוי וואָס האָט אונדז געזאָלט אַרויספירן... ((איילן מיט שנעלע טריט צו חיימען)

מאַן:

גוט מאָרגן, חיים! וועמען פירט איר פון יענער זייט פאַרקן?

חיים:

עפּעס אַ גוי, דער זעלנער ביי דער וואַך האָט מיך גערופן, אַז כ'זאָל צונעמען אַ געשאָסענעם און באַגראָבן ביי אונדז אויפן בית עלמין.

מאַן:

דאָס איז דער גוי יאַן!

פאָרהאַנג

מעטאַל־פאַבריק

אַכט־ניינ־יאָריקע קינדער זיצן ביי לאַנגע טישן, שלייפן און קלאַפּן אויס נאָדלען וואָס ווערן געשיקט קיין דייטשלאַנד. די קינדער זענען אויסגעשמירט ווי די קוימענקערער, אָבער גלייכצייטיק געבן זיין אַרויס אַ גרויסע פּראָדוקציע. דאָס איז געווען די צייט וואָס אַלע האָבן געמוזט אַרבעטן אין געטאָ, אַפילו קליינע קינדער. עס הערט זיך דאָס קלאַפּן און שלייפן די נאָדלען. מיט שנעלע באַוועגונגען אַרבעטן די קינדער־הענטלעך.

יאַנקל:

(ניין יאָר אַלט):

איך וויל שוין זיין אין דער היים. די מאַמע מיינע פילט זיך שלעכט און זי איז איינע אַליין.

משהל:

(אַכט יאָר אַלט):

יאַנקל, איך וויל מיט דיר היינט אַהיימגיין און דיר העלפן אין שטוב.

יאַנקל:

ניין, משהל, איך וויל אַליין גיין, דיין טאַטע וועט איבערקלערן.

משהל:

וועל איך קומען שפּעטער, עס איז דאָך נישט ווייט פון מיין הויז צו דיר.

יאַנקל:

דו ווייסט, איך קאָן נישט פאַרגעסן די נעכטיקע צווי דייטשן וואָס זענען געקומען זען, ווי מיר אַרבעטן. האָסט געזען, ווי זיי האָבן זיך געשושקעט און די אויגן ביי זיי זענען געווען, ווי ביי גזלנים? ווען מיינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט זייערע, איז מיר קאַלט געוואָרן... איך האָב עפּעס אַזוי מורא פאַר זיי. דו ווייסט דאָך — זיי האָבן מיין טאַטן אַוועק־געשיקט...

משהל:

יאַנקל, מען וועט באַלד קלינגען נאָך דער זופּ (מען קלינגט). זעסט, איך האָב געזאָגט, אַז מען וועט קלינגען (כאַפּן די טעפּלעך און שיסלען, איילן זיך אין דער ריי נאָך דער זופּ).

1טער:

שנעלער, שנעלער, כ׳וויל עסן, מיר האָבן היינט נישט געהאַט קיין ברויט, פאַרוואָס טיילט מען נישט?

2טער:

אוי, ווען איך קריג היינט אַ זופּ, און דער לעפל קאָן שטיין — וואָלט דאָס געווען גוט (די ריי רוקט זיך, חברה שרייען: „שנעל, שנעל״).

יאַנקל:

(אָוועקגייענדיק פון קעסל, מישט די זופּ):

משהל, ביי מיר איז דריי!

משהל:

יאַנקל, ביי מיר איז פיר!

יאַנקל:

(מישט און געפינט):

ביי מיר איז אויך פיר...

משהל:

גרויסע שטיקער קאַרטאָפל!

יאַנקל:

גאַנצע רעדער, און ביי דיר, משהל?

משהל:

האַלבע שטיקער, אָבער די זופּ איז היינט געדיכט... (עסן שנעל, קראַצן אויס די שיסלען, עס הערט זיך קלינגען, מען הייבט אָן אַרבעטן). איך וואָלט שוין געוואָלט, אַז ס׳זאָל זיין נאָך דער אַרבעט. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל דער מאַמען צוגעבן אַ ביסל וואַסער.

יאַנקל:

טראַכט נישט אַזויפיל, נאָך אַ ביסל, און מען וועט ענדיקן די אַרבעט — וועלן מיר אַהיימגיין.

משהל:

עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז מען האָט גענומען די מאַמע אין שפּיטאָל אַריין. די מאַמע האָט שוין געהאַט אַ צעטל צוויי וואָכן צו גיין אין שפּיטאָל אַריין.

יאַנקל:

פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערציילט, אַז דיין מאַמע האָט אַ צעטל צו גיין אין שפּיטאָל?

משהל:

דו ווייסט דאָך, יאַנקל, וואָס עס הייסט גיין אין שפּיטאָל, די דייטשן פירן דאָך אַוועק... יאַנקל, גיי אַרויס און זעט ווי שפּעט עס איז (גייט אַרויס און קומט אַריין צו לויפן).

יאַנקל:

צען מינוט צו פינף. מיר וועלן גיין בײדע צוזאַמען צו דיר אַהיים (דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער, ס׳הערט זיך אַ קלונג. קליינוואַרג לויפט איבער די טישן, פאַרשמירט פון טאָג אַרבעט. יעדער איינער איז באַהאַנגען מיט אַ טעפל, שיסל, פענדל און אַרומגעצויגן מיט אַ שנור איבער די לענדן. אין מיטן לויפן הערט זיך דעם אויפזעערס שטימע):

אויפזעער:

קינדער! איך וויל אייך עפּעס זאָגן (אין מיטן לויפן בלייבט יעדער איינער פאַרגליווערט אין זיין באַוועגונג). עס דאַרף פאָרקומען אַן אַקציע. די דייטשן ווילן אַלע קינדער צונעמען פון געטאָ. איז געדענקט וואָס איר האָט צו טאָן... מען דאַרף נישט אַלץ רעדן. יעדער איינער פאַרשטייט וואָס איך מיין, מען דאַרף זיך... קיין אַנדער עצה איז נישטאָ.

יאַנקל:

וואָס דאַרף איך מורא האָבן? איך אַרבעט דאָך ווי אַ גרויסער...

משהל:

איך אַרבעט דאָך זייער שנעל, איך גיב אַרויס אַ סך נאָדלען, כדי איך זאָל קאָנען בלייבן אין געטאָ מיט מיין מאַמען.

אויפזעער:

אַלץ איז אמת, איר, קינדער, קענט דאָך זיי... אַפילו ווען זיי וועלן

זאָגן, אַז די קינדער וואָס אַרבעטן וועט גאָרנישט געשעען, זאָלט איר אייך נישט גלייבן. איר דאַרפט זיך ראַטעווען אַליין, יעדער אויף זיין אופן. קיינער קאָן פאַר אייך גאָרנישט טאָן. מיר געפינען זיך אין געטאָ...

יאַנקל:

וואָס דאַרף מען טאָן?

אויפזעער:

(קוקט זיך אַרום):

יעדער איינער פון אייך זאָל זיך באַהאַלטן, אַ באַהעלטעניש קאָן יעדער איינער געפינען. די קינדער וואָס וווינען איבער דער בריק איז לייכטער זיך צו באַהאַלטן אין גריבער אויף די פעלדער. אַז איר גייט אַהיים זאָלט איר וויסן וואָס צו טאָן, נישט זיין ווילד. יעדער איינער פון אייך זאָל געדענקען וואָס כ'האָב געזאָגט...

משהל:

ווי לאַנג וועט דויערן די אַקציע?

אויפזעער:

מען זאָגט, אַ וואָך צייט. אַלע רעסאָרטן וועלן זיין געשלאָסן...

יאַנקל:

אַ וואָך צייט? ווי קאָן מען זיך אויסבאַהאַלטן אַ וואָך?

אויפזעער:

אפשר וועט דויערן ווייניקער, וואָס קאָן מען וויסן? ביי זיי ווייסט מען קיינמאָל נישט... און איצטער, קינדער, גייט אַהיים, אָבער אָן געפילדער, אָן רעש. ווען איר וועט הערן, אַז מען שליסט די פאַבריקן, זאָלט איר וויסן וואָס צו טאָן. געדענקט, באַהאַלט זיך, נאָר דאָס קאָן אייך ראַטעווען. אַ גוטע נאַכט, קינדער, מיר זאָלן זיך זען... (אַלע קינדער זענען זיך צעגאַנגען, משהל און יאַנקל זענען געבליבן פון די לעצטע).

אויפזעער:

אויף וועמען וואַרט איר, קינדער?

משהל:

מיר ווילן מיט אייך רעדן. אפשר וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט, אַז מירביידע זאָלן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן? מיר וווינען אויף דער זייט,

נישט איבער דער בריק. מיר ווילן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די קאַסטנס פון נאָדלען, דאָ וועט דאָך קיינער נישט קומען זוכן.

יאַנקל:

מיר וועלן זיך אַריינלייגן אין די קאַסטנס. קיינעם וועט דאָך נישט איינפאַלן, אַז מיר געפינען זיך אין די קאַסטנס.

אויפזעער:

טייערע קינדער, דאָ וועט זיין געשלאָסן און עס וועט זיכער קומען פּאָליציי האַלטן וואַך. אפשר וועט זי זוכן אין פאַבריק. וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט אייך און מיט מיר?

משהל:

אַז מען וועט זוכן און זיי וועלן אונדז געפינען, וועט מען אונדז צונעמען און מיר וועלן וועגן אייך גאָרנישט זאָגן.

אויפזעער:

און אַז עס וועלן קומען נאָך קינדער?

יאַנקל:

וועלן זיי זיך אויך אויסבאַהאַלטן, זאָלן זיך ראַטעווען נאָך אַ פּאָר קינדער.

אויפזעער:

גייט אַהיים, קינדער, גרייט זיך צו, נעמט זיך מיט וואָס איר האָט צום עסן און קומט ווען ס'וועט זיין פינצטער.

משהל:

מיר וועלן זיך צוגרייטן און אויב יאַנקלס טאַטע וועט קענען, וועט ער אונדז ברענגען עפּעס צו עסן.

יאַנקל:

מיין טאַטע וועט שטיין אויף דער וואַך, ער וועט זיכער אונדז ברענגען עפּעס צום עסן.

אויפזעער:

קינדער, איילט זיך און קומט ווען ס'וועט זיין פינצטער. איך וועל דערוויל צוגרייטן, צוזאַמענרוקן די קאַסטנס און אונטן אָפן לאָזן די שפּאַרעס ס'זאָל אַריינגיין לופט. גייט קינדער, ס'ווערט שפּעט (ביידע לויפן אַרויס).

פאָרהאַנג

אַלטשו־לאַגער

אַ דריישטאָקיק הויז, אָן פענצטער, טירן, דילן. עס ליגן צענד־ליקער טויזנטער שיך וואָס ווערן געשיקט פון די פאַרניכטונג־לאַגערס. אויף דעם באַרג שיך שטייען דריי אַרבעטער און קלייבן שיך צום צעטרענען. זיי וואַרפן אין די זעק אַריין די שיך, וואָס ווערן צעטרענט אין די וואַרשטאַטן אין אַלטשו־לאַגער. בעת די שיך ווערן צעטרענט זיצן פּאָליציילייט און היטן. וואָס עס ווערט געפינען אין די שיך נעמען זיי צו. אין די שיך האָבן מענטשן באַהאַלטן זייער האָב און גוטס: געלט, בריליאַנטן, ווערטפולע חפצים.

גאָלדבערג:

אַ וועלט מיט וועלטלעך. אָט די שיך זענען פון אונדזערע נאָענטע, וואָס זענען אומגעקומען. ווער ווייסט וואָס שפעטער וועט זיין — צי אַנדערע וועלן נישט זוכן אין מיינע שיך...

ווילטשיקאָווסקי:

אַז איך גיב אַ כאַפּ אַ קוק אויף דעם באַרג שיך, באַפאַלט מיך אַ שרעק, ווען ס׳קומט מיר אויס צו נעמען אַ זאַק שיך צו דער אַרבעט, באַמי איך זיך נישט צו גיין אַליין.... אין יעדן שוך זע איך אַ מענטשלעך פּנים. קוק זיך צו, צו אָט דעם צעקנייטשן שוך... ווער ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם מענטשן, וואָס האָט געטראָגן דעם שוך. נו, לאָמיר שוין גיין,

זאַלצמאַן:

גאָלדבערג, איז דאָס אמת, אַז מען האָט געפונען אין מאַגאַזין אַ דאַמען־טאַש, און אינעווייניק איז געווען אויפגעשריבן מיט אַ בלייער: „יידן ווערן מאַסנוויז פאַרברענט״?

גאָלדבערג:

רעד עס נישט איבער, דאָס איז אַ סוד אין לאַגער. פאַראַן נאָך אַ באַווייז, אַז די מענטשן וואָס ווערן אַרויסגעשיקט פון געטאָ לעבן נישט. די וואָך האָט מען געפונען אַ שיכל פון דער פרוי יאַקובאָוויטשעס קינד. זי אַרבעט אין מאַגאַזין ביים סאָרטירן די שיך. בעת דער לעצטער אַקציע

האָט מען ביי איר צוגענומען דאָס קינד. אַלע זאַכן, וואָס דאָס קינד האָט געטראָגן, זענען געווען געצייכנט מיט איר נאָמען. און דאָס שיכעלע איז טאַקע פון איר קינד. אַ צווייטע פרוי וואָס אַרבעט מיט איר האָט עס געפונען.

ווילטשיקאָווסקי:

לעצטנס איז נישט צו דערקענען די פרוי. איך האָב מורא, אַז זי וועט עס נישט אויסהאַלטן. נו, מיר האָבן שוין פולע זעק, לאָמיר גיין.

גאָלדבערג:

לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּרוען (זעצן זיך אויפן באַרג שיך, ס'ווערט טונקעלער. פון דער רעכטער זייט הייבן זיך אָן שיטן שיך, פּראָטעזן, ברוך־גאַרטלען, ברילן, פּאַרטפּעלן, דאַמען־טאַשן, קעמעלעך. עס שטעלט זיך אויף אַ פּראָטעזע פון אַ מענער־פוס, הייבט אָן גיין. פון דער צווייטער זייט קומט אַנטקעגן אַ שוך מיט אַ הויכן קלאַץ, וואָס אַ לאַמער האָט געטראָגן; אַ פּאָר ברילן שוועבן אין דער לופטן; אַ ברוך־גאַרטל הייבט זיך אויף. אַלץ באַוועגט זיך).

פּראָטעזע:

געגאַנגען מיט אים אַ האַלבן לעבן, גלייכע וועגן געגאַנגען, נישט קיין קרומע... געמיינט, כ'וועל בלייבן מיט אים. נישט באַשערט געווען, געפאַלן פון אַ קויל...

שוך:

מיט די שטיוול האָבן זיי מיך געטראָטן מיט אים צוזאַמען, פאַרלוירן אים... געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט. ער האָט זיך געהאַלטן מיט אַלע כוחות, נישט אויסגעהאַלטן...

בריל:

געקוקט און אַלץ געזען. ער האָט אויך געטראָגן ברילן, דער מער־דער... ער האָט נאָך מער געשלאָגן פאַרוואָס ער טראָגט אויך ברילן, געשלאָגן מיט דער שפּיצרוט איבער די אויגן, ווו איך בין געזעסן. זיי האָבן מיר צעבראָכן די גלעזער. עס האָבן אַרויסגעקוקט האַלב־טויטע אויגן און געפרעגט זיך: פאַרוואָס? איז דער דייטש ווילד געוואָרן און נאָך מער געשלאָגן, ביז מען האָט אים פאַרפייניקט. בין איך געבליבן

ליגן אויף דער ערד. איך זע זיין צעריסן פּנים. איך קען דאָס נישט פאַרגעסן...

גאַרטל:

געהאַלטן אים, געמאַכט אים לייכטער אין יעדער אַרבעט. ער האָט שווער געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, געוואָלט מיך איבערלאָזן אין געטאָ, אָבער נישט געקאָנט אָן מיר זיך באַוועגן, האָט ער מיך גענומען, און מיר זענען געקומען ביז דער גאַז־קאַמער. דאָרט האָט דער רויקער אויסגע־רעכנטער מערדער געזאָגט גאַנץ געלאַסן: „אַלעס אויסציען", האָט ער אַלץ אויסגעטאָן, און מיך אויך. בין איך געבליבן אויף דער ערד מיט אַלע אויסגעטוענע מלבושים. מען האָט אַלץ צוזאַמענגענומען און געוואָרפן אין די זעלבע וואַגאָנען מיט וועלכע מען האָט די מענטשן געבראַכט אַהער. איך פיל נאָך איצט זיין וויטאָג, כ'האָב אים נישט געקאָנט העלפן.

קאַם:

געקעמט אירע בלאָנדע לאָקן, אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: ווי אַזוי קעמט זי די האָר אַזוי שיין. איך האָב געהאַט אַ חלק אין דעם, אַן אמתער פריינד איר געווען. זי האָט מיך אומעטום מיטגעטראָגן, אַפילו אין פאַר־פלאָמבירטן וואַגאָן קיין אוישוויץ. איך בין געווען באַקוועם אין האַנט צו האַלטן. מיין פאַרב איז געווען העל. ענלעך צו אירע האָר. מען האָט אונדז אַרויפגעוואָרפן אויף די וואַגאָנען — איך בין אַלץ געווען ביי איר אין האַנט. געמיינט — אַ שיינע, אַ בלאָנדע, אפשר וועט מען זי נעמען אויף אַרבעט, האָט זי נישט געהאַט דאָס גליק, און מען האָט זי געשיקט אין גאַזקאַמער. אין די לעצטע מינוטן האָט זי מיך פעסט געהאַלטן, אָבער ווען זיי האָבן אָנגערייצט די גרויסע וועלף־הינט און די זעלנער האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מיט פאַלקעס איבער די קעפּ, אַז די מענטשן זאָלן וואָס שנעלער לויפן אין די גאַז־האַלעס — האָט זי מיך פאַרלוירן. מען האָט מיך געטראָטן מיט די פיס. פון די צעבלוטיקטע קערפּערס האָט זיך מיין געדיכטע זייט פאַרבלוטיקט. איך בין געוואָרן צוגעוואָרפן צו דער טיר פון דער גאַזקאַמער. איך האָב געהערט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון קינדער און זייערע מאַמעס, אָבער לאַנג האָב איך די קולות נישט געהערט. אַ פּאָר מינוט — און אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט, ביז די אויסראָטער זענען געקומען און די טירן האָבן זיך אויטאָמאַטיש געעפנט אָפּצורוימען די אָפּגעטוענע אַרבעט... מערדער־הענט האָבן געבראַכט

וועגעלעך, אַרויפגעלייגט די מתים און צוגעפירט זיי צו דער קרעמאַטאָריע, אָדער צו די אָפענע גריבער צום פאַרברענען. צווישן די טויטע האָב איך דערקענט מיין פריינדין. אירע שיינע האָר זענען נישט געווען צום דערקענען. דער גאַז־סם האָט פון אַלע אַריינגעטריבענע מענטשן געמאַכט איין קנויל. מען האָט געמוזט פונאַנדעררייסן די קערפּער, און ביי אַ סך זענען די ציין אַרויס פון די יאַסלעס. זיי האָבן אויך געבראַכט וואַסער־קישקעס, וואָס האָבן אָפּגערייניקט יעדן שפּור פון בלוט.

(פאַרשווינדט. אַ בלויע פּילקע הייבט זיך אָן באַוועגן)

פּילקע:

ווו ביסטו, חנהלע? דיינע הענטלעך האָבן זיך אַזוי שיין געשפּילט מיט מיר. געדענקסט, חנהלע, זומער אין גאָרטן, ווי דו האָסט זיך מיט מיר געשפּילט און אַזוי שטאַרק געלאַכט ווען דו האָסט מיך אין דער הייך געוואָרפן, געפּאַטשט מיט די הענטלעך? חנהלע! וועט ווער זיך מיט מיר שפּילן? ווו וועל איך זיך אַהינטאָן? איצטער ליג איך דאָ אויף דעם באַרג אָנגעוואָרפענע זאַכן, און מערדער־הענט קאָנען מיך נאָך אויפהייבן און אַהיימטראָגן פאַר זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך מיט מיר שפּילן. איך וויל נישט גיין צו זיי. איך וויל, אַז דיינע פינגערלעך זאָלן זיך מיט מיר שפּילן, חנהלע!

(די פּילקע פּלאַצט)

(די דריי כאַפּן זיך אויף, ווי פון אַ חלום, קוקן זיך אַרום און נעמען די זעק אויף די פּלייצעס)

דריי:

נו! מיר גייען!

פאָרהאַנג

אין שולגעסל

דאָס שולגעסל אין לאָדזשער געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַכער־מאַרק. די באַרימטע לאָדזשער אַלטשטאָטישע שול ליגט אין חורבות. בערגלעך ערד מיט שטיקער מויערן קוקן אַרויס פון דער ערד. געטאָ־מענטשן, אַמערסטן יונגע, כאַפּן אַ קוק נאָך דער אַרבעט אויפן מאַרק. יעדער איינער נעמט עפּעס מיט צו פאַרקויפן פון זיין פּראָדוקטן־צוטיילונג. דער מאַרק איז מערסטנטייל באַלאַגערט פון דייטשע יידן, וואָס זענען געוואָרן אַריינגעשיקט אין לאָדזשער געטאָ. זיי פאַרקויפן: מענער־העמדער, שיך, הויזן, בלוזן, זאָקן, פּאַרפום, מעדיקאַמענטן. אַ טייל געטאָ־מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך איינקויפן אַ פּאָר שמאַטעס, האָבן מיטגעבראַכט: אַ שטיקל ברויט פון אַ פערטל פונט, אַ שטיקעלע מאַרגאַרין, אַ קליין גלעזל צוקער, אַ טעפּעלע שוואַרץ מעל, דריי קאַרטאָפל, אַ גלעזל אַרבעס, אַ טאַרבעלע ערזאַץ־קאַווע, אַ זופּ אין אַ טעפּל.

פ ר ו י:

(אין די דרייסיקער):

זעען זי די זופּ, אַ טייערע פרישע געשמאַקע זופּ, מיט אַ סך קאַרטאָפל, און נישט טייער, צען מאַרק.

ד י י ט ש ע ר י י ד:

(אין די פערציקער, טראָגט ברילן):

אַך, מיין גאָט! די זופּע איז דאָך גרין...

פ ר ו י:

ענטשולדיקן זי, דאָס טעפּל איז גרין, נישט די זופּע.

ד י י ט ש ע ר י י ד:

איך וועל קויפן אַ שטיקכען מאַרגאַרין בעפּאָר, פיליייכט וועל איך שפּעטער קויפן...

מ י י ד ל:

(ניינצן יאָר אַלט, אויסגעמאַגערט, זעט אויס פון פערציק):

דריי קאַרטאָפל האָב איך צו פאַרקויפן, זען זי ווי גרויס, דריי זופּן קענען זי מאַכן.

דייטשע פרוי:

(לאַכט):

איינע זופּע וועט אויך זיין שיין. וויפל וואָלן זי?

מיידל:

אין בלוזע אונד איין...

דייטשע פרוי:

(לאָזט זי נישט ענדיקן):

איך וועל שאָן קיינע זופּע מאַכן הויטע. (אָפּ)

פרוי:

(אין די פערציקער, האַלט אין אַ קליין פּעקעלע איינגעוויקלט אַ שטיקל ברויט, זי האַלט עס ווי אַן אוצר)

דייטשער ייד:

וויפל וואָלן זי פאַר דיזע פּאָרציאָן ברויט?

פרוי:

איך וויל דאָס קלייד וואָס זי האָבן און איין פּאַר זאָקן.

דייטשער ייד:

צופיל. (באַטראַכט זיך) **דאָס קלייד בעקאָמען זי, מער נישט.**

פרוי:

זעען זי, עס איז דאָך אַ גרויסע פּאָרציע ברויט...

דייטשער ייד:

דאָס קלייד איז גרעסער.

פרוי:

לאַכן זי נישט אַזוי, ברויט איז לעבן, און אַ קלייד איז דאָך אַ קלייד...

דייטשער ייד:

(דערזעט אַ ייִנגל מיט אַ גלעזל אַרבעס, רופט אים).

קאָם דאָך, יונגע! וויפל ווילסטו פיר די ערבסטן?

יינגל:

איך וויל אַ ביסל אַגאַנטאל פאַר מיין מאַמען. זי איז קראַנק די מאַמע, קאָן נישט גיין. זי קומען פון דייטשלאַנד, אפשר האָבן זי דאָס. איך וועל אין צוגעבן אַ ביסל קאַווע אויך.

(באַטראַכט דאָס יינגל, נעמט אַרויס פון טאַש אַ פלעשל און גיסט אַריין אַ ביסל אין אַ צווייט פלעשעלע)

נעם דאָס, יונגע, געי צו האַוזע אונד גיב דיינע מוטער...

יינגל:

(כאַפּט מיט דאַרע הענט, שפּרינגט אויף פון פרייד, שרייט אויס):

דאַנקע שיין! (אָפּ).

מיידל:

(עלף יאָר אַלט, מיט אַ זעקל קוילן)

דייטשע פרוי:

(אין די פופציקער. קוקט זיך איין אין דעם מיידעלע מיט די קוילן)

וואָס ווילסטו פאַר דיזע קוילן?

מיידעלע:

עפּעס צום עסן פאַר מיר און פאַר מיין ברודער.

דייטשע פרוי:

איך זוך אַליין וואָס צו קויפן. איך קאָן דיר געבן געלט.

מיידעלע:

איך וויל נישט קיין געלט, פאַר דעם געלט קען מען גאָרנישט קריגן. איך וויל בלויז, כ׳זאָל קענען מאַכן אַ ביסל זופּ פאַר מיין ברודערל, מיר האָבן נישט קיינעם.

יינגל:

(אַ געלער מיט אַן אויסגעצויגן העלדזל, מיט אַ ניגון):

סאַכאַרין! סאַכאַרין! קומט פון ווין, קומט פון ווין, סאַכאַרין צו פאַר־קויפן. בעסער ווי צוקער... ווער קויפט? ווער קויפט?

1טע פרוי:

(אַהיימגייענדיק, רעדט צו דער צווייטער פרוי):

איינגעהאַנדלט אַ פּאָר שמאַטעס. איך האָב נישט קיין כוח אַהיימצוגיין.
וואָס האָט איר געקויפט?

2טע פרוי:

איך האָב נישט געקויפט קיין שמאַטעס, איך האָב געוואָלט קויפן אַן איינשפּריצונג פאַר מיין מאַן, ער ליגט צו בעט. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז דאָס וועט אים גוט מאַכן. איר זאָלט נישט זיין בייז — היינטיקע צייטן קויפט מען נישט קיין שמאַטעס. און פאַר וואָס? פאַר אַ שטיקל לעבן. אַז מען פאַרקויפט אַ שטיקל ברויט, פאַרקויפט מען אַ שטיקל לעבן. ווער דאַרף היינט שמאַטעס? ווער ווייסט ווו מיר וועלן אַהינ־קומען?

1טע פרוי:

מען וויל דאָך אויסזען מיט מענטשן גלייך. איך בין דאָך אַליין...

2טע פרוי:

טאָקע ווייל איר זענט אַליין און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זאָרגן פאַר איך — פאַרקויפט מען נישט קיין עסן...

יינגל:

סאַכאַרין, סאַכאַרין! סאַכאַרין צו פאַרקויפן.

(ס'ווערט אַ געלויף. די פּאָליציי יאָגט. אַלע מיט זייערע סחורות אויף די הענט הייבן אָן צו פאַרשווינדן. אַ יינגל און אַ מיידל קומען אָן, באַהאָנגען מיט מכשירים און זעקלעך).

מיידעלע:

(אַכט יאָר אַלט):

אפשר וועל איך היינט האָבן מער מזל. נעכטן האָב איך גאָרנישט געפונען דאָ אויפן שולהויף.

יינגל:

(צען יאָר אַלט):

מען דאַרף גראָבן, נישט רעדן... און אַז איך האָב דאָ עפּעס געפונען האָט מען מיך געכאַפּט און מען האָט מיך גוט געשמיסן. איך האָב זיך געבעטן ביי דער פּאָליציי און זיי געזאָגט, אַז איך וועל מער נישט גיין גראָבן קוילן, געבעטן מען זאָל מיך אָפּלאָזן. עס האָט נישט געהאָלפן, צען שמיץ האָבן זיי מיר געגעבן. איך קאָן נאָך היינט נישט זיצן...

מיידעלע:

איך האָב געהאַט מער מזל. יענע וואָך האָבן זיי מיך אויך געכאַפּט, האָב איך אָנגעהויבן וויינען, און שטאַרק געוויינט, האָבן זיי מיר בלויז געגעבן צוויי פּעטש און אַרויסגעוואָרפן. דו האָסט אַוודאי נישט געוויינט?

ייִנגל:

איך האָב יאָ געוויינט, אָבער ווען מען האָט מיך געשמיסן. לאָמיר בעסער גראָבן, נישט רעדן, אפשר וועלן מיר היינט זיין מער מזלדיק. (גראָבן)

מיידעלע:

זע נאָר, זע. אָט האָב איך געפונען... קוילן...

ייִנגל:

יאָ, דאָס איז קויל, אָבער איך מוז אויך געפינען. איך וועל דיר העלפן אַרויסגראָבן, שפּעטער וועל איך גראָבן.

מיידעלע:

ניין, דו דאַרפסט נישט גראָבן, אויף היינט וועט זיין גענוג, מיר וועלן זיך טיילן (ביידע כאַפּן זיך אַרום). און איצט לאָמיר גיין אַהיים, מיר וועלן עס צעקלאַפּן און מאַכן וואַרעם אין שטוב, טרינקען קאַווע און צועסן קאַווע־פּלעצלעך... (דאָס ייִנגל נעמט דאָס זעקל אויף דער פּלייצע און דאָס מיידעלע העלפט אים)

פאָרהאַנג

דאָס קאַווע־געוועלבל

אַ פּראָנט־צימער מיט אַ גרויס פענצטער. אַ האַלב פענצטער איז פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. לאַנגע טישן פון בײדע זײטן צימער. אין הינטערגרונט — אַן אויוון פון ציגל, ווו עס איז אַרײנגעמויערט אַ קעסל אין װעלכן עס קאָכט זיך די קאַווע. דער בעל־הבית, מענדל, האָט אַ פרוי מיט דרײ קינדער. די טיר האַלט זיך אין אײן אויפמאַכן און צומאַכן, מענטשן קומען און מענטשן גײען — יעדער אײנער מיט אַ קענדל, טשײניק, טעפּל, אָדער אַ פלאַש. מען קויפט קאַווע מיט אַ פּאָר סאַכאַרינקעס און מען לויפט אַהײם. מענדל מישט אָפּט דעם קעסל, נאָך דעם ווי ער וואַרפט אַרײן אין קעסל ערזאַץ־קאַווע. אַז עס הײבט אָן קאָכן, גיסט ער וואַסער, ס׳זאָל זײן מער...

פרוי:

(אין די פּופּציקער קומט אַרײן):

גוט־מאָרגן, מענדל, די קאַווע האָט געקאָכט?

מענדל:

גוט־יאָר. געקאָכט, געקאָכט, עס זאָל „זײ" אַזוי קאָכן אין די קישקעס, ווי די קאַווע האָט געקאָכט.

פרוי:

(הײבט די פּלײצע פון קעלט):

מענדל, גיט מיר פיר סאַכאַרינקעס און אַ פלאַש קאַווע (נעמט די קאַווע, אָפּ).

יונה:

(אַן עלטערער ייד, קומט אַרײן):

גוט־מאָרגן, מענדל, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכן דײנע חברה?

מענדל:

אַ גוט יאָר, רב יונה. וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר זיך?

יונה:

אַזוי, מען זופט די יושקע, מענדל. מען װעט דאָס נישט

אויסהאַלטן. איך, זעסטו, בין שוין אַן עלטערער מאַן, אָבער די יונגע, פאַר זיי טוט מיר ווי דאָס האַרץ. זיי גייען אַוועק פריצייטיק פון דער וועלט, זיי האָבן דאָך גאָרנישט געגאָסן פון לעבן... יאָ, יאָ, אַ געטעלע מיט אַ דיעטעלע אויף אונדזערע קעפּ...

מענדל:

רב יונה, מען זאָגט דאָך. אַז זיי גייען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ...

יונה:

מען זאָגט שוין ווידער, מען האַלט אין איין זאָגן, און זיי, ימח שמם, האַלטן אין איין טאָן אונדז שלעכטס. לויט ווי מען רעדט, האָט שוין געדאַרפט זיין נאָך דער מלחמה. וואָס קומט אַרויס? זיי פירן דאָך די מלחמה קעגן אונדז, שוואַכע, טאָ ווער קאָן געווינען? מענדל, גיב נאָך אַ טעפּל קאַווע און איין סאַכאַרינקע.

מענדל:

רב יונה, לאָמיר נישט פאַרלירן די האָפענונג. יידן זענען שוין אַדורכ־געגאַנגען פאַרשידענע שווערע צייטן און האָבן אַלץ איבערגעלעבט, זאָל מען איצט אויך נישט אויפגעבן.

יונה:

ניין, מענדל, איצט איז עפּעס אַנדערש. אין אונדזערע הייליקע ספרים ווערט נישט דערציילט פון אַזעלכע גרויזאַמקייטן, דאָס איז נאָך נישט געווען און דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט. זיי, די עמלקס, האָבן זיך אויף אונדז פאַרנומען, זיי ווילן אונדז פאַרטיליקן. דו פאַר־שטייסט וואָס איך רעד צו דיר, מענדל? נו, זיי מיר געזונט, מען מוז לויפן (אָפּ)

יאָסל:

(זיבעצן יאָר אַלט, מאַכט אויף די טיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ און פרעגט):

גוט־מאָרגן! מלכה איז געווען היינט?

מענדל:

נישט געווען, אפשר שפּעטער.

יאָסל:

זי האָט געדאַרפט זיין, איך וועל אַרויפלויפן צו זיי אין שטוב. (אָפּ)

מלכה:

(קומט אַריין):

גוט־מאָרגן, מענדל, יאָסל איז שוין געווען דאָ?

מענדל:

געווען און איז אַרויף צו דיר, ער האָט זיך שטאַרק געאיילט.

יאָסל:

(קומט אַריין שטאַרק צעטראָגן):

גוט־מאָרגן, מלכה, גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן, מיר וועלן היינט גיין צוזאַמען צו דער אַרבעט, דערווייל לאָמיר טרינקען אַ טעפל קאַווע (ביידע זעצן זיך ביים עק פון טיש לעבן דער טיר) האָסט געהערט, מלכה, די נייעס?

מלכה:

ניין, וואָס האָט פּאַסירט?

יאָסל:

נעכטן שפּעט ביינאַכט איז צוגעפאָרן די ברישקע פון דער קריפּאָ. (קרימינאַל־פּאָליציי) אויף דער פעפער־גאַס און זיי האָבן געכאַפּט צוויי פּערזאָן ביים קעסטל (ראַדיאָ). ווער ווייסט וויפל מענטשן עס וועלן פאַר־לירן זייערע לעבנס. איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, איך האָב געטראַכט נאָר וועגן דיר...

מלכה:

(מיט שרעק):

אוי, איך בין נעכטן געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געהערט וויכטיקע נייעס.

יאָסל:

איך האָב געוואָלט גיין היינט צו דיר און הערן אַ ביסל נייעס... אָבער מיר וועלן עס מוזן אָפּלייגן ביז עס וועט ווערן שטיל וועגן די געכאַפּטע ביים קעסטל...

מלכה:

יאָסל, באַרואיק זיך, צו מיר קומען דאָך נישט קיין פרעמדע מענטשן. וואָס דאַרפסטו זיין אַזוי אויפגערעגט? איך וועל היינט דאָס קעסטל

באַהאַלטן... די לאַגע איז זייער גוט, מען רעדט שוין וועגן אַ צווייטן פראָנט, און מען האַלט אין איין באָמבאַרדירן די דייטשע שווער־אינדוס־טריע. די ענגלענדער באָמבאַרדירן ביינאַכט, און די אַמעריקאַנער און רוסן באָמבאַרדירן נאָר בייטאָג. און איצט וועגן פוילן: דער מאַרש אויף וואַרשע גייט אָן, די רוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי וואַרשע, לויט ווי דער באַריכט זאָגט, איז די לאַגע אַ גוטע. דאָס דייטשע מיליטער ווערט מאַסנווייז פאַרפרוירן אויף די רוסישע שלאַכטפעלדער. מען האָט אויך איבערגעגעבן, אַז דער דייטשער לופטפלאָט איז אין אַ געוויסער מאָס פּאַראַליזירט. לאָמיר האָפן, אַז זייער סוף קומט, און גאָר בקרוב.

יאָסל:

מיין שיינע מלכה, אַלץ איז זייער גוט, אָבער וואָס וועט זיין מיטן געטאָ? זעסט דאָך, מען האַלט אין איין אַרויסשיקן מענטשן, און מיר ווייסן זייער גוט, וואָס דאָס הייסט אַרויסשיקן פון געטאָ, דאָס איז דאָך אַ זיכערער טויט...

מלכה:

וואָס קאָן מען טאָן? וואָלטן מיר כאָטש געווען באַוואָפנט מיט עפּעס, וואָלטן מיר געקאָנט טראַכטן... מיר זענען אומבאַהאָלפן, איזאָלירט פון אַלע, אַרום אונדז — זעלנער און דראָטן...

יאָסל:

ווער ווייסט וואָס זיי וועלן נאָך מיט אונדז מאַכן... ביי זיי איז אָנגע־צייכנט אונדז אויסצוראָטן ביזן לעצטן. מיר זענען אַפילו נישט נאָענט פון וועלדער, וווּ מען זאָל זיך קאָנען ראַטעווען. מלכה מיינע, מיר זענען פאַרלוירן...

מלכה:

יאָסל טייערער, מיר דאַרפן נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט. לויט די לעצטע ידיעות קאָן מען נאָך באַפרייט ווערן, און זיי וועלן נישט באַוויזן עפּעס צו טאָן מיט אונדז. אַמעריקע, ענגלאַנד, רוסלאַנד זענען אַ גרויסער כוח און מען קאָן דערוואַרטן אַ שנעלן סוף.

יאָסל:

מלכה, איך בין מסכים מיט דיר, איך צווייפל נישט אין דעם, אָבער די מערדער וועלן אונדז פריער פאַרניכטן.

מלכה:

יאָסל, איך דערקען דיך נישט היינט. אפשר האָט אויף דיר געווירקט די נייעס מיטן „קעסטל" וואָס מען האָט נעכטן געכאַפּט? זאָרג זיך נישט, איך וועל אַלץ באַהאַלטן, מיר וועלן צוװאַרטן אַ פּאָר טעג און נישט הערן דערוויל די נייעסן. נעם זיך נישט צופיל צום האַרצן, דו וועסט נישט ענדערן די לאַגע אין געטאָ. מיר זענען פאַרשפּאַרט און מיר קאָנען גאָרנישט מאַכן. מיר מוזן וואַרטן, האָבן אויסדויער. עס איז מלחמה, מען קאָן גאָרנישט אויסרעכענען. איך גלויב, אַז די באַפרייאונג קומט און גאָר שנעל (נעמט זיין האַנט און גלעט זי). דו ווייסט דאָך, יאָסל, אַז איך האָב דיך...

יאָסל:

איך ווייס עס, מלכה. ווען נישט דו, וואָלט איך בכלל נישט געהאַט קיין אינטערעס, אַזוי טייל איך זיך מיט דיר... עס איז דאָך פיינלעך צו קוקן ווי די געטאָ־מענטשן ראַנגלען זיך... קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן עס איז.

מלכה:

איך קוק זייער מאָדנע אויף דעם לעבן אין געטאָ. מען האָט חתונה, מען האָט קינדער, און דאָס הייסט ליב האָבן זיך... און מיר, יאָסל, האָבן זיך דאָך אַזוי ליב, און פאַרוואָס טראַכטן מיר נישט וועגן חתונה האָבן ?...

יאָסל:

די אַלע, וואָס גייען צו חופה, זענען נישט נאָרמאַל. ביי אַזאַ לאַגע חתונה האָבן און האָבן קינדער...

מלכה:

דאָס איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן פון די מענטשן...

יאָסל:

מלכה, עס איז צייט צו גיין אין פאַבריק, פאַרגעס נישט וואָס איך האָב דיר געזאָגט, נעם עס אין גאַנצן פון שטוב אַרויס, עפּעס שרעקט מיך...

מלכה:

זיי רואיק, יאָסל, איך וועל אַלץ מאַכן. מיר זעען זיך נאָך דער אַרבעט. זיי געזונט.

יאָסל:

מיר וועלן זיך זען, מלכה. (קוקנדיק אין אירע אויגן, אָפּ)

פרוי:

(פאַלט אַריין):

געהערט די נייעס, מענדל? אין דער פעפער־גאַס האָט מען געכאַפּט צוויי וואָס האָבן געהערט די נייעס פון אַ קעסטל...

מענדל:

אוי וויי, אַ גרויס אומגליק. ווער ווייסט וויפל מענטשן עס וועט קאָסטן דאָס לעבן.

פרוי:

הערט ווייטער: עפּעס איינער אַ ווידאַווסקי איז געוועזן דער גאַנצער מאַכער ביים הערן די נייעסן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים דעם ערשטן זוכן, און ער וועט מוזן זאָגן וועמען ער האָט נאָך דערציילט די נייעס — האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן, ער האָט זיך געסמט.

יונה:

(פאַלט אַריין):

געהערט? אַ גרויס אומגליק אויפן געטאָ, מענדל. ווער ווייסט ביי וויפל יונגע מענטשן און טאַטעס פון קינדער עס וועט קאָסטן דאָס לעבן. וואָס טויג מיר די „נייעס", אַז מיר קאָנען זיך נישט העלפן. אוי, אַן אומגליק!

2טע פרוי:

(פאַלט אַריין):

געהערט די נייעס, אַן אומגליק אויפן געטאָ!

3טע פרוי:

(פאַלט אַריין):

אוי, אַן אומגליק! (אַלע בלייבן פאַרגאַפּט שטיין)

אַלע:

אוי, אַן אומגליק!

יונה:

אוי, אַן אומגליק אויפן געטאָ! (פינצטער)

פאָרהאַנג

משוגעים־הויז

אַ שמאָל קורץ געסל, וואָס פירט צום משוגעים־הויז. פאַרן אַריינ־גאַנג — אַ טויער פון רויטע ציגל. צווי געזימסן פון ביידע זייטן טויער. אַ ביסל ווייטער פון קראַנקנהויז שטייט דאָס עלטסטע בית עלמין אין לאָדזש. היינט צו טאָג ווערט שוין דאָרט נישט באַגראָבן. פון דער ווייטנס — איינגעזונקענע מצבות, וואָס זעען אויס ווי האַלב באַגראָבענע שטיינער פון אַ צעשטערט הויז. אין דעם קראַנקנהויז זענען געווען אַ סך איינגעבירגערטע פּאַציענטן, נאָך פון פאַרן קריג, אויך נייע פּאַציענטן, — קרבנות פון הונגער אין לאָדזשער געטאָ. עפּעס פילט זיך אין דער לופט, עס דאַרף וואָס פאַרקומען, אַלע קראַנקע זענען אומרואיק.

דוד:

(וואָס דאַרף אַהיימגיין אַ געזונטער):

אַ מאָדנע שטימונג היינט, יעדעס מאָל קומען קאָמיסיעס, אָבער די היינטיקע קאָמיסיע וואָס דאַרף קומען, האָט געשאַפן אַן אומרואיקייט. פאַרוואָס בין איך נישט אַהיימגעגאַנגען מיט צוויי וואָכן פריער? מען האָט דאָך מיך געוואָלט אויסשרייבן..

קראַנקנשוועסטער:

וועסט אַהיימגיין מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, וואָס האָסטו פאַרשפּע־טיקט? דאָס גוטע עסן, די וואַרעמע שטוב? דאָ איז פּאַרט דאָ אַ ביסל עסן און אַ ביסל וואַרעמקייט — מער ווי ביי דיר אין דער היים.

דוד:

שוועסטער, דו פילסט גאָרנישט? דו רעדסט אַזוי רואיק, און איך פיל עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל.

קראַנקנשוועסטער:

דו ביסט היינט בלאַס און זייער אויפגערעגט, איך וועל דיר ברענגען עפּס אויף צו באַרואיקן. (שטעלט זיך אויף און וויל גיין)

דוד:

נייך, מען דאַרף נישט, דאָס וועט נישט העלפן.

קראַנקער:

(שוואַרצער נידעריקער בחור אין די דרייסיקער, זינגט: „טאָ קום, טאָ קום!"):

פאַרוואָס ביסטו אַוועקגעפאָרן, פאַלע? איך האַלט אין איין פרעגן פאַרוואָס? און דו ענטפערסט מיר נישט. פאַרוואָס? (זינגט) טאָ קום, טאָ קום! (לאַכט)

דוד:

אים איז גוט, ער ווייסט נישט און פילט נישט. אונדז איז אַ סך ערגער, אַ גרויס רחמנות כאַפּט מיך אָרום ווען איך טראַכט וועגן די אומגליקלעכע... (עס הערט זיך דאָס רוישן פון אויטאָס, שפרינגט אויף) יאָ, זיי זענען געקומען אונדז נעמען.

סעקרעטאַר:

(אין די פופציקער, לויפט אַריין):

געהערט די נייעס? זיי זענען געקומען נעמען אַלע קראַנקע, עס איז נישט קיין קאָמיסיע.

דוד:

איך האָב געפילט, אַז עפּעס שרעקלעכס וועט היינט פאָרקומען. נו, וואָס זאָגסטו, שוועסטער?

קראַנקנשוועסטער:

אפשר האָב איך אויך געפילט, איך האָב דיך געוואָלט באַרואיקן, דיינע נערוון איינשטילן. וואָס קאָנען מיר טאָן? מיר זענען ביי זיי אין די הענט. זיי האָבן זיך צופיל אינטערעסירט מיט די קראַנקע, און ס'לעצטע מאָל האָבן זיי פאַראָרדנט מען זאָל זיי ווי אַמשנעלסטן שיקן די ליסטע פון אַ ל ע, וואָס געפינען זיך אין קראַנקנהויז.

דוד:

אָבער איך בין דאָך שוין געזונט, איך דאַרף שוין אַהיימגיין, וואָס ווילן זיי פון מיר?

סעקרעטאַר:

מיר האָבן אפילו געשריבן וועלכע פאַציענטן זענען שוין געזונט און דאַרפן אַהיימגיין. איצט זענען זיי געקומען נעמען אַלע... (עס הערן

זיך שטאַרקע טריט פון־שטיוול. די טיר עפנט זיך און ס׳קומט אַריין אַ דייטשער אָפיציר, קוקט ווילד אַרום)

אָפיציר:

אַלעס איז פערטיק?

סעקרעטאַר:

יאַוואָל! אַלעס!

דוד:

(גייט נאָענט צום אָפיציר און קוקט אים גלייך אין די אויגן):

איך בין נאָך נישט פאַרטיק, איך מוז אים עפּעס זאָגן.

אָפיציר:

ראַוס! דו הונדע! (גיט אים אַ שמיר מיט דער רוט איבערן פּנים)

דוד:

(ווישט זיך אָפּ דאָס בלוט פון פּנים):

איר, מערדער־פאָלק, וואָס איר זענט, איר דענקט אַז אַזוי בלייבט עס? אָ ניין! איר, פאַרברעכער! די צייט וועט קומען און איר וועט פאַר אַלץ טייער באַצאָלן.

אָפיציר:

(ווערט ווילד, שלאָגט אים איבערן קאָפּ):

ראַוס, דו שוויין, איך וועל דיר צייגן. ווו זינד אַלע קראַנקע?

סעקרעטאַר:

אין די צימערן.

אָפיציר:

אַלעס רונטער אויפן פּלאַץ!

סעקרעטאַר:

יאַוואָל!

אָפיציר:

דו קאָמסט מיט מיר שאָן.

דוד:

יאָ, איך גיי מיט מיינע קראַנקע ברידער און שוועסטער. זיי ווייסן נישט ווו זיי גייען, איך ווייס ווו איר נעמט אונדז און וואָס איר וועט

מאַכן מיט אונדז... נישט לאַנג האָט איר דאָס קראַנקנהויז אויף דער פּוילישער גאַס אויך צוגענומען, און די קליינע קינדער האָט איר אין זעק געפּאַקט, איר מערדער־פּאָלק! (לויפט צו מיט די פויסטן) **און אויף די אויטאָס געוואָרפן, איר מערדערס פון אַלע צייטן!** (קריגט ווייטער געשלאָגן)

אַפּיציר:

ראַוס! דו שייסקיבל! (אָפּ)

(אויפן הויף — אויטאָס אויסגעשטעלט. די קראַנקנשוועסטער פירט די שוואַכע צום אויטאָ).

1טער אַריינגעפירטער:

אַלע פאָרן! אַלע פאָרן שוין! (לאַכט און וויינט)

2טער אַריינגעפירטער:

(ציטערט):

עס איז אַזוי וואַרעם. וואָס טוט מען דערצו? האַ, וואָס זאָגסטו? איצטער עסן, אָדער שפּעטער?

פרוי:

(רעדנדיק צו זיך):

זיי געזונט, מיין קינד. וועסט זען, כ'וועל קומען צו דיר, נאָך אַ ביסל, און כ'וועל זיין מיט דיר. זע, מיין קינד, מען זאָל דיר די שיכעלעך אָנטאָן, און ס'קליידעלע אויך. זיי געזונט, וועסט זען, כ'וועל קומען. (גייט אַריין אין אויטאָ)

דוד:

(גייט צו צום אויטאָ, בלייבט שטיין פאַרן אַריינגאַנג):

איר מערדער, איר קוילעט אויס אונדזער פאָלק. איר מיינט, אַז איר בלייבט ביי אַלעמען, אָ, ניין! די צייט וועט קומען און אייער סוף וועט זיין! (ווענדט זיך צו דער קראַנקנשוועסטער) **זייט געזונט, קראַנקנשוועס־טער! אויב איר בלייבט — דערציילט. זאָלן די, וואָס בלייבן, וויסן און דערציילן זייערע קינדער וואָס מען האָט געטאָן מיט קינדער און דער־וואַקסענע אין געטאָ. זייט געזונט!**

(גייט שנעל אַריין אין אויטאָ, דער אָפּיציר קלאַפּט צו די טיר. די אויטאָס הייבן אָן אַרויספאָרן דורכן טויער. די קראַנקנשוועסטער בלייבט

שטיין ווי פאַרגליווערט, און טרערן קייקלען זיך איבער איר פּנים. שפּעטער הייבט זי אָן גיין ווי נאָך אַ לויה... עס הערט זיך אַ שטיל געוויין. דאָס ליכט ווערט שטופנוויז איינגעצויגן ביז פינצטערניש).

פאָרהאַנג

יתומים־הויז

מאַרישין, אַ פּלאַץ, ווו עס האָט זיך געענדיקט די געטאָ־גרענעץ, און עס זענען געוואָרן צוגעפירט געוויסע אַרטיקלען, וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרן אין געטאָ, ווי קוילן, קאַרטאָפל, האָלץ. די געגנט — אַ שיינע, אַ לופטיקע. דאָרט האָט זיך געפונען דאָס יתומים־הויז.
אַ צימער, צוויי בעטלעך, צוויי שטולן, אַ טיש, אַ שענקל מיט ביכער.

1טע לערערין:
רות, דו ווייסט, איך שלאָף שוין נישט אַ סך נעכט, עפּעס האָב איך אַ פאַרגעפיל, אַז עס קומט אַן אומגליק. די דייטשן האָבן צופיל אויפ־זיכט איבער אונדזערע קינדער. כ׳האָב זייער מורא עס זאָל נישט עפּעס געשען. כ׳מוז דיר זאָגן, אַז אויך ביי די קינדער פילט זיך אַן אומ־רואיקייט, איך לייען עס אַראָפּ פון זייערע פּנימער.

2טע לערערין:
מינאַ, איך קאָן דיר אויך עפּעס דערציילן. די לעצטע טעג פיל איך, אַז אונדזער טייבעלע וויל מיט מיר רעדן. איך האָב דאָס געפיל, אַז דאָס קינד פילט עפּעס, און זי וויל איך זאָל איר ענטפערן אויף געוויסע פראַגן. זי וואָלט זיכער מיט מיר גערעדט, ווען נישט דאָס פּלוצעמדיקע אַריינפאַלן פון אַלטן... די קינדער זענען געוואָרן זייער דענערווירט, זיי האָבן אויסן אַלטנס פּנים דערקענט, אַז ער לעבט איבער אַ שרעקלעכע זאַך. דער אַלטער האָט זיך שפּעטער פאַרענטפערט, אַז היינט האָט ער געהאַט אַ שלעכטן טאָג אויפן באַלוטער מאַרק, ווו די דייטשן זיצן. דער אַלטער האָט מיט די דייטשן געהאַט אַ קאָנפערענץ איבער אַ האַלבן טאָג...

טייבעלע:
(קלאַפּט אין טיר, קומט אַריין):

גוט־נ׳אָונט, לערערין! איר וועט נישט זיין בייז וואָס איך בין

איצט געקומען צו אייך. איך וויל זיך מיט אייך אַדורכרעדן, איך מוז זיך מיט אייך אַדורכרעדן, ווייל עס קאָן אַמאָל זיין צו שפּעט...

2טע לערערין:

טייבעלע, קום אַהער נענטער און זעץ זיך. וואָס עפּעס איצט? דו דאַרפסט דאָך שוין שלאָפן.

טייבעלע:

ניין, לערערין, איצט איז די בעסטע צייט מיך אייך צו רעדן. איך וויל נישט, אַז אַנדערע קינדער זאָלן וויסן וואָס איך וויל אייך פרעגן.

2טע לערערין:

רעד, טייבעלע, וואָס ווילסטו מיך פרעגן?

טייבעלע:

לערערין, איך האָב דאָך קיינעם נישט אַחוץ אייך... און די אַנדערע קינדער, וואָס זענען מיט מיר. איך וויל וויסן וואָס באַדייט דאָס אָפּטע קומען פון פּרעזעס... און די קאָמיסיעס וואָס קומען לעצטנס, און זיי, די שרעקלעכע מענטשן... עפּעס פילט זיך, איך קאָן עס נישט זאָגן מיט ווערטער. ווען איך גיי שלאָפן טראַכט איך אַ סך און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז נישט גוטס וועט קומען. איך בעט אייך, לערערין, באַהאַלט נישט פאַר מיר און זאָגט מיר דעם אמת.

2טע לערערין:

טייער טייבעלע, דו ביסט דאָך אַ מיידעלע מיט פאַרשטאַנד, דו ווייסט דאָך, אַז מיר געפינען זיך אין געטאָ. און וועלכן אמת קאָן איך דיר זאָגן? מיר ווייסן דאָך קיינער נישט וואָס עס וועט זיין מיט אונדז. דער פּרעזעס טוט אַלץ וואָס מעגלעך, און אפשר מער, אַז עס זאָל קיין שלעכטס נישט געשען אין געטאָ, און אייך אַוודאי נישט. טייערינקע, וואָס קאָן איך דיר זאָגן?

טייבעלע:

לערערין, עס קאָן זיין מען זאָל אונדז וועלן אַרויסשיקן (מיט אַ געשטיקט קול) פון געטאָ, פאַר דעם האָב איך זייער מורא, לערערין. איך זע, אַז דער פּרעזעס איז לעצטנס זייער אויפגערעגט און האַלט אין איין קוקן אויף אונדז... האָב איך באַשלאָסן כ'וועל גיין צו אייך, מיט אייך זיך

אַדורכרעדן און זיך דערוויסן ווי עס האַלט. איך האָב געמוזט גיין צו אייך און פרעגן, ווייל איר זענט ביי מיר אַלץ וואָס איך האָב...

1טע לערערין:

טייבעלע, גיי לייגט זיך שלאָפן און קלער נישט וועגן דעם, עס איז דאָ ווער עס זאָל קלערן, דער פּרעזעס האַלט אָפןביידע אויגן. דו ווייסט דאָך, אַז ער וואָלט זיין לעבן אַוועקגעגעבן פאַר אייך, קינדער. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל אייך עפּעס געשען...

טייבעלע:

(פאַרטראַכט, גייט אָפּ):

אַ גוטע נאַכט, לערערין, זייט נישט בייז וואָס איך האָב אייך געשטערט.

2טע לערערין:

עס מאַכט נישט, טייבעלע, גיי שלאָפן. אַ גוטע נאַכט (נעמט זי אַרום, באַגלייט זי)

1טע לערערין:

מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם. דו זעסט, טייבעלע איז אין גאַנצן פאַרענדערט. זי איז אַ קלוגע, פילט און פאַרשטייט...

2טע לערערין:

טייבעלע האָט קיין ענטפער פון אונדז נישט באַקומען. מיר האָבן איר געדאַרפט זאָגן ווי די לאַגע זעט אויס פּאַקטיש. עס איז שפּעט, מען דאַרף זיך לייגן שלאָפן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ טרויעריקע נייעס דער טאָג וועט ברענגען. (טוען זיך אויס, לעשן אויס די ליכט. אַ שיין פון ליכט פאַלט פון גאַס אַריין) ווי לאַנג מיר וועלן זיין אין געטאָ, וועט אונ־דזער לעבן זיין פול מיט שרעק.

1טע לערערין:

מינאַ, איך האָב דעם איינדרוק, אַז עס דרייט זיך ווער פאַר אונדזער פענצטער. ווער קאָן דאָס זיין אַזוי שפּעט?

2טע לערערין:

איך וועל זען (גייט אַראָפּ פון בעט, קוקט זיך איין אין פענצטער) רוט, קום אַהער, דער אַלטער און נאָך אַ פּערזאָן גייען און זיי רעדן.

דער אַלטער מאַכט מיט די הענט און כאַפּט זיך ביים קאָפּ אַלע ווײַלע. לאָמיר גיין שלאָפן, אַ גוטע נאַכט (פינצטער. דער אַלטער דרייט זיך פאַרן הויז ווו די קינדער געפינען. ער קוקט אַריין אין יעדן פענצטער, נאָך יעדן קוק פאַרטראַכט ער זיך).

פּרעזעס:

פול מיט ווייטאָג און פּיין איז אָנגעפּילט מיין האַרץ. אַ האַלבן טאָג האָבן זיי מיך געהאַלטן און געמאַטערט. איין זאַך ווילן זיי איצטער — איך זאָל זיי די קינדער אַרויסגעבן. אַ סך מאָל האָב איך שוין אָפּגעהאַנדלט ביי זיי... אָבער איצטער האָבן זיי עס פון מיר געפאָדערט צום לעצטן מאָל. אוי וויי, וואָס איך האָב דערלעבט אויף מיינע אַלטע יאָרן. איך וועל מוזן אַוועקגעבן מיינע טייערע קינדערלעך, ווי איז מיר (צעהוסט זיך שטאַרק). איך, חיים, וואָס כ'האָב מיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר קינדער, טאָג און נאַכט געזאָרגט פאַר זיי, וועל איצטער מוזן זיין דער, וואָס כ'וועל זיי מוזן אַוועקגעבן די רוצחים! מיינע טייערע קינדערלעך, ווי איז צו מיר... (ברעכט זיך די הענט. פון דער זייט באַווייזט זיך אַ פלעק פון אַן אַלטן)

געוויסן:

רעד ווייטער, איך האָב אַלץ געהערט.

פּרעזעס:

ווער ביסטו? און פון וואַנען קומסטו? ווו גייסטו אַזוי שפּעט?

געוויסן:

איך קאָן אויך נישט שלאָפן. דאָס געטאָ איז אין געפאַר.

פּרעזעס:

פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט עס דיר געזאָגט?

געוויסן:

האָסט היינט געהאַט אַ שווערן טאָג מיט די מערדער, זיי האָבן דיך לאַנג געמאַטערט, דו וועסט נישט אויספירן. די קינדער, וואָס זענען ביי דיר אַזוי טייער, וועסטו מוזן אַוועקגעבן. און וואָס וועט זיין פון דעם אַלעם? פאַרוואָס זאָגסטו זיך נישט אָפּ פון דיין מלכות? פאַרוואָס האָסטו נישט קיין מוט און כוח צו זאָגן: נעמט מיך, און די קינדער וועל איך

איך נישט געבן? זאָג זיך אָפּ פון אַלע. זאָלן די מערדער אַליין נעמען די קינדער, זאָלן זיי אַליין אַרויסשיקן די מענטשן פון געטאָ, דו מיש זיך נישט. ווי האָט געהאַנדלט אַדאַם טשערניאַקאָוו אין וואַרשע? ער איז אַזוי לאַנג געווען פּרעזעס, ווי לאַנג מען האָט נישט פון אים צופיל פאַרלאַנגט. ווען די מערדער זענען צו אים געקומען און געזאָגט, אַז מאָרגן מוז וואַרשע געבן צוואַנציק טויזנט יידן צום טראַנספּאָרט, איז ער אַוועק אין זיין ביוראָ און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. דאָס איז אַ ייד מיט ווירדע, ער האָט געהאַט כוח איבער זיך, און דו האָסט עס נישט...

פּרעזעס:

צו שפּעט. איך האָב זיך צופיל אַנגאַזשירט מיט זיי... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען אָפּראַטעווען דאָס געטאָ. איך האָב די יידן אַריינגעפירט אין געטאָ. האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל זיי קאָנען אַרויספירן פון געטאָ, נאָר ליידער איז צו שפּעט...

געוויסן:

פאַרוואָס האָסטו נישט אויסגערעכנט, אַז דו וועסט מוזן טאָן אַלע שמוציקע אַרבעטן? אָט האָסטו געהייסן מאַכן אַ שטול צום שמייסן מענטשן. דאָ נישט לאַנג האָסטו אַרויסגעשיקט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט. און דו ווייסט דאָך ווו מען שיקט זיי...

פּרעזעס:

אמת, איך האָב געהייסן מאַכן די שטול, ווייל איך האָב בעסער געוואָלט אַליין באַשטראָפן, איידער די דייטשן זאָלן עס טאָן. ביי מיר וואָלטן זיי אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר שמיץ, און זיי וואָלטן די מענטשן געהאָנגען. איך טו אַלץ וואָס איז מעגלעך. איך האָב איצטער איינגעקויפט גרויסע טראַנספּאָרטן קאַרטאָפל, אָפּצוראַטעווען די מענטשן פון הונגער־טויט; איינגעשטעלט איבער הונדערט פאַבריקן, אַז מענטשן זאָלן קאָנען אַרבעטן, און איך זאָל קאָנען פאָדערן פאַר זיי לעבנסמיטל. איך טו אַלץ אויף צו ראַטעווען לעבנס אין געטאָ, קומסטו מיט טענות. איז וואָס דאַרף איך טאָן?

געוויסן:

אַוועקגיין פון מלכות...

פרעזעס:

עס וועט זיין ערגער. זיי וועלן אַדורכפירן אַ שחיטה איבערן געטאָ. וואָס וועלן מיר געווינען?

געוויסן:

דאָס געטאָ איז פאַראורטיילט...

פרעזעס:

ניין! איך קאָן נישט, איך מוז בלייבן מיט אַלע יידן ביזן לעצטן טאָג אין געטאָ. איך וועל קעמפן וויפל עס וועט זיין אין מיינע כוחות. איך וועל נאָך אַלץ פּרובירן, און אפשר וועט מיר געלונגען, כ׳זאָל „זיי" די קינדער נישט אָפּגעבן (דער שאָטן פאַרשווינדט). ווער איז דאָס געווען? צו וועמען האָב איך גערעדט די גאַנצע צייט? אַך! ווי קאַלט עס איז מיר אין דיביינער! ווי איז מיר, מיינע קינדערלעך! (אָפּ)

נאַראַטאָר:

אַ טאָג שפּעטער האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט אַ טראַנספּאָרט־וואָגן מיט די קינדער, די יתומים, אָנגעטאָן אין בגדי מלכות, האָבן געזונגען פאַרשידענע לידער פון שול. דער וואָגן האָט די קינדער צוגעפירט צום באַלוטער מאַרק. דאָרט האָבן די דייטשע מערדער איבערגענומען די קינדער, אַרויפגעזעצט זיי אויף אויטאָס און פאַרשוווּנדן.

פאָרהאַנג

מען טאָר נישט פאַרגעסן

אַ פאַרבאָרגענער כוח לאָזט מיך נישט רוען:
— באַשרייב אַלע פאַקטן, וואָס האָבן פּאַסירט;
צום וויפלטן מאָל אין די פינצטערע שעהען
דער טויט האָט אין לאַגער דיין לעבן באַרירט.

באַווייז דיינע ברידער מיט בלוט אויף די ליפּן —
זיי זענען געווען פאַר די דייטשן אַ שפּיל.
פאַרוועדט איז געווען זיי צו וויינען און כליפּען,
צום אומקום מען האָט זיי געפירט אין דער שטיל.

מען טאָר נישט פאַרגעסן די גרוילִיקע בילדער,
וואָס אָט די תלינים האָבן פאַרטראַכט.
ס'איז זייער רציחה געוואָרן נאָך ווילדער
ווען ס'האָבן די מערדער ציניש געלאַכט.

וואלף אדלער

בילדער פון קאנצענטראציע־לאגער

געצייכנט אין עבעלסבערג, עסטרייך, 1944–1945



„אַרבייט מאַכט פריי"...



„אָרדנונג מוז זײַן!"



דער אויוון...

אַ קאַצעטלער

משה פולאווער
א ייִדישער
אקטיאר
שפילט טעאטער
אין די קאנצענטראציע-לאגערן



מ. פולאַווער שפּילט טעאַטער אין אוישוויץ



דער ציל

די מאַכט



אויף דער בוישטעלע



ביי דער אַרבעט

פאַרצווייפלונג

אַ יוגנטלעכער

פרויען הינטערן בלאָק



מ. פולאָווער — ש. ראָזענבלום
אויפטריט אין וואָלפסבערג



די טײַוול־בריק

אין די טונעלן

וואָלף אַדלער — אויטאָפּאָרטרעט

ו. אַדלער מאָלט אַמעריקאַנער זעלנער

מאי 1945

אינהאַלט

געווען איז אַ געטאָ

רחלע און גיטעלע 9
קוילנגרעבער אין לאָדזשער געטאָ 11
שלמה מיט די זומערשפּרענקעלעך 13
אַ יידיש קינדער־טעאַטער 15
גיב מיר אָפּ מיין ברויט 17
באַהאַלטענע קינדער 19
אַ טעלערל מאַלינעס 21
געשוואָלענע מענטשן 23
ציגיינער אין געטאָ 25
חנה די שמוגלערין 27
רומקאָווסקי און זיין מלוכה 30
„דער קייסער פּאַרט" 36
אַלטשור־לאַגער 38
טעאַטער אין געטאָ 41
די היים 48
בייטשן 50
דייטשע יידן אין געטאָ 52
דאָס רויטע הויז 54
לאָדזש, די טעאַטער־שטאָט 57
יידישע אַקטיאָרן אין לאָדזשער געטאָ 59
היטלערס מאַסקע 61
יאַנעק 63
אַ שוך 65
די קוימענקערער 67

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס

אויגוסט 1944	75
אוישוויץ	78
דער „מגיד" פון אוישוויץ	80
אַ טרויער־אַקאַדעמיע אין אוישוויץ	82
יאַקוב, דער געטאָ־זינגער	84
אַ קאָנצערט ביי די קאַנאַדער	85
אין רעוויר	86
לאַגער וויסטערגיסדאָרף	88
דאָס פובליקום	90
די פאָרשטעלונג	92
לאַגער שטרענצעלבערג	93
וואָלפסבערג	95
דער מאַרק אין וואָלפסבערג	97
דער אויפטריט אין וואָלפסבערג	99
נייע פנימער	103
שאָנונגס־בלאָק	105
דער אַרויסמאַרש	107
אָפענע וואַגאָנען	108
סטאַראַ־פאַקאַ	110
עבענזע	112
בלאָק 19	114
די צוויי לאַגער־פירער	117
אַ נייע פונקציע	118
ביי די בעקער־אַרבעטער	120
אויף רושטאָוואַניעס	121
מען שושקעט זיך	123
ערב דער באַפרייונג	125
ראַדיאָ־ידיעות	128
באַפרייונג	130
קאמערשעפלינג	134
באַד גאַסטיין	135
עבעלסבערג	138

מיר ווילן בלייבן

אַריינפיר	143
שטרוי־פאַבריק	145
בית־עלמין	150
מעטאַל־פאַבריק	155
אַלטשו־לאַגער	160
אין שולגעסל	164
דאָס קאָווע־געוועלבל	169
משוגעים־הויז	175
יתומים־הויז	180
מען טאָר נישט פאַרגעסן	186

וואָלף אַדלער
בילדער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער